STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02131

KHMURNER-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02131-8

9780657021313T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

כמורנער־בוך

שער־בלאַט געצייכנט פון יצחק ליכטענשטיין

כמורנער־בוך

פארלאג אונזער צייט

ניו־יארק, 1958

Chmurner-Book

Copyright 1958
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y. 200

דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון
מאיר וואַסערס (חיימס) פרוי מרים (מאַניע) גלאַזער־
וואַסער און טאָכטער הינדע (האַנושע), וועלכע
זענען פאַרברענט געוואָרן אין היטלערס
קרעמאַטאָריעס.

אויספירנדיק די צוואה פון חבר חיים — מאיר וואַסער, וועלכער איז פּלוצים געשטאָרבן דעם 7טן סעפּטעמבער 1953 אין ניו־יאָרק, גיט איבער די גרופּע חברים, וועמען דער פאַרשטאָרבענער האָט אָנפאַר־טרויט דאָס אויספירן זיין לעצטן פאַרלאַנג, דעם יידישן סאָציאַליס־טישן לייענער־עולם דאָס כמורנער־בוך. מיט דעם דערפילן מיר אַ חוב לגבי אַ געטרייען בונדיסט און איבערגעגעבענעם חבר, פאַר וועמען דאָס פאַראייביקן דאָס לעבן פון י. כמורנער — יוסף לעשטשינסקי איז געווען איינער פון די צילן פון זיינע לעצטע יאָרן, וואָס זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט טיפן טרויער און גרויסער בענקשאַפט.

פאַר דער מאיר וואַסער־פונדאַציע

לעאָן אָלער, לעאָן בראַנדעס,
אפרים לוזער זעלמאַנאָוויטש,
מאָטל זעלמאַנאָוויטש.

דאָס כמורנער־בוך דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון אַ קאָ־לעגיע, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן דורך אַ גרופּע אידעישע פריינט פון פאַרשטאָרבענעם חבר חיים און איז באַשטאַנען פון די חברים: לייוויק האָדעס, לעאָן אָלער, מאָטל זעלמאַנאָוויטש, סאָפיע דובנאָוו־ערליך און שרה שוועבער.

די רעדאַקציע דריקט אויס איר טיפן באַדויערן, וואָס דער חבר לייוויק האָדעס, וועלכער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, האָט נישט דערלעבט צו דערזען דאָס דערשינענע בוך.

די רעדאַקציע און מחברים האַלטן פאַר זייער חוב צו דאַנקען אַלע יחידים און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן צום דער־שיינען פון בוך דורך אויסבאָרגן דאָקומענטן, בריוו און פאָטאָגראַפיעס. אַ באַזונדער דאַנק און אָנערקענונג קומט דער פאַרוואַלטונג און די מיטאַרבעטער פונעם „בונד"־אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג א. נ. פון פראַנץ קורסקי אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן אַלץ געטאָן, אַז דער אַרכיוו־מאַטעריאַל זאָל קענען ווי אַמבעסטן אויס־גענוצט ווערן.

אינהאַלט:

זייט

לעאָן אָלער: די לינקע ריכטונג אין בונד פון פוילן 9

סאָפיע דובנאָוו־ערליך: יוסף לעשטשינסקי — זיין לעבן און שאַפן 45

פון י. כמורנערס ליטעראַרישער ירושה 177

דאָס כמורנער־בוך ווערט אַרויסגעגעבן דורך חברים, אָנהענגער פון דער שיטה אין בונד, וואָס ס׳האָבן רעפּרעזענטירט י. כמורנער און מאיר וואַסער, און זיי טראָגן די אחריות פאַרן אינהאַלט פון דעם בוך.

פאַרלאַג „אונזער צייט"

לעאָן אָלער (פּראָבוס)

די לינקע ריכטונג („צווייער״)
אין בונד פון פוילן

(אַ קווער-שניט)

„מיר שטייען אויפֿן באָדן פֿון דער פּאַרטיי און מיר ווילן נישט און וועלן נישט קיינעם אָפּגעבן די בכורה אויסשליסלעך און אַליין צו רעדן אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי.‟

(ח׳ ראַפּאַלאָוויטש „וואָס ווייטער‟,
„קעגן שטראָם‟, אויגוסט 1930)

אין די דאָזיקע שורות, וועלכע זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין די געשפּאַנטע טעג נאָכן לאָדזשער צוזאַמענפֿאָר פֿון פּוילישן בונד, איז דער פּאַרענטפֿער פֿאַר דער דערשיינונג פֿון דעם „כמורנער־בוך‟.

ס׳האָט זיי געשריבן מיט יאָרן צוריק דער חבר חיים (מאיר וואַסער). ער האָט געדענקט וועגן זיי אין די שעהן, ווען ער האָט געמאַכט זיין לעצטן חשבון הנפש און איבערגעלאָזן זיין צוואה, ס׳זאָל אַלץ געטאָן ווערן, אַז דאָס לעבן און שאַפֿן, און קודם כל דאָס בונדישע שאַפֿן, פֿון י. כמורנער, דעם אידעאָלאָג פֿון דער לינקער ריכטונג אין פּוילישן בונד, זאָל פֿאַראייביקט ווערן אין אַ בוך.

דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט אין אַ צייט, ווען בונדיסטן, די ווייניק געבליבענע פֿון דער אַמאָל גרויסער רעוואָלוציאָנערער מחנה, צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט, פֿייערן דעם 60יאָריקן יובל פֿון בונד.

אין דער געשיכטע פֿון דעם וואונדערלעכן בונד פֿאַרנעמט דער בונד אין פּוילן אַ גאָר באַזונדערן אָפּשניט. ס׳וועט נישט פֿול זיין די געשיכטע זיינע, אויב ס׳וועט נישט צוקומען קיין באַשרייבונג פֿון יענער ריכטונג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע, אומפֿאַרגעסלעכע השפּעה אויף דער געשטאַלטונג פֿון דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון פּוילישן בונד — פֿון דער לינקער ריכטונג, דער שפּעטער באַקאַנטער 2־ער ריכטונג.

ס׳איז געווען די טיפֿע איבערצייגונג פֿון די „צווייער‟, אַז אויב דער בונד אין פּוילן האָט די גאַנצע צייט פֿון זיין עקזיסטענץ איינגעהאַלטן זיין כאַראַקטער פֿון אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז דאָס געווען אין אַ גרויסער מאָס אויך דער רעזולטאַט פֿון דער ראָל, וועלכע די צווייער ריכטונג האָט געשפּילט אין דער פּאַרטיי.

מיר פֿילן דעריבער אַז דאָס כמורנער־בוך איז לכל הפּחות אַ טייל־

ווייזע דערפילונג פון אַ גרויסן חוב, וואָס ליגט אויף אונז, אויף די, וואָס פילן זיך אין טיפער אידעאָלאָגישער און עמאָציאָנעלער פאַרבינדונג מיט דער צווייער ריכטונג פון פוילישן בונד און אירע באַזונדערע פירער און טוער.

אידעען און פּראָבלעמען, שטרייטן און קאַמפן, וואָס האָבן אין משך פון איבער צוויי צענדליק יאָר אָנגעפילט די מוחות און הערצער, געווען דער אינהאַלט פון לעבן פון אַ האַלבער פּאַרטיי און וואָס זענען דורך אָט די שטענדיק אומרואיקע, ברויזנדע רעוואָלוציאָנער־געשטימטע „צווייער" געטראָגן געוואָרן ווייטער אויסער די ראַמען פון דער פּאַרטיי צו די טויזנטער יידישע אַרבעטער, האָבן טיף באַאײַנפלוסט די גאַנצע פּאַרטיי, דעם גאַנצן בונד.

און ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן דער כלל, אַז „אַ פּאַרטיי איז נישט קיין אַריטמעטישע סומע פון צוויי־דריי צי מער ריכטונגען. די פּאַרטיי מוז זיין, אויב זי זאָל נאָרמאַל פונקציאָנירן, מער ווי אַן אַריטמעטישער חיבור — זי מוז זיין אַן אָרגאַנישע אייַנהייט, און אויב זי דאַרף און זאָל דאָס זיין, מוזן אַלע אירע טיילן גלייך נאָרמאַל לעבן". (י. כמורנער, „נאָך לאָדזש", „קעגן שטראָם", אויגוסט 1930).

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, האָבן די שאַרפסטע פון דער „צווייער" ריכטונג אָנערקענט די רעכט פון אַ מינדערהייט נאָר פאַר דער לעגיטימער ריכטונג. ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ לעגאַליסטישן צוגאַנג: דער באַגריף לעגיטים האָט אויך געמיינט: טיפע איינגעוואָרצלטקייט אין דער פּאַרטיי, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון דער גאַנצער פּאַרטיי — אומאָפּהענגיק דערפון צי די ריכטונג איז אין דער מערהייט אָדער אין דער מינדערהייט.

די שאַרפע קאַמפן, וועלכע די „צווייער"־ריכטונג האָט געפירט אין דער פּאַרטיי, זענען שטענדיק באַגלייט געוואָרן מיט דער זאָרג פאַרן גורל, וואוקס און ווירקונג פון דער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע.

און די זעלבע זאָרג פילט אונז אָן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דער געשיכטע פון פוילישן בונד. אונזער געפיל איז, אַז ס'איז אויך אונזער זאָרג און אויפגאַבע, אַז די געשיכטע זאָל זיין אַ פולע — און צו דעם גיבן מיר צו אונזער צושטייער.

* * *

י. כמורנער איז געקומען צום פוילישן בונד אין 1921, ווען ס'האָט זיך שוין אין די רייען פון דער פּאַרטיי געפירט דער גרויסער אידעאָלאָגישער שטרייט אין משך פון איבער צוויי יאָר און ס'האָט זיך שוין געהאַט אויספאָרמירט די לינקע ריכטונג. פון דאַן אָן ביז האַלב 1935

איז ער געווען אין שפּיץ פונעם ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערן פליגל פון אונזער פּאַרטיי —— געדינט אים מיט זיין פעדער און וואָרט, מיט זיין שׂכל און האַרץ.

נאָך זיין טויט איז אין דער פּאַרטיי און דער ריכטונג פאַרבליבן נאָר אַ קורצער צייט־שפּאַן פון אָפענער מאַסן־טעטיקייט, וועלכער איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אַזוי גרויזאַם און ברוטאַל דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען דייטשישע חיילות האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש צו וועלט־צעשטערונג און אויסראָטונג פון יידישן פאָלק.

אָבער ביזן לעצטן טאָג פון פוילישן בונדס ווירקן און שאַפן, פון זיין קאַמף און געראַנגל אַפילו אין גרויליקע טעג פון נאַצישער מאָרד־ממשלה איבער פוילן, האָט מיטגעלעבט מיטן בונד און אין אים אַלס אומצערייסבאַרער, אינטעגראַלער טייל, די „צווייער־ריכטונג".

דאָס „כמורנער־בוך" פאַראייביקט אייניקע פון די שענסטע געשטאַלטן, וועלכע דער פוילישער בונד האָט געהאַט צווישן זיינע פירער. מיר ווילן נאָר אין דעם אַריינפיר אָנצייכענען דעם וועג, וועלכן די „צווייער"־ריכטונג האָט אַדורכגעמאַכט אין בונד און צוזאַמען מיטן בונד.

* * *

דריי מאָמענטן צייכענען דעם „בונד" אין פוילן באַזונדערס אויס:

דער ערשטער — אים איז אויסגעקומען די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ צו ווירקן ווי אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי סיי אין לאַנד סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע. אָנשטאָט דעם אַלטן קאַמף פאַר די רעכט פון אַן אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין די ראַמען פון דער לאַנד־פּאַרטיי, וועלכן דער בונד האָט געפירט אין און מיט דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי, — האָט דער בונד אין פוילן בשלימות אויסגעפירט די מיסיע פון אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי פון די יידישע אַרבעטער אין פוילן און טיף באַווירקט דאָס פּאָליטישע און קולטור־לעבן פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד.

דער צווייטער — דער פוילישער בונד האָט זיך אויסגעפורעמט אין לויף פון די גרויסע אידעאָלאָגישע שטרייטן, וואָס האָבן זיך געפירט אין זיינע אייגענע רייען און אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, אַלס אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען מחוץ ביידע עקסטרעמען אינעם לאַגער פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. ער איז געווען אויסער דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און געפירט אַ קאַמף מיט

אים און איז אויך געווען אין שאַרפן אידעאישן שטרייט מיטן רעפאָרמיסטישן לאַגער, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט אידענטיפיצירט אַפילו דאַן, ווען ער איז אין 1930 אַריינגעטראָטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואו ער איז די גאַנצע צייט געווען אויף זיין לינקן פליגל.

דער דריטער — כמעט פונעם ערשטן מאָמענט אָן, ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פונאַנדערבוי און די אידעאישע פאָרמירונג פון בונד אין פוילן — אַנטשטייט די לינקע ריכטונג, וואָס נעמט אַרום כמעט אַ האַלבע פאַרטיי —אַ קורצן פעריאָד רעפּרעזענטירט זי אַפילו די מערהייט פון דער פאַרטיי — און עקזיסטירט אַזוי לאַנג, ווי די פאַרטיי ווירקט און קעמפט.

אין פוילישן בונד זענען געבליבן טיף איינגעוואָרצלט אָרגאַניזאַציאָנעלע טראַדיציעס פון די אַלטע צאַרישע צייטן — צענטראַליזם פון דער אָנפירונג, דיסציפלין און געשלאָסנקייט אין טאַט.

אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער בונד געהאַט מיטגלידער, וואָס האָבן אין פאַרשידענע פראַגן פאַרנומען קעגנזעצלעכע שטעלונגען — ס׳זענען געווען באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס צווישן זיי; ס׳זענען געווען „האַרטע״ און „ווייכע״ אין דער פראַגע פון בונדס אָנגעהעריקייט צו דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי; די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן האָבן אָבער נישט געברענגט מיט זיך קיין לאַנג עקזיסטירנדיקע ריכטונג. די לינקע ריכטונג אין פוילישן בונד, די שפּעטערדיקע צווייער ריכטונג, האָט אין משך פון איבער צוויי צענדליק יאָר געשטרייט אין דער פאַרטיי און געקעמפט פאַר איר שטעלונג, אָבער צוזאַמען געבויט די באַוועגונג און בייגעטראָגן איר גרויסן צושטייער, און דאָס איז געווען אַן אומגעווינלעכע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון בונד.

די דאָזיקע ריכטונג האָט עקזיסטירט נישט נאָר אין די ערב צוזאַמענפאָר־ און ערב קאָנפערענצן־דיסקוסיע־פעריאָדן. אַפילו ווען זי האָט זיך אַלס מינדערהייט אין שאַרפסטער אָפּאָזיציע קעגן דער מערהייט גרופּירט אַרום דעם אָרגאַן פון די צווייער „קעגן שטראָם״, איז זי געווען פונקט אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער פאַרטיי, געזאָרגט וועגן איר גורל און גאַנצקייט, ווי זי האָט דאָס געטאָן דאַן, ווען זי האָט אַלס מערהייט מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט אַנטקעגנגעשטעלט זיך דער שפּאַלטונג פון דער פאַרטיי, וועלכע ס׳האָט אין 1920 געפאָדערט דער דאַן מעכטיקער דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

דער פוילישער בונד האָט באַוויזן, אַז אַ פאַרטיי קען לעבן און קעמפן, זיך פונאַנדערבויען און געווינען די מערהייט פון די פאָלקסמאַסן פאַר זיך, זיין שלאָגפעאיק אין אָנגריף און געשלאָסן אין אָפּווער־

קאַמף, — און אין אירע רייען זאָל הערשן די אמתע פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע: פרייהייט פון אידעאישן שטרייט און געשלאָסנקייט אין טאָט.

דער בונד אין פּוילן האָט אויך באַוויזן, אַז ס׳זאָלן אין אים זיך אַריינוואַקסן אומצעטיילבאַר די לינקע, פּונקט ווי זייער צד שכנגד, און ליב האָבן די פּאַרטיי און אירע טוער, אומאָפּהענגיק דערפון צי צווייער צי איינסער.

נישט צופעליק לייענען מיר פאָלגנדיקע ציטאַטע, וועלכע ס׳ברענגט י. כמורנער צום סוף פון זיין אַרטיקל „נאָך לאָדזש״.

„ווער ס׳האָט באמת ליב די פּאַרטיי — און גראַד אַלס אָפּאָזיציאָנער מוז מען זייער פיל ליבע און געדולד פאַרמאָגן, כדי צו קענען אויס־האַלטן — קאָן נאָר מיט שרעק טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט ווערן, אויב די פּאַרטיי־מערהייט און די פּאַרטיי־אָפּאָזיציע זאָלן נאָך אַ לאַנגע צייט נישט קומען פּראַקטיש צום באַוואוסטזיין פון זייער קעגנזייטיקער פאַרבונדנקייט און קעגנזייטיקער קאָמפּראָמיס־פליכט לגבי דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט״.

מיט איבער צוואַנציק יאָר שפּעטער שטעלן מיר פעסט, אַז סיי די מערהייט און סיי די מינדערהייט האָבן אין די שווערסטע מאָמענטן פון שאַרפסטן אידעאישן און טיילמאָל אויך אָרגאַניזאַציאָנעלן געראַנגל נישט פאַרלוירן דעם געפיל פון קעגנזייטיקער פאַרבונדנקייט.

ווי האָט דען אַנדערש געקענט זיין, אויב דער בונד האָט געזאָלט בלייבן שטאַרק און גאַנץ, זיין און בלייבן די פּאַרטיי פון יידישן אַר־בעטער־קלאַס, די פּאַרטיי וואָס האָט כסדר געמוזט אָפּשלאָגן די ביטער־סטע אַטאַקעס פון אירע קעגנער פון רעכטס און פון לינקס?

אין די צען יאָר פון 1920 ביז 1930 זענען פאָרגעקומען דעם פּוילישן בונדס דעצידירנדסטע צוזאַמענפאָרן. און אויף זיי אַלע, פון קראָקעווער אין אַפּריל 1920 ביזן לאָדזשער אין יוני 1930, האָט די לינקע ריכטונג שטענדיק רעפּרעזענטירט כמעט אַ העלפט פון דער פּאַרטיי און אין די יאָרן 1920־1921 איז זי אַפילו געווען אין דער מערהייט.

אין דער ליידנשאַפטלעכער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געפירט אין 1930 אַרום דעם גורלדיקן פאָרשלאָג פון דער מערהייט וועגן אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט די לינקע ריכטונג פאַר אירע טעזן נומער 2 באַקומען 46 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַטייליקטע אין די וואַלן צום לאָדזשער צוזאַמענפאָר.

די דאָזיקע ציפער האָבן מיר געבראַכט, בכדי קלאָר און שאַרף אונטערצושטרייכן, ווי גרויס ס׳איז געווען דער חלק פון דער צווייער

ריכטונג אין דער פּאַרטיי אַפילו אָרגאַניזאַציאָנעל. דער דאָזיקער צו־שטאַנד האָט פאַרפּליכטעט בײדע, סײ די מערהײט, סײ די מינדערהײט „צום באַוואוסטזײן פון זײער קעגנזײטיקער פאַרבינדנקײט און קעגנ־זײטיקער קאָמפּראָמיס־פּליכט".

ס'איז דעריבער אויך פאַרשטענדלעך, וואָס אין דער פּראַקטיק האָט דער פּוילישער בונד זינט 1920 ביז 1939 אָנגעווענדט דעם פּרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ פון די ריכטונגען אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי — אינעם צענטראַל־קאָמיטעט און אין דער פּאָליטישער רעדאַקציע פון פּאַרטייאישן צענ־טראַל־אָרגאַן — פון דער „פאָלקסצייטונג". פון דער לינקער ריכטונג האָבן צו דער פּאָליטישער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג" גע־הערט:

אין 1920—1924 חיים — מאיר וואַסער
„ 1922—1935 יוסף — י. כמורנער
„ 1935—1939 לייוויק — ל. האָדעס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן איז געווען אַ מוסטער פון קאָלעקטיווער אָנפירערשאַפט, נישט נאָר אין דעם זין, וואָס ס'האָט אין אים קיינמאָל נישט געהערשט די דעה און שטעלונג פון אַן איינצל־נעם מיטגליד זיינעם, ווי פּראָמינענט און הויך אין פּאַרטיי־סטאַזש ער זאָל נישט האָבן געווען, נאָר אויך אין דעם זין, וואָס אין די שטרייטן אַרום די וויכטיקסטע, אָפטמאָל גורלדיקסטע פּראָבלעמען פון פּאַרטיי־לעבן און פּאָליטיק, אינם אָננעמען די באַשלוסן און אינם אַדורכפירן די פּאָליטיק פון צ. ק. האָבן אויך אָנטייל גענומען און אַ שטאַרקן איינפלוס געהאַט די פאָרשטייער פון דער לינקער ריכטונג, וועלכע האָבן זייט 1919 ביז 1939 קיינמאָל נישט אויסגעמאַכט ווייניקער ווי 40 פּראָצענט פון עקזעקוטיוו פון צ. ק. און פון זיין פּלענום. די לינקע ריכטונג אין צ. ק. פון בונד האָבן רעפּרעזענטירט, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן אין פּוילישן בונד געווירקט און געקעמפט:

חיים (מאיר וואַסער), יוסף לעשטשינסקי (כמורנער), לייוויק האדעס, ד"ר באָריס יאַפע, ד"ר לעאָן פיינער, שאול גאָלדמאַן, ד"ר שיע פענ־סטערבלוי, ד"ר זיגמונט גליקסמאַן, און די, וועמען דער גורל האָט אויסגעהיט — די ח'טע שרה (פּ. שוועבער).

* * *

פּאַראַלעל מיטן וואוקס פון בונד אין פּוילן איז אויך געגאַנגען דער וואוקס פון דער פּרעכטיק שיינער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע — פון דער „צוקונפט".

זי האָט פריוויליק גענומען אויף זיך די פּאָליטישע אויפזיכט פון בונד. זי האָט אָבער דערמיט נישט אויפגעגעבן אויף קיין איין מאָמענט דאָס רעכט פון דער יוגנט זעלבשטענדיק דיסקוטירן, שטורמיש שטרייטן אַרום די אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַזוי פיל ליידנשאַפט אַרויסגערופן אין דער פּאַרטיי.

די יוגנט איז עמפּינדלעכער, ברויזנדער געווען, ווי די פּאַרטיי — כאָטש די פּאַרטיי גופא איז אין איר דורכשניט־עלטער אין יענע יאָרן נישט ווייט אַוועק פון יוגנט־עלטער...

אין דער „צוקונפט" איז די השפעה פון דער לינקער ריכטונג געווען נישט נאָר נישט קלענער, פאַרקערט, זייער אָפט אַ סך גרעסער אַפילו, ווי אין דער פּאַרטיי גופא.

די „צוקונפט" האָט געלערנט די יידישע אַרבעטער־יוגנט טראַכטן און באַנעמען פּאָליטישע געשעענישן. זי האָט דערצויגן קאַדרען טוער, וואָס האָבן מיט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג און שעפערישקייט געקענט דינען ווי אַ מוסטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג.

די דאָזיקע ברויזנדע, יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן שטורמישער און שאַרפער ווי די עלטערע געברענגט צום אויסדרוק זייערע געפילן און מיינונגען אויף קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן און אין טעג פון אַ גאַנץ יאָר, האָבן אָבער גלייכצייטיק פאַרמאָגט אַ טיפן פּאַטריאָטיזם צו דער פּאַרטיי, צום בונד און אַ ליבע, אַ טיף פּערזענלעכע סימפּאַטיע און אַכטונג פאַר זיינע פירער, אָפגעזען דערפון צו וואָס פאַר אַ ריכטונג זיי האָבן געהערט.

פון די רייען פון דער „צוקונפט" זענען געגאַנגען הונדערטער יונגע טוער און מיטגלידער אין דער פּאַרטיי אַריין און מיטגענומען מיט זיך נישט נאָר די לאָיאַלקייט צו דער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע, נאָר אויך די צוגעבונדנקייט צו דער לינקער ריכטונג. פון די דאָזיקע רייען איז אויך געקומען דער מיטבויער פון דער „צוקונפט" — אַבראַשאַ ווײַנער, וואָס האָט דער ריכטונג, פּונקט ווי דער פּאַרטיי, אַוועקגעגעבן זיך גאַנץ האַרץ און נשמה.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין משך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר האָבן אויפן געביט פון אַמאָליקן פּוילן, וואָס האָט זיך געפונען אין די גרענעצן פון דער צאַרישער אימפּעריע, אָנגעפירט מיט די העראָאישע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פון די יידישע אַרבעטער די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פונם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

די באַשלוסן פון צ.ק. פון בונד, פון זיינע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן האָבן באַשטימט סיי די צילן און אויפגאַבן, סיי די סטראַטעגיע און טאַקטיק פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס באַשטימט פאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די ליטווישע, ווייסרוסישע און דרום־רוסישע שטעט. פאַרן בונד און פאַר די באַזונדערע זיינע טעריטאָריאַלע אָפּצווייגן איז צווישן די הויפּט־אויפגאַבעס געווען דער קאַמף קעגן צאַריזם, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

דער „בונד” האָט קיינמאָל נישט פאָרויסגעזען אַ סיטואַציע, אין וועלכער ס׳וועט אויסקומען די אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן אויסצובילדן אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, זיין פולשטענדיק אָפּגעשניטן פונעם בונד אין רוסלאַנד און פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויפגעוואָקסן און ענג צונויפגעבונדן מיט דער אַלרוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, דערצויגן אויף דער רוסישער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, שאַרפע קעגנער פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם פון די באַזונדערע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרענעצן פון דער רוסישער אימפּעריע — זענען די בונדיסטן געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון אַריינציען די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן אין באַוואָפנטן קאַמף פאַר פּוילישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

קלאָר און בולט קומט דער בונדישער שטאַנדפּונקט אין דער פּוילן־פראַגע צום אויסדרוק אין דעם אויפרוף, וועלכן ס׳האָט פאַרעפנטלעכט דער צווישן־פּאַרטייאישער אַרבעטער־ראַט דעם 22טן אוי־

גוסט 1914, אין די ערשטע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דער ס.ד.ק.פּ., פּ.פּ.ס.־לעוויצע און בונד. מיר לייענען דאָרט:

„און אינעם איצטיקן מאָמענט וועט דער אַרבעטער־קלאַס, פאַר־זאַמלט אַרום דער רעוואָלוציאָנערער פאָן, ווייטער גיין מיט זיינע אייגענע וועגן צו דערגרייכן די נאַציאָנאַלע פרייהייט. נישט אויפן וועג פון דעראָבערישער מלחמה, נישט אויפן וועג פון פאַרטיידיקן די רויבערישע אינטערעסן פון די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות — דערוואַרט דער פּראָלעטאַריאַט דאָס צו דערגרייכן.

די נאַציאָנאַלע פרייהייט קען אַנטשטיין נאָר אויף די חורבות פון איצטיקן סדר פון פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט, און דער וועג צו דעם איז דער קאַמף פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פאַר איינפירן אַ פאָלקס־רעפּובליקאַנישע רעגירונג, וואָס וועט גאַראַנטירן די גלייכהייט און פולקייט פון די נאַציאָנאַלע רעכט.

דער פּראָלעטאַריאַט וואַרפט אָפּ דעם וועג פון באַוואָפנטן בונט אונטער די פליגלען פון עסטרייכישן מיליטאַריזם, אַ וועג וואָס איז פרעמד דער אַרבעטער־באַוועגונג”.

און צווישן די שלוס־לאָזונגען לייענען מיר:

„זאָל לעבן דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט”.

אָבער אינגאַנצן אַ יאָר נאָך דעם, ווי ס׳איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, האָט זיך די לאַגע אין פוילן קאַרדינאַל געענ־דערט. ס׳איז געקומען אַן ענדערונג, וועלכע די דריי אונטערגעשרי־בענע צדדים אויף דער אויבן ציטירטער דעקלאַראַציע האָבן נישט פאָרויסגעזען.

* * *

דער אַריינמאַרש פון דייטשישע און עסטרייכישע אַרמייען האָט נישט נאָר אָפּגעשניטן פוילן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, אַרויסגענומען קאָנגרעס־פוילן פון אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, נאָר אויך גלייך באַשאַפן גאָר אַנדערע באַדינגונגען און אַן אַנדערן קלימאַט פאַר פּאָ־ליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די פאַרבליבענע בונ־דישע טוער און גרופּן אין פוילנס שטעט און שטעטלעך.

אָפּגעריסן פון רוסלענדער בונד, האָט דער בונד אין פוילן, כאָטש נאָך נישט אויספאָרמירט ווי אַ פּוילישער בונד, געמוזט אַלץ באַשליסן אַליין: ס׳האָבן דאָס געטאָן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי האָבן

געמוזט דעצידירן ווי אַזוי צו שאַפן די נייע פאָרמען פאַר ווירטשאַפטלעכער, פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער אַרבעט.

ס׳האָט זיך מיט דער צייט אַרויסגערוקט אויפן אויבן אָן פון פּאָליטישן לעבן אין פּוילן די פראַגע פון אַ זעלבשטענדיקער פּוילישער מלוכה — פאַרבונדן מיט די צענטראַלע מלוכות. אין זייער מלחמה קעגן רוסלאַנד האָבן דייטשלאַנד און עסטרייך געהאָפט אויסצונוצן די פּוילישע באַפעלקערונג, צוזאָגנדיק איר מלוכהשע זעלבשטענדיקייט. שוין אין 1916 הויבן זיך אָן צו שאַפן די ערשטע פאָרמען פון פּוילישן מלוכה־לעבן אונטער דייטש־עסטרייכישער אויפזיכט. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן איז נאָר די פּ.פּ.ס. (פראַקציע), טריי איר אַלטער אַקטיוויסטישער אומאָפּהענגיקייט־פּאָליטיק, געווען פולשטענדיק אויף דער זייט פון די צענטראַלע מלוכות, וועלכע האָבן אַריינגענומען פּילסודסקיס לעגיאָנען אין זייערע אַרמייען אַריין. סיי פּילסודסקי און זיינע לעגיאָנען, סיי די פּ.פּ.ס.־פראַקציע האָבן געהאַלטן, אַז דער אַקטיווער אָנטייל פון פּוילן אין דער מלחמה אויף דער זייט פון דייטשלאַנד און עסטרייך איז דער איינציקער היסטאָרישער שאַנס אויסצוקעמפן אַ פּוילן וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון רוסלאַנד.

דער בונד — די אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט און שטעטלעך — איז טריי געבליבן זיין אינטערנאַציאָנאַליזם און אַנטי־מלחמהשער שטעלונג.

ווען ס׳זענען קיין פּוילן דערגאַנגען די ידיעות וועגן די קאָנפערענצן, וועלכע די לינקע סאָציאַליסטן פון פאַרשידענע לענדער האָבן אָפּגעהאַלטן אין קינטאַל און צימערוואַלד אין די יאָרן 1915 און 1916 און פּראָקלאַמירט „די מלחמה דער מלחמה", האָט דער בונד דעם דאָזיקן לאָזונג אויפגענומען; ער האָט נישט איינמאָל אַרויסגעפירט די יידישע מאַסן אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן קריג.

די דאָזיקע קעגנזעצלעכע באַציאונג צום קריג האָט שוין דאַן אַוועקגעשטעלט אַ מחיצה צווישן בונד און דער פּ.פּ.ס., וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די לאַנד־פּאַרטיי און געוואָרן פּילסודסקיס שטילער שותף אין זיין מאַרש צום דניעפּר אין די יאָרן 1919־1920.

אויב די אָקופּאַציע האָט געבראַכט פּוילן גינסטיקערע באַדינגונגען פאַר געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט, האָט זי אָבער אויך געבראַכט עקאָנאָמישן חורבן און אומבאַשרייבלעכן הונגער און נויט. די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אויסגערויבט פּוילן פון שפּייז און רוי־שטאָפן, זי האָט אָפּגעשניטן פּוילן פון אירע אַמאָליקע אָפּזאַץ־מערק אינעם גרויסן רוסלאַנד און פאַרמשפּט גאַנצע צווייגן פון פּוילנס אינדוסטריע און האַנדל צום אונטערגאַנג אָדער צו גע־

וואַלטיקער פאַרשמעלערונג. דאָס האָט געבראַנגט עקאָנאָמישן צערו־דער און אויסזיכטלאָזיקייט פאַר טויזנטער און טויזנטער יידישע פּראָלעטאַריער און באַלמעלאָכעס.

דעריבער איז ניט נאָר שלום, נאָר אויך ווייטגייענדיקע עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען געוואָרן די האָפענונג און שטרעבן פון די יידישע מאַסן אין פּוילן.

דורך פּוילן — דעם לאַנד־בריק צווישן ריזיקן רוסלאַנד און דער מערב־וועלט — זענען ביזן אויסברוך פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע אין 1917, רעוואָלוציאָנערע אידייען וועגן סאָציאַליזם געגאַנגען פון מערב צום מזרח.

פון 1917 יאָר אָן, אין משך פון צענדליקער יאָרן, איז זייער וועג געווען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — פון מזרח צו מערב.

ווי אַן אָפּפרישנדיקער שטורעם האָט דער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד צעריסן די שטיקנדע אַטמאָספער, וואָס האָט אַרומגענומען די פּוילישע שטעט און שטעטלעך.

אין אָט די באַדינגונגען האָט זיך געבויט און געפורעמט דער בונד אין פּוילן. זיין אייגנטלעכער אָנהויב איז אויף דער לובלינער קאָנפערענץ.

אידעאָלאָגישע עוואָלוציע פון פוילישן בונד אין די יאָרן פון דייטש־עסטרייכישער אָקופּאַציע

(צווייטע העלפט 1915 — נאָוועמבער 1918)

אויסער געציילטע טוער, וואָס האָבן געהאַט אונטער זיך אַ גרעסערע דערפאַרונג און אַ לענגערן סטאַזש אין דער פּאַרטיי, זענען אויף די ערטער — פון די קלײנע ביז די גאָר גרויסע שטעט — אַרויס אויף דער אויבערפלאַך הונדערטער אַרבעטער־טוער, וואָס זענען געקומען פון די מאַסן: שוסטער, שניידער, קאַמאַשנמאַכער, מעטאַל־אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. פאַר אַ סך פון זיי איז דאָס יאָר 1915 אָדער 1916 געווען דער אָנהויב פון וועלכער ס'איז פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווי אויפנעמבאַר די דאָזיקע מענטשן זענען געווען פאַר רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר גיך, ווען ס'האָבן זיך דערטראָגן קיין פּוילן די דונערן פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

די רוסלענדער רעוואָלוציע האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן ביי די גרענעצן פון צאַרן־לאַנד, זי האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיטן צעשמעטערן דעם צאַרישן אַליינהערשערישן רעזשים, זי איז געגאַנגען טיפער און ברייטער — זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלער איבערקערעניש און איר דראַנג איז געווען ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד. איר אימפּעט איז געגאַנגען צו איבערקערענישן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם.

אַפילו פאַר די וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געהאַט אַוועקגעגעבן דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פאַר אַ סך פון די וואָס זענען אין משך פון צענדליגער יאָרן געשטאַנען אין שפּיץ פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — פון ביידע אירע טיילן (באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס) — האָבן זיך דער פאַרנעם און די ריכטונג פון דער רעוואָלוציע אַנטפּלעקט ערשט אין איר גאַנג.

פון מערץ 1917 ביז דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, האָט די רע־

וואָלוציע פונאַנדערגעוויקלט אַזאַ פאַרכאַפּנדיקע קייט פון געשעענישן, אַזוי טיף און אַנטשיידן געענדערט אירע פאָרמען און צילן — אַז אַ סך זענען געבליבן ווייט הינטערשטעליק מיט זייערע אַלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען וועגן דעם, וואָס די רוסלענדער רעוואָלוציע וועט זיין און ברענגען מיט זיך.

און ס'איז דעריבער צו באַוואונדערן מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט — מיר ווילן ריזיקירן צו זאָגן — מיט וואָס פאַר אַ טיפן אינסטינקט, ס'האָבן אָט די יונגע טוער, בונדישע אַקטיוויסטן, אויפגענומען די נייע ווערטן און אמתן, וועלכע די רוסלענדער רעוואָלוציע און די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָבן אַנטפּלעקט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַפילו פאַר די געציילטע פון די, וואָס האָבן געוואוסט און געהערט וועגן דעם גרויסן טעאָרעטישן שטרייט, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור צווישן די מאַרקסיסטן און רעוויזיאָניסטן, באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וואָס האָבן וועגן דעם געלייענט און דאָס פּראָבלעם שטודירט, האָט די אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, גאָר אַנדערש דעם דאָזיקן גרויסן שטרייט קלאָר־געמאַכט.

צום ערשטן מאָל האָבן די יידישע אַרבעטער אין פּוילן דערזען דעם קלאַסן־קאַמף אין זיין בולטסטן, קלאָרסטן, שאַרפסטן און דעצידירנדיקסטן אויסברוך.

צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען די מאַכט אין די הענט פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און דאָס ערשטע מאָל נייע פאָרמען פון פאָלקס־הערשאַפט אין דער געשטאַלט פון אַרבעטער־פּויערים־ראַטן.

צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען און דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון אירע לאָזונגען — אין לענדער אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט, די טיף סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען פון דער בונדישער מיטגלידער־מאַסע האָבן איר געמאַכט אויפנאַמפעאיק און רייף פאַר רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען.

און ס'איז אַזוי נאַטירלעך געוואָרן, אַז די פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע זאָל זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער וועלט, וועלכע האָט זיך ברייט פונאַנדערגעפּראַלט, ווען דייטשלאַנד און עסטרייך זענען געפאַלן און ט'האָבן זיך געעפנט די גרענעצן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון דער וואָלגע ביזן ריין.

די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין

פוילן, צונויפגערופן דורך דעם פוילישן קאָמיטעט פון בונד און אָפּגעהאַלטן אין דעצעמבער 1917 אין לובלין, ברענגט טאַקע צום אויסדרוק אָט די נייע האָפענונגען אין איר רעזאָלוציע וועגן „יעצטיקן פּאָליטישן מאָמענט און די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט״:

„פון דעם מאָמענט אָן דרינגט אַריין אין די מוחות פון די אַרבעטער־מאַסן דאָס באַוואוסטזיין, אַז ריכטיק איז געווען די שטעלונג פון יענע טיילן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבן גלייך פון אָנהויב אָן דערקלערט „קריג דעם קריג״ און וועלכע האָבן דאָס שפּעטער פאָרמולירט אויף דער צימערוואַלד קאָנפערענץ. די רוסישע רעוואָלוציע און די ראָלע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שפּילט אין איר, האָט געוואָרפן אַן אימה אויף די באַזיצנדע קלאַסן פון די מלחמה־פירנדע מלוכות, וועלכע, איינזעענדיק אַ געפאַר פאַר די גרונד־יסודות פון דער עקזיסטירנדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — וועלן זיי זיין געצוואונגען צו ליקווידירן די בלוטיקע מלחמה.

„דער קלאַסן־באַוואוסטער פּראָלעטאַריאַט קען נישט דערלויבן, אַז די גרויסע דערשיטערונג, וואָס די מלחמה האָט פאַרשאַפט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זאָל בלייבן אָן רעזולטאַטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

„די הויפּט־אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט אין איצטיקן מאָמענט דאַרף זיין: אויסנוצן די דעזאָרגאַניזאַציע פון פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס די מלחמה האָט באַשאַפן, בכדי אַרויסצורייסן פון דער בורזשואַזיע וואָס אַ גרעסערן סכום פּאָליטישע מאַכט.״

די ציטירטע רעזאָלוציע פון דער לובלינער קאָנפערענץ באַוויזט, אַז ס׳איז אין דער פּאַרטיי אויסגעוואַקסן די השפּעה פון אַ קאַדער יונגע טוער, וואָס האָט פאַרנומען אַן אויסגעשפּראָכן לינקע שטעלונג צו די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס דער פּאָליטישער מאָמענט האָט דאַן פאַר אים אַוועקגעשטעלט.

צווישן די דאָזיקע טוער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מאיר וואַסער (חיים). ס׳איז ווערט אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, וואָס אין דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך דאַן נישט געפונען קיין איין פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט אָדער זשורנאַליסט.

די שטעלונג פון צענטער ברענגט צום אויסדרוק ב. מיכאַלעוויטש. אָט וואָס ס׳שרייבט ב. מיכאַלעוויטש אין די „לעבענס־פראַגען״ אין זיין אַרטיקל „דער ערשטער יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע״.

„דער צווייטער יאָר טרעפט די רעוואָלוציע אין איר פאַרצווייפלטסטן, טראַגישסטן מאָמענט, אָבער ווי ס׳זאָל נישט אַוועקגיין די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, אין איינס זענען מיר זיכער:

די דראַמאַטישע קאָנפליקטן, די בלוטיקע איבערלעבונגען, דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף, די גאַנצע רייכע דערפאַרונג פון דעם אויסערגעוויינלעכן יאָר, וועלן פאַרן רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט נישט גיין לאבוד, זיי וועלן דעם פּראָלעטאַריאַט אַרויספירן אויף דעם גלייכן און אומפאַרמיידלעכן וועג, וועלכן ער דאַרף דורכמאַכן אין קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג — אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם".

דער וואוקס פון דער השפעה פון דער לינקער ריכטונג איז געקומען שטאַרק צום אויסדרוק אויף די פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָרטיקע קאָמיטעטן אין די גרעסערע און קלענערע שטעט זענען גאָר שנעל אין זייער צוזאַמענשטעל געוואָרן לינק.

די לובלינער קאָנפערענץ האָט געבראַנגט צום אויסדרוק די וואַקסנדע לינקע טענדענצן פון דער פאַרטיי־מאַסע אויך אין דער רעזאָלוציע וועגן דער פוילן־פראַגע, אין וועלכער ס'ווערט פאָרמולירט די שטעלונג פון בונד סיי צו די פּראָקלאַמאַציעס פון פוילישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, פאַרעפנטלעכט דורך די צענטראַל־מלוכות, און סיי צו די דערקלערונגען פון דער קאָאַליציע וועגן פוילנס צוקונפט.

„די דאָזיקע פּאָליטיק בנוגע פוילן אין דער צייט פון קריג איז פון אָנפאַנג אָן באַקעמפט געוואָרן דורכן באַוואוסטזיניקן, אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה נישט צונויפגעבונדן קיין שום באַפרייאונגס־צילן.

דאָס־גלייכן האָט אונזער פאַרטיי דעמאַסקירט און באַקעמפט אַלע פּראָבעס מצד די כלומרשטע סאָציאַליסטישע גרופּן ביי אונז אין לאַנד איינצושפּאַנען די אַרבעטער־מאַסן אין וואָגן פון דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער פּאָליטיק."

פון דער ציטירטער רעזאָלוציע איז קלאָר, אַז ס'האָט דאַן נישט געקענט זיין קיין שום רייד וועגן וועלכער ס'איז פּאָליטישער קאָאָרדינירטער טעטיקייט מיט דער פּ.פּ.ס.־פראַקציע. די בונדישע פאַרטיי האָט אָבער אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעטראָטן פון דער רעזאָלוציע — אויך אַ לובלינער — אַז „אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישע צוקונפט דאַרף דער יידישער אַרבעטער אין פוילן זיך שטיצן אויף זיין נאָענטסטן מיטהעלפער — דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט".

* * *

אין מערץ 1918 איז צושטאַנד געקומען די א. ג. „דרייער קאָנפערענץ" פון בונד, לעוויצע־פּ.פּ.ס. און ס.ד.ק.פּ.

דער בונד האָט זיך דאַן נישט געקענט איניקן אויף אַ געמיינזאַמער

דעקלאַראַציע פון אַלע דריי פּאַרטייען, ער האָט אָבער אָנגענומען אַ געמיינזאַמע רעזאָלוציע מיט דער פּ.פּ.ס.־לעוויצע, אין וועלכער ס׳זאָגט זיך:

„דער אימפּעריאַליזם פון די הערשנדע קלאַסן האָט געבראַכט צום צוזאַמענשטויס פון די באַוואָפנטע קרעפטן. עס שטעלט זיך אַלץ בולטער אַרויס דער אימפּעריאַליסטישער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער מלחמה.

„מיט דעם אַנטשיידענעם קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער פאָלקס־הערשאַפט עפנט דער פּראָלעטאַריאַט אַ ברייטן וועג צום סאָציאַליזם און ער ציט זיך צו יענער גרויסער מינוט, אין וועלכער ער וועט באַשאַפן אויף אַלע געביטן אַ ראַדיקאַל נייע וועלט".
(„לעבענס־פראַגען", 8 מערץ, 1918)

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער לייענען מיר אין אַרטיקל „אַ יאָר סאָציאַליסטישע באַוועגונג" אינעם נומ. 18 „לעבענס־פראַגען", 2 מאַי, 1918:

„די געשעענישן אין רוסלאַנד און די אַלע עטאַפּן, וואָס די רעוואָלוציע האָט דורכגעמאַכט, זענען ביי אַלעמען נאָך פריש אין זכרון. וואָס פאַר אַ מיינונגס־פאַרשידנהייטן ס׳זאָלן נישט זיין ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון פאַרשידענע ריכטונגען וועגן דער רעוואָלוציע און די ראָלע פון פאַרשיידענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּירונגען אין איר — איינס איז אָבער קלאָר, אַז זי האָט פּראַקטיש אַוועקגעשטעלט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַנצער ברייטקייט די אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מ׳האָט ביז איצט בלויז טעאָרעטיש דיסקוטירט. זי האָט אויפגעטרייסלט דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס, און באַוועגט אים מוטיקער און אַנטשלאָסענער צו גיין אויף זיין געשיכטלעכן וועג צו זיין ענד־ציל, צום סאָציאַליזם".

* * *

נישט געקוקט דערויף, וואָס די דייטשישע אַרמיי און, אונטער איר דרוק, אויך די דייטשישע רעגירונג — היפּש געשטיצט דורך אַ באַדייטנדער גרופּע ס.ד. דעפּוטאַטן — האָט דעם 3טן מערץ 1918 אָנגעוואָרפן רוסלאַנד דעם „בריסקער שלום", איז קלאָר געוואָרן, אַז די צענטראַלע מלוכות האָבן דעם קריג פאַרשפּילט. און דאָס יאָר 1918 האָט טאַקע געבראַכט כסדרדיקע ענדערונגען אינעם אינערלעכן פּאָליטישן לעבן פון פּוילן.

לפי ערך ווייניק ווערט אויף די שפּאַלטן פון די „לעבענס־פראַגען" דאַן אָפּגעשפּיגלט דער גרויסער אידעאישער שטרייט, וואָס קומט פאַר

אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע במשך דעם גאַנצן יאָר 1918 אַרום דעם געבוי פון דעם קומענדיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אין דער לעגאַלער פּרעסע איז דאַן שווער געווען צו זאָגן אַלץ און אָפן.

וואָס נעענטער ס׳קומט צום סוף פון קריג, אַלץ קלאָרער ווערט אָבער די שפּראַך און דעם 1טן אָקטאָבער 1918 לייענען מיר אין די „לע־בענס־פראַגען״:

„זייט גרייט!

„גרויסע אויפגאַבן שטייען פאַר אונז. טאָג און נאַכט דאַרפן מיר שטיין אויף דער וואַך.

„ס׳קומט אַ גרויסע צייט, זי פאָדערט גרויסע קרעפטן, ענג צו־נויפשמידן די רייען, פעסטער מאַכן די אָרגאַניזאַציעס, וועקן און רופן די אָפּגעשטאַנענע, צען מאָל פאַרגרעסערן די ענערגיע פון דער אַרבעט. זאָל די גרויסע צייט געפינען אַ גרויסן שטאַרקן דור, זייט גרייט!״

און גאָר שנעל, שוין דעם 18טן אָקטאָבער 1918 ברענגט די „לעבענס־פראַגען״ אַ רעזאָלוציע פון צ.ק. פון די בונדישע אָרגאַניזאַ־ציעס, אָנגענומען אויף זיין לעצטער פּלענאַרער זיצונג, אין וועלכער מיר לייענען:

„1) די ליקווידאַציע פון דער מלחמה און פון איר גאַנצער ירושה עפנט פאַרן פּראָלעטאַריאַט אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע, וועלכע וועט זיין אויסגעפילט מיט די גרעסטע און שאַרפסטע פּאָליטישע קאַמפן;

„2) אין פאַרלויף פון די דאָזיקע קאַמפן וועלן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט מוזן מאָביליזירן, פאַראייניקן און באַוואוסטזיניק מאַכן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, כדי אויף אַזאַ אופן מעגלעך צו מאַכן דאָס פאַרוואַנדלען די דאָזיקע נייע עפּאָכע אין אַ איבערגאַנגס־פּעריאָד צום איבערבויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות;

„3) דער איינציקער קלאַס, וואָס קען פירן אַן אמת אויסגעהאַל־טענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אויפגאַבן, איז דער פּראָלעטאַריאַט. נאָר ער קען זיך אַנטקעגן שטעלן מיט דער גאַנצער ענערגיע קעגן אַלע פּראָבעס פון די בורזשואַזע קלאַסן אין פּוילן צו פאַרבייטן דעם אַלטן יאָך פון די פרעמדע אָקופּאַנטן דורך נייע קייטן פון היימישער בורזשואַזיע און פּריצים״.

יעדן טאָג האָט מען דערוואַרט, אַז די דייטשישע אָקופּאַציע־אַרמיי וועט פאַרלאָזן פּוילן, און ס׳וועט זיך שטעלן די דירעקטע אויפגאַבע פון געבן דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן נייע פאָרמען פון פּאָליטישן, סאָ־ציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן.

אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן

דעם 11טן נאָוועמבער 1918 — צוויי טעג נאָכן אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד — איז פּוילן באַפרייט געוואָרן פון די לעצטע רעשטלעך פון דייטשישער אָקופּאַציע. פּוילן איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק.

אין ריזיקע דעמאָנסטראַציעס האָבן די אַרבעטער פון וואַרשע פאַרגאָסן די גאַסן און פּלעצער פון פּוילנס הויפּט־שטאָט און אויפן טורעם פון שלאָס אַרויפגעצויגן די רויטע פאָן.

ס'האָט זיך געדוכט אַז אויך אין פּוילן איז דער אַרבעטער־קלאַס געקומען צו דער מאַכט.

אין בערלין, אין ווין און אין בודאַפּעשט, אין מאָסקווע און אין פּעטראָגראַד האָבן אַרבעטער־ פּויערים־ און סאָלדאַטן־ראַטן פאַרטראַטן די אַלטע מלוכה־פאָרמען פון די צעשמעטערטע אימפּעריעס. אויך אין פּוילן איז דער אַרבעטער־ראַט געוואָרן דער פּאַרלאַמענט פון פּוילנס פּראָלעטאַריאַט.

אַרום דעם אינהאַלט און די אויפגאַבן פון די אַרבעטער־ראַטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפער, פאַרביסענער שטרייט אין די רייען פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

אָט וואָס מיר לייענען אין די „לעבענס־פראַגען" דעם 15טן נאָ־וועמבער 1918 אַלס אַ פּירוש צו דער בונדישער פאָרמולירונג:

„זאָל לעבן די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן."

„דער אַרבעטער־קלאַס מוז ווערן אַ קראַפט, אַ גרויסע באַוואוסט־זיניקע, זעלבשטענדיקע קראַפט. אויף צו ווערן אַזאַ קראַפט מוז ער זיך אָרגאַניזירן אין אַרבעטער־ראַטן. פאַראייניקט אין ראַטן וועט ער אויסקעמפן די פרייע דעמאָקראַטישע אָרדנונג. די דעמאָקראַטיע איז נישט קיין ענד־ציל, זי איז אַ מיטל, אַן עטאַפּ אויפן וועג. דער וועג גייט ווייטער, דער ציל איז סאָציאַליזם. עס בלייבט נאָך פאַר אונז אַ גרויסער, שווערער וועג. ווי פריער, וועלן מיר אויך איצט מוזן גיין מיט דעם דאָזיקן אויסגעפּרוווטן וועג פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַ־רישן קלאַסן־קאַמף."

די דאָזיקע שורות ווייזן קלאָר, ווי שטאַרק ס'איז באַאיינפלוסט געוואָרן דער צענטער דורך דעם דרוק פון די לינקע אין דער פּאַרטיי. די שטעלונג פון די לינקע — לייענען מיר אַרויס פון דעם, וואָס ס'האָט געשריבן גבריאל אין די „לעבענס־פראַגען" נומ. 46:

„דער איצטיקער מאָמענט און אונזערע אויפגאַבן.

„אַרבעטער־ראַטן וועלן דינען אַלס אויסגאַנג־פּונקט צו דעראָבערן די מאַכט דורך דעם אַרבעטער־קלאַס, כדי נאָך דער דעראָבערונג פון דער מאַכט, נאָך דער דורכפירונג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, פאַרווירקלעכן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אויך ביי אונז, פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם".

און אין נומער 47 „לעבענס־פראַגען" האָבן מיר ווידער אַ מאָל אַ פאָרמולירונג פון אַ שטעלונג, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך געפירט הייסע דעבאַטן אויף דער אָקאָרשט אָפּגעהאַלטענער 2טער בונדישער קאָנפערענץ אין וואַרשע אין נאָוועמבער 1918.

„אויפדעקן דעם אמתן פּנים פון די בירגערלעכע פּאַרטייען און זייערע „בלאַס־רויטע" מיטהעלפער, קלאָר מאַכן פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, אַז נאָר סאָציאַליסטישע מאַכט וועט זיין בכוח צו באַפרידיקן זייערע נויטן — דאָס איז די טאָג־אויפגאַבע פון רעוואָלוציאָנערן פּראָ־לעטאַריאַט. גאַנץ מזרח און מיטל־אייראָפּע רייסט זיך אַרויס אין שרעקלעכע ליידן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז פּוילן זאָל ווערן דאָס נעסט פון דער רעאַקציע, אַז פונדאַנען זאָל מען פּרובירן דערשטיקן די העלדישע אַרויסטרעטונגען פון אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אַנטשלאָסן מוזן מיר זיין אין אונזער קאַמף, ווייל ס'האַנדלט זיך וועגן דערגיין צום ענדציל — צום סאָציאַליזם".

אויף דער 2טער און 3טער לאַנד־קאָנפערענצן, וועלכע דער בונד האָט אָפּגעהאַלטן אין וואַרשע אין נאָוועמבער 1918 און אַפּריל 1919, זענען די הויפּט־שטרייט־פראַגן געווען — די אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס און די פאָרמען פון מאַכט צו וועלכער ער דאַרף שטרעבן אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

און די קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וועלכע די 3טע לאַנד־קאָנפע־רענץ האָט אָנגענומען, אַנטהאַלט פאָלגנדיקע אָפּזאַצן:

„אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'קומט פאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן זיך די דעמאָקראַטישע מאַכטאָרגאַנען אין אַלגעמיין אַרויסגעוויזן אַלס אומפעאיק צו דערפילן די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דעריבער מוז די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט אָננעמען די פאָרם פון אַרבעטער־דעלעגאַטן־

ראַטן פֿון שטאָט און דאָרף. דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען פֿון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן אין דעם אויפֿבוי און פֿונקציאָנירן פֿון די ראַטן איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די ראַטן־מאַכט וועט ווירקלעך אויסדריקן דעם ווילן פֿון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. די ראַטן־מאַכט איז אַ פֿאַרבייגייענדע אָבער נויטווענדיקע און שאַפֿנדע רעגירונג־פֿאָרם אין דער צייט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

„שטייענדיק אויפֿן שטאַנדפּונקט „די גאַנצע מאַכט די אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן פֿון שטאָט און דאָרף", באַשטימענדיק, אַז דער דאָזיקער געדאַנק דאַרף אומאויפֿהערלעך פּראָפּאַגאַנדירט ווערן און פּראָקלאַמירט ווערן פֿאַר די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, באַשליסט די קאָנפֿערענץ, אַז אויפֿן וועג צו דער ראַטן־מאַכט דאַרפֿן די פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכטונגען רעוואָלוציאָנער אויסגענוצט ווערן.

„די גאַנצע טעטיקייט פֿון דער פּאַרטיי אויף אַלע געביטן דאַרף ווערן צוגעשפּיצט צו די באַדערפֿענישן און לאָזונגען פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

אין ביולעטין פֿון וואַרשעווער ראַט פֿון אַרבעטער־דעלעגאַטן, פֿאַרעפֿנטלעכט דעם 30טן מערץ 1919, לייענען מיר פֿאָלגנדע אָפּזאַצן פֿון דער בונדישער דעקלאַראַציע, אָפּגעגעבן דעם 14טן יאַנואַר 1919.

„פֿאַר די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער־מאַסן שטעלט זיך יעצט, ווי דער אומפֿאַרמיידלעכער געבאָט פֿון מאָמענט — דער קאַמף אויף לעבן און טויט פֿאַר דער דירעקטער און שנעלסטער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם. דער דאָזיקער ציל קען דערגרייכט ווערן נאָר ביי אַ געמיינזאַמער און סאָלידאַרער אָנשטרענגונג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט".

„דער וועג, וואָס פֿירט צום דאָזיקן ציל, איז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וועלכע וועט איבערגעבן די גאַנצע מאַכט אין די הענט פֿון פּראָלעטאַריאַט. אויף דעם דאָזיקן וועג איז שוין אַרויף דער פּראָלעטאַריאַט פֿון די באַזיגטע לענדער. ס'מוז אויף אים אַרויף, פֿריער אָדער שפּעטער, דער פּראָלעטאַריאַט פֿון די זיגרייכע לענדער."

„די אויפֿגאַבע פֿון אַרבעטער־ראַטן (אין פּוילן) וועט קודם כל זיין דאָס אָרגאַניזירן פֿון די צעשטויבטע אַרבעטער־כוחות, די אַלזייטיקע פֿאַרטיידיקונג פֿון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף מיט דער עקספּלאָאַטאַציע, די פֿאַרטיידיקונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן קעגן די אָנגרייפֿערישע פֿאַרמעסטן פֿון דער היימישער קאָנטררעוואָלוציע."

„איינס פֿון די מיטלען אינעם דאָזיקן קאַמף דאַרף זיין אַ באַוואָפֿנ־

טער כח, וואָס זאָל זיך געפינען אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די אַרבעטער־ראָטן.״

שוין אין די ערשטע חדשים פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט פּילסודסקי, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך דעם דאָן איינציקן אָרגאַ־ניזירטן מיליטערישן כח — די פריערדיקע לעגיאָנען און יעצט קאַדרען פון דער אַרמיי — באַשלאָסן צו רעאַליזירן זיין ״גרויסן חלום״ — אויסשפרייטן פוילן אויפן מזרח ביז די ברעגעס פון דניעפּר.

רוסלאַנד איז געווען צעריסן אויף שטיקער. די זיגרייכע קאָאַלי־ציע האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז אויך פּילסודסקי זאָל זיין צווישן די, וואָס וועלן העלפן צעשמעטערן דעם סאָוועטישן רעזשים און בכלל דערשטיקן די רעוואָלוציע.

וועגן אַט דער מלחמה האָט דער בונד אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע אויף דער זיצונג פון וואַרשעווער ראָט פון אַרבעטער דעלעגאַטן דעם 4טן מערץ 1919 :

״דער וואַרשעווער ראָט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן פאַראורטיילט אַלע מלחמות, וועלכע ס׳פירן די בורזשואַזע רעגירונגען און דעריבער אויך די, וועלכע ס׳פירט די איצטיקע פוילישע רעגירונג, נאָכמער דערפאַר, וואָס די דאָזיקע מלחמות מוזן זיך צוליב דער לאָגיק פון קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלען אין אימפּעריאַליסטישע מלחמות, וואָס האָבן פאַר אַ ציל די דעראָבערונג און אונטעריאָכונג פון פעלקער.

״דאָס פּריצישע פוילן באַהאַלט שוין יעצט נישט אירע צילן איינ־צושטעלן און באַפעסטיקן די מאַכט פון פוילישע לאַנד־באַזיצער (גרויסע פּריצים) אין ליטע און ווייסרוסלאַנד.

״דער וואַרשעווער ראָט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן שטעלט פעסט, אַז אומאָפּהענגיק פון דער באַציאונג פון פאַרשיידענע טיילן פון פּראָ־לעטאַריאָט פון פוילן צו די באָלשעוויקעס, וועט ער זיך אַנטקעגן שטעלן אויפן ענערגישסטן אופן די פּרוּוון צו דערשטיקן די רוסישע רע־וואָלוציע.

״דער וואַרשעווער ראָט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן פאָדערט אין נאָמען פון וואַרשעווער פּראָלעטאַריאָט, אַז ס׳זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער מלחמה־פּאָליטיק, וואָס פירט דאָס לאַנד צום ווייטערדיקן חורבן, אַז ס׳זאָלן תיכף אָנגעהויבן ווערן שלום־אונטערהאַנדלונגען, ס׳זאָל זיך אויפהערן צו גיסן דאָס בלוט פון פוילנס אַרבעטער צום רום פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם.״

* * *

די אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראָטן זענען אין פוילן פאַרבליבן כמעט די גאַנצע צייט פון זייער קורצער עקזיסטענץ — בלויז ווי אַ דיסקוסיע־

אַרענע פון די פוילישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער. קיין מאַכט־אָרגאַנען פון פראָלעטאַריאַט האָבן זיי נישט באַוויזן צו ווערן.

די מלוכה האָט זיך פונאַנדערגעבויט אויף אַנדערע יסודות — אויף אַלגעמיין־פאַרלאַמענטאַרישע. און אין די שטעט און שטעטלעך איז די פאַרוואַלטונג פון קאָמונאַלן לעבן איבערגעגאַנגען צו די שטאָט־ראַטן.

דער בונד האָט אָבער געגלויבט אַז די אַלגעמיין־פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס דאַרפן אויסגענוצט ווערן, ווי אַ פראָפּאַגאַנדע־טריבונע פאַר דער אידעע פון אַרבעטער־מאַכט, פאַר רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן. וועגן די פונקציעס פון די שטאָט־ראַטן און די אויפגאַבן פון די פראָלעטאַרישע פאָרשטייער אין זיי — לייענען מיר אין דער רעזאָלוציע פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון בונדישע ראַטמענער (מיטגלידער פון שטאָט־ראַטן) אין פוילן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1919:

„די קאָנפערענץ פון די בונדישע ראַטמענער קאָנסטאַטירט, אַז דער איינציקער אויסוועג פונעם פּילזייטיקן קריזיס, וואָס ס'לעבט איבער דאָס גאַנצע לאַנד און אונזערע שטעט בפרט, באַשטייט אין רעאַליזירן אונזער פראָגראַם־מאַקסימום — דעם סאָציאַליזם דורך איבערנעמען די מאַכט דורך דעם אַרבעטער־קלאַס.

„אונזערע חברים דאַרפן אין די שטאָט־ראַטן מיט דער גרעסטער ענערגיע פאַרטיידיקן די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן און אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן און שיצן זיי קעגן די אַפעטיטן פון די פאַרמעגנדע קלאַסן.

„זיי דאַרפן אָבער גלייכצייטיק געדענקען, אַז זייער הויפּט־אויפגאַבע באַשטייט אין רעוואָלוציאָניזירן דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן בעתן באַטראַכטן יעטוועדע וויכטיקע פראַגע פאַר קאָמונאַלער ווירטשאַפט, פונאַנדערוויקלען אונזער מאַקסימאַל סאָציאַליסטישע פראָגראַם אין דער דאָזיקער פראַגע און צוגלייך אויך דעם פראָגראַם פאַרן איבערגאַנג־פעריאָד, וועלכע ס'וועט דאַרפן פאַרווירקלעכן דער אַרבעטער־קלאַס צומאָרגנס נאָכן איבערנעמען די מאַכט.”

אויף די צוזאַמענפאָרן פון פּוילישן בונד

אין דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער רעפּובליק זענען איינגעגלידערט געוואָרן פּוילישע פּראָווינצן פון די פאַרמלחמהדיקע דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן.

צווישן די דאָזיקע געגנטן האָט גאַליציע פאַרמאָגט אַ צאָלרייכע ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אַן אַלטער בונדישער טראַדיציע — דעם גאַליציאַנער בונד. ס'איז אַקטועל געוואָרן די פאַראייניקונג פון ביידע בונדן — פון קרוין־פּוילן מיטן גאַליציאַנער — אין איין פּאַרטיי. צו דעם איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר קיין קראָקע — דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פּוילישן בונד.

די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך־אונגאַרן האָבן אויך אינעם גאַליציאַנער בונד אַרויסגערופן די זעלבע אידעאישע שטרייטן, דעם זעלבן וואוקס פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, ווי אין פּוילישן בונד, ווי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַכט דעם אויפקום און פונאַנדערבוי פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל. זיין אַנטוויקלונג איז געגאַנגען מיט ראַשיקע טריט און אַרויסגערופן גרויסע האָפנונגען ביי די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און מחנות אַרבעטער.

סיי אין בונד אין פּוילן, סיי אינעם גאַליציאַנער בונד האָט זיך די פראַגע וועגן אָנשלוס אין 3טן אינטערנאַציאָנאַל אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. און דער וויכטיקסטער פּאָליטישער באַשלוס וועלכן ס'האָט אָנגענומען דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר אין קראָקע אין אַפּריל 1920, איז טאַקע געווען דער באַשלוס פון דער פּאַרטיי — פון בונד אין פּוילן — זיך אָנצושליסן אין קאָמינטערן, גלויבנדיק, אַז ער וועט ווערן דער זאַמל־פונקט פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע כוחות.

אין הסכם מיטן דאָזיקן באַשלוס האָט דער צ.ק. פון בונד זיך געווענדעט צום אויספיר־קאָמיטעט פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל וועגן אָנשלוס.

אָבער אין דער צווישן־צייט האָט דער 2טער קאָנגרעס פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יולי 1920 אין מאָסקווע, אָנגענומען די 21 באַדינגונגען, וועלכע ס׳האָבן באַדאַרפט אָננעמען יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן געוואָלט אין אים אַריינטרעטן — די באַרימטע „21 פונקטן״.

אין שייכות דערמיט האָט דער צ.ק. פון בונד אין פּוילן אין נאָוועמבער 1920 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערע פעסטגעשטעלט:

„דער פּאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון בונד אין פּוילן (אַפּריל 1920) האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע אָנערקענען די פּרינציפּיעלע פּלאַטפאָרם פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

„דער צענטראַליסטישער פּרינציפּ, אויף וועלכן עס זענען געבויט דער סטאַטוט און די איינטריט־באַדינגונגען פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל, אַנטשפּרעכט אַ רעאַלער באַדערפעניש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער איצטיקער עפּאָכע. אָבער דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דורכגעפירט דורכן דריטן אינטערנאַציאָנאַל אויף אַ נישט־ריכטיקן אופן. נאָר אַ צענטראַליזם, וואָס איז געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות סיי אין גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, סיי אין זיינע באַזונדערע באַשטאַנדטיילן איז מסוגל צו פאַרשטאַרקן די קאַמפּס־פעאיקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.״

פעסטשטעלנדיק, אַז די 21 איינטריט־באַדינגונגען שאַפן אָפּ יעטוועדע מיינונגס־פריַיהייט און צעטיילן די מיטגלידערשאַפט אויף פּולבאַרעכטיקטע און אויף אַזעלכע וואָס זענען פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, האָט דער צ.ק. דערקלערט, אַז ער האַלט די איינטריט־באַדינגונגען פאַר נישט אָננעמבאַר און לאָזט איבער דעם ענדגילטיקן באַשלוס פאַר דעם נאָענטסטן צוזאַמענפאָר.

די דאָזיקע שטעלונג האָט דער צ.ק. מיטגעטיילט דעם אויספירביוראָ פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל. גלייכצייטיק האָט דער צ.ק. פון בונד באַשלאָסן דעם שטרייט אַרום די אַריינטריט־באַדינגונגען אַריבערצוטראָגן אויפן פאָרום פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל און ער האָט געשיקט זיינע צוויי דעלעגאַטן, וויקטאָר אַלטער און מאיר וואַסער, צום 3טן קאָנגרעס פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יוני־יולי 1921 אין מאָסקווע.

שוין דאַן, ווען דער 3טער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָך פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון דער באַל־

שעוויסטישער פּאַרטיי פון רוסלאַנד, שוין דאַן זענען געקומען צום אויסדרוק די טענדענצן, וועלכע האָבן שפּעטער צעשטערט דעם אינ־טערנאַציאָנאַל — פאַרוואַנדלט אים אין אַ שילד, אונטער וועלכער די באָלשעוויקעס, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון סאָוועט־פאַרבאַנד — האָבן געפירט זייער אייגענע פּאָליטיק, ביז זיי האָבן דאָס שילדל אַוועקגעוואָרפן אַלס נוצלאָז.

האָבנדיק אַלטע חשבונות מיטן בונד, טראָגנדיק אַן אַלטע שנאה צו וו. אַלטערן, האָבן די באָלשעוויקעס באַשלאָסן אויסצונוצן דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען אין מאָסקווע, און אים אַרעסטירט אונטער אַ פאַלשן בילבול, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע, וועלכע איז איינגעלאַדן געוואָרן צום קאָנגרעס פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל דורכן עקזעקוטיוו פון אינטער־נאַציאָנאַל.

די האַנדלונג פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָט געשטרעבט צו שפּאַלטן די בונדישע דעלעגאַציע, אויסצונוצן חיימען קעגן אַלטערן, האָט נישט נאָר נישט געבראַנגט זיי קיין שום נוצן, — די דאָזיקע פּראָוואָקאַציע האָט געגעבן דעם פּונקט קאַפּויערדיקן רעזולטאַט: זי האָט אַרויסגערופן טיפע לאָיאַלקייט, סיי פּערזענלעכע סיי פּאָליטישע, וועלכע האָט געבונדן אומצערייסבאַר די בונדיסטן, די לינקע מיט דער גאַנצער פּאַרטיי און מיט יעדן חבר באַזונדער.

חיים האָט נישט גערוט, אויפגערודערט דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל, ביז וויקטאָר אַלטער איז באַפרייט געוואָרן. ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין שום אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַל בשעת אַלטערס אַרעסט און ער האָט נישט געפירט קיין געשפּרעכן נאָך אַלטערס באַפרייאונג.

איין זאַך איז געווען קלאָר, אַז די פולע 21 פּונקטן וועלן דורך דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער פּאַרטיי נישט אָנגענומען ווערן.

* * *

דער נאָענטסטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט ענדגילטיק באַשליסן וויפיל פון די איינטריט־פּונקטן זאָלן אָנגענומען ווערן און וועלכע זאָלן אַנטשידן אָפּגעוואָרפן ווערן.

אין דער דיסקוסיע אַרום די 21 פּונקטן האָבן זיך אויסגעבילדעט 3 ריכטונגען:

איינע, וואָס האָט געהאַט אַ מערהייט אין צ.ק., און איז געווען פאַר

אַנגעמען נאָר 16 פּונקטן; אירע טעזן האָבן געטראָגן דעם נומער 1, די שפּעטער באַקאַנטע איינסער־ריכטונג;

די אַנדערע, וואָס האָט געהאַט אַ מינדערהייט אין צ.ק. און איז געווען פאַר אָננעמען 19־און־אַ־האַלב פּונקטן. אירע טעזן האָבן באַקומען דעם נומער 2 און זי איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי אַלס די צווייער־ריכטונג;

די דריטע, וואָס האָט קיין פאָרשטייער אין צ.ק. נישט געהאַט און איז געווען פאַרן אָננעמען אַלע 21 פּונקטן.

מיטן אויסנאַם פון אַ קליינער, א. ג. רעכטער־גרופּע, איז כמעט די גאַנצע פּאַרטיי דאַן געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון קראָקעווער באַשלוס וועגן אַריינטריט אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער שטעלונג, ווי ווייט די פּאַרטיי דאַרף נאָכגעבן דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל אין זיינע אַריינטריט־באַדינגונגען, האָט ביי דער לינקער ריכטונג נישט אויפגעהערט צו שפּילן די דאָמינירנדיקע ראָל דער מאָטיוו — די גאַנצקייט פון בונד, זיין איבערלעכע דעמאָקראַטיע און מיינונגס־פרייהייט אין זיינע אייגענע רייען, די פולבאַרעכטיקונג פון אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער אָנטייל צו נעמען אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען אומאָפּהענגיק פון זייער שטעלונג צו דיסקוטירטע פראַגן, אויב זיי פירן אויס די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי.

דער דאָזיקער מאָטיוו האָט ביי די לינקע געווירקט שטאַרקער, ווי דער פאַרלאַנג אָרגאַניזאַציאָנעל זיך אָנשליסן אינעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל.

אָט ווי ס'האָבן געלויטעט פּונקט 7 און 21, וועלכע די לינקע האָבן נישט געוואָלט אָננעמען, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער אָנשלוס אין. קאָמינטערן איז נישט צושטאַנד געקומען:

„7) די פּאַרטייען, וואָס ווילן אָנגענומען ווערן אין דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל, דאַרפן אָנערקענען דאָס פולשטענדיקע איבעררייסן מיט דעם רעפאָרמיזם און מיט דער פּאָליטיק פון די צענטריסטן און פירן לטובת דעם דאָזיקן איבעררייסן די ברייטסטע פּראָפּאַגאַנדע אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אָן דעם איז אוממעגלעך אַ וועלכע נישט איז איינהייטלעכע קאָמוניסטישע טעטיקייט. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאָדערט דאָס דאָזיקע איבעררייסן אין דער נאָענטסטער צייט ענדגילטיק און אָן שום תנאים.

„דער ק. א. קאָן נישט דערלאָזן, אַז באַוואוסטע אָפּאָרטוניסטן, ווי טוראַטי, קאַוטסקי, הילפערדינג, הילקוויט, לאָנגע, מאַקדאָנאַלד, מאָדיליאַני און אַנדערע, זאָלן האָבן דאָס רעכט צו זיין אַנערקענטע מיטגלידער פון דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס וואָלט געפירט נאָר צו

דעם, אַז דער 3טער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט געוואָרן זייער ענלעך צו דעם אָפּגעשטאַרבענעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל.

„21) די פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע וואַרפן אָפּ אין פּרינציפּ די באַדינגונגען און טעזיסן, וואָס זענען ארויסגעשטעלט פון ק. א., דאַרפן ווערן פון דער פּאַרטיי אויסגעשלאָסן: דאָס איז באַזונדערס נוגע די דעלעגאַטן צום אויסערגעוויינלעכן פּאַרטיי־קאָנגרעס.״

די דאָזיקע רייַן־אָרגאַניזאַציאָנעלע כללים וועלכע די לינקע ריכטונג — „די צוויער״ — האָט אַזוי אַנטשידן אָפּגעוואָרפן, האָבן באַדייט אַ סך מער, ווי מ׳קען אַרויסלייענען פון די דאָזיקע געציילטע שורות.

* * *

אין דעצעמבער 1921 איז אין דאַנציג פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון בונד, אויף וועלכן 26 דעלעגאַטן האָבן געשטימט פאַר דער שטעלונג, וועלכע איז פאָרמולירט געוואָרן דורך די לינקע — די אָנהענגער פון די 19־און־אַ־האַלב פונקטן — און 17 פאַר דער שטעלונג פון די אָנהענגער פון די 16 פונקטן.

6 האָבן געשטימט פאַר די פולע 21 פונקטן און זענען טאַקע אוועק פון דער פּאַרטיי, שאַפנדיק דעם א. ג. „קאָמבונד״ — וועלכער האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים און איז שנעל אַראָפּ פון דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

די לינקע ריכטונג איז געוואָרן די מערהייט־ריכטונג פון דער פּאַרטיי און אויף איר איז געפאַלן די גרויסע אויפגאַבע אייַנצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, אָפּוערן איר פון דעם שווערסטן און געפערלעכסטן אָנגריף פון די קאָמוניסטן.

מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט איז די לינקע ריכטונג אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ שפּאַלטונג־פּאָליטיק וואָס האָט געבראַכט חורבן און צעשטערונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז דער דאָזיקער שטעלונג פון גאַנצקייט און אייַנהייט אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט געבליבן טריי במשך פון איר גאַנצער עקזיסטענץ און קאַמף אין דער פּאַרטיי.

* * *

פון דאַנציגער צוזאַמענפאָר ביז 3טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין וואַרשע זענען פאַריבער 3 יאָר.

דער קאַפּיטאַליזם אין מיטל־ און מערב־אייראָפּע האָט זיך סטאַביליזירט.

דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די אַרבעטער־ראַטן" האָט אויפגעהערט צו זיין דער טאָג־לאָזונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

די דיסקוסיע אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום דער פּראָבלעם אינטערנאַציאָנאַל פון טאַט, איינהייטלעכער קאַמף פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוועגונג קעגן דער אָנגרייפנדיקער קאָנטער־רעוואָלוציע און פאַשיזם.

די שפּאַלטונגס־פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן, דער ברודער־קאַמף אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס, וועלכן די קאָמוניסטן האָבן געפירט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט דווקא אויפן לינקן פליגל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן געבראַכט מיט זיך אַן ענדערונג אין די שטימונגען אין די רייען פון דער פּאַרטיי, סיי צווישן די מיטגלידער, סיי ביי אַ טייל פון צ.ק.

איניקע מיטגלידער פו צ.ק., וואָס זענען אין דאַנציג געווילט געוואָרן אַלס לינקע, זענען אַריבער צום צענטער.

אויפן 3טן צוזאַמענפאָר, אין 1924 אין וואַרשע, האָבן די טעזן פון דער פריערדיקער מינדערהייט באַקומען אַ מערהייט — 30 שטימען. די טעזן פון דער פריערדיקער מערהייט (לינקע) האָבן באַקומען 24 שטימען.

ביידע ריכטונגען זענען נאָך דאַן געשטאַנען אויף דער פּרינציפּיעלער פּלאַטפאָרם פון לינקן אינטערנאַציאָנאַל.

דער חילוק איז נאָר געווען אין די מעטאָדן פון קאַמף קעגן די שעדלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל.

די ניי־אַנטשטאַנענע מערהייט — דער צענטער — האָט געהאַלטן, אַז ס'דאַרף געשאַפן ווערן אַ פאַראייניקונג פון די אַלע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אויף דער פּרינציפּיעלער פּלאַטפאָרם פון לינקן אינטערנאַציאָנאַל, און זי זאָל פירן אַ קאַמפּאַניע פאַר דער רעאָרגאַניזירונג פון אינטערנאַציאָנאַל.

אַקעגן, די לינקע ריכטונג איז געבליבן וויטער טריי דער שטעלונג, וועלכע זי האָט פאַרנומען אויף די קראָקעווער און דאַנציגער צוזאַמענפאָרן און איז געווען קעגן דער שאַפונג פון אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואָלטן געקענט באַטראַכט ווערן ווי שפּליטער־אָרגאַניזאַציעס אינעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער און אַ קאָנקורענץ מיטן קאָמינטערן.

נאָכן 3טן צוזאַמענפאָר גייט די לינקע ריכטונג אַריבער פון איר אָנפירנדיקער ראָל אין דער פּאַרטיי צו דער ראָל פון אַן אָפּאָזיציע, —

זי פּאַרטיידיקט דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, נעמט אויף זיך די מיסיע אָפּצושטעלן די אידעאָלאָגישע עוואָלוציע אויף רעכטס, צו באַקעמפן די אויספירונגען וועלכע די מערהייט מאַכט אין דער פראַגע פון בונדס אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

* * *

אַז די מערהייט איז גאַנץ ווייט אַוועק אין איר זוכן אַ וועג אַרויס־צוגיין פון דער „איזאָלאַציע״, אין וועלכער דער בונד האָט זיך געפונען, וואָס שייך אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען מיט דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוועגונג, האָט באַוויזן דער 4טער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט קנאַפּע 5 יאָר שפּעטער אין יאַנואַר 1929 (אין וואַרשע). די מערהייט האָט שוין דאַן געהאַלטן פאַר נישט גענוגנד דעם בונדס אָנגעהעריקייט צו אַ „פאַראייניקונג פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס״ — ווי דאָס איז אין 1929 געווען די „פּאַריזער ביוראָ״ — די מערהייט האָט געוואָלט פאַראייניקן, „זוכן מיטלען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן די מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּאַרטייען, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דער פּאַריזער ביוראָ, מיט די לינקע פּאַרטייען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל״.

ס׳איז דאָ דער קלאָרער אָנזאָג פון אַן אָנקומענדיקן פאַרשלאָג — פון אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דערויף האָט די לינקע ריכטונג געענטפערט, אַז

„ס׳איז די אויפגאַבע פון די אַוואַנגאַרד־טיילן פון פּראָלעטאַריאַט פון זיינע רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע פּאַרטייען צו דעמאַסקירן די רעפאָרמיסטישע אילוזיעס, באַקעמפן אַלע פּרואוון רעוויזיאָניסטיש אָפּצוקערן די אַרבעטער־באַוועגונג פון רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן וועג פון קאָנסעקווענטן קלאַסן־קאַמף, וועקן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין פון דער מאַסע און זי גרייטן פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צו די קומענדיקע גרויסע קלאַסן־שלאַכטן״.

דאָס דערנענטערן זיך צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן די לינקע באַטראַכט נישט ווי אַן אויסוועג פון דער איזאָלאַציע, נאָר ווי אַ דערנענטערונג צום רעפאָרמיזם.

די קריטישע באַציאונג פון דער לינקער ריכטונג צום קאָמינ־טערן איז אין די יאָרן צווישן 3־טן און 4־טן צוזאַמענפאָר פון בונד שאַרפער געוואָרן און דערייבער לייענען מיר פאָלגנדיקן אויספיר אין די טעזן פון די לינקע צום 4־טן צוזאַמענפאָר:

„דער בונד מוז אויך ווייטער בלייבן אויסער די בײדע אינטערנאַציאָנאַלן און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זענען אים אידעאיש נאָענט, אַרבעטן אין דער ריכטונג פון קאָנסאָלידירן די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג סיי אין נאַציאָנאַלן, סיי אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב״.

ווי שווער ס׳זענען נישט געווען די אַנטוישונגען און פאַרביטערונג, וועלכע דער קאָמינטערן האָט אַרויסגערופן מיט זיין צעברעכערישער פּאָליטיק, איז אָבער דער אומצוטרוי און אומגלויבן אין רעפאָרמיזם געווען זייער טיף איינגעוואָרצלט אין דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט. די רעזאָלוציע פון דער מערהייט האָט אויפן פערטן צוזאַמענפאָר באַקומען 53 שטימען און די רעזאָלוציע פון די לינקע 42.

מיט כמעט אָנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער האָט די פּאַרטיי געדאַרפט ווידעראַמאָל באַשליסן וועגן אינטערנאַציאָנאַל — אויף איר פינפטן צוזאַמענפאָר אין לאָדזש.

אַ שאַרפן, ממש פאַרביטערטן קאַמף האָט די לינקע ריכטונג געפירט במשך דער גאַנצער פאַר־צוזאַמענפאָר־דיסקוסיע — דאָס מאָל שוין אַרום קאָנקרעטן פאָרשלאַג פון דער מערהייט: אַריינצוטרעטן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

* * *

אין יוני 1930 האָט דער לאָדזשער צוזאַמענפאָר פון בונד פאָרמעל אָפּגעשלאָסן אַ דיסקוסיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויפן קראָקעווער צוזאַמענפאָר אין אַפּריל 1920, וועגן בונדס אָנגעהעריקייט צו אַן אינטערנאַציאָנאַל.

די באַשלוסן פון קראקע און דאַנציג וועגן אָנשלוס אין 3טן אינטערנאַציאָנאַל זענען נישט רעאַליזירט געוואָרן, ווייל די לינקע האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן די פאָרם און דעם כאַראַקטער פון בונד — די אָנדערהאַלבן פונקטן, וועלכע זיי האָבן אָפּגעוואָרפן זענען געווען מער, ווי בלויז אָרגאַניזאַציאָנעלע כללים.

דער באַשלוס פון לאָדזשער צוזאַמענפאָר זיך אָנצושליסן אינעם סאָציאַליסטיש אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אָפּוועזנהייט פון דער לינקער ריכטונג, ווען די דעלעגאַטן פון די 2ער האָבן צייטווייליק פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר, איז יאָ אַדורכגעפירט געוואָרן.

זייער שאַרפן קאַמף קעגן דעם אָנשלוס האָבן די לינקע באַגרינדעט אין זייער דעקלאַראַציע, וועלכע ס׳האָט איבערגעלייענט אין נאָמען פון די צווייער י. כמורנער.

פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע ציטירן מיר פאָלגענדעס:

„זינט דעם מאָמענט, ווען דער בונד האָט פאַרלאָזן די רייען פון באַנקראָטירטן 2טן אינטערנאַציאָנאַל, האָט די פאַרטיי אויף קיין איין טאָג נישט אויפגעהערט צו לעבן מיט די אינטערעסן און קאַמפן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, זי האָט אויף קיין איין טאָג נישט פאַרלוירן דעם געפיל פון באַהאָפטנקייט מיטן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס און נישט אויפגעהערט צו לעבן מיטן געדאַנק וועגן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל. די פאַרטיי האָט אָבער געוואוסט און קלאָר דאָס פאָרמולירט, אַז דער נייער אינטערנאַציאָנאַל מוז געבויט ווערן אויף אַ פעסטן רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן יסוד, כדי ער זאָל קענען אויסמיידן דעם טרויעריקן גורל פון פאַרמלחמהדיקן אינטערנאַציאָנאַל, כדי ער זאָל נישט ווערן אין דער צוקונפט אַ קוואַל פון נייע שווערע אַנטוישונגען פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

די פאַרטיי האָט אויף דעם געביט נישט געזוכט בלויז אַ באַקוועמע פּראַקטישע ליזונג פאַר זיך, נאָר זי האָט תמיד געהאַט אין אויג די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינער, פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דערין טאַקע איז געקומען צום אויסדרוק די אויסגעשפּראָכן אינטערנאַציאָנאַליסטישע אָריענטירונג פון דער פאַרטיי. אַלע ביז איינעם אין דער פאַרטיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז געבן די אָדער אַנדערע תשובה אויף דער פראַגע „אינטערנאַציאָנאַל", הייסט גלייכ־צייטיק געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון אַלע פראַגן — וועגן דעם וועג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צום סאָציאַליזם.

די גאַנצע פאַרטיי, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע באַציאונג צום רעפאָרמיסטישן וועג, און אַלע ריכטונגען אין דער פאַרטיי האָבן מיט גלייכער אַנטשיידנקייט פאַר־וואָרפן יעדן געדאַנק וועגן מיטגיין מיטן וועג פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל און ממילא וועגן אַריינטרעטן אין זיינע רייען.

ס'איז איצט שטילשטאַנד, אָדער גאָר בין השמשות אין דער אַר־בעטער־באַוועגונג. דערביי האַלט זיך דער קאָמינטערן ביי אַזאַ טאַקטיק און דער אַלגעמיינער קורס פון זיין פּאָליטיק איז אַזאַ, אַז ער העלפט פּאַקטיש אויך מיט דעם וואוקס פון רעפאָרמיזם.

די דאָזיקע לאַגע שטעלט אויס אויף אַ שווערע פּראָבע יעדן רע־וואָלוציאָנערן סאָציאַליסט, יעדע רעוואָלוציאָנער סאָציאַליסטישע פאַרטיי.

און לײדער איז אַ טייל פון אונזער פאַרטיי, די ח"ח „איינסער", אויך נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און זיי זענען גרייט צו קאַפּיטולירן פאַרן רעפאָרמיזם, פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון רעפאָרמיזם".

דער באַשלוס פון דער פאַרטיי זיך אָנצושליסן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַר דער לינקער ריכטונג באַדייט אַזאַ קאַרדינאַלע ענדערונג אין דער פאַרטייס אידעאָלאָגישער פּאָזיציע, אין דער פּאָליטישער אַטמאָספער פון דער פאַרטיי, אַז זי איז באַשטאַנען דערויף און אויסגעקעמפט פאַר זיך די רעכט פון אַן אייגענעם ריכטונג־אָרגאַן — דעם „קעגן שטראָם”.

פון 1930 ביז 1935 האָט דער „קעגן שטראָם” געדינט דער לינקער ריכטונג — ווי אַ טריבונע, פון וועלכער ס׳האָט זיך געהערט די שטים פון ראַדיקאַלן פליגל פון דער פאַרטיי, וואָס האָט נישט זעלטן פּאָלעמיזירט מיט חברים פון דער מערהייט; ווי אַן אָרגאַן, אין וועלכן ס׳זענען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען מיט אַזאַ פּרינציפּיעל אַנדערן צוגאַנג צו די הויפּט־פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישער און בונדישער פּאָליטיק — אַז זיי האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער פּאַרטייאישער פּרעסע; דער „קעגן שטראָם” האָט אויך געדינט דער גאַנצער פּאַרטיי — מיט דער שאַרפער קריטיק, מיטן בולטן אַוועקשטעלן פראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט און געפאָדערט אַן אָפּשאַצונג און איבערשאַצונג פון צילן און דערגרייכונגען פון דער פּאָליטיק פון דער מערהייט אין דעם פּעריאָד פון נאָכן אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

* * *

די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אינעם קאָמינטערן, זיין דעגענעראַציע האָבן צונישט געמאַכט די גרויסע האָפנונג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז ווידערגעבוירן געוואָרן אין שויס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועט זיין דער אינטערנאַציאָנאַל פון רעוואָלוציאָנערער טאַט.

מיטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט די לינקע ריכטונג נישט אויפגעהערט אידעאיש צו שטרייטן — זי האָט געוואָרנט קעגן פאַרבינדן וועלכע ס׳איז האָפענונגען מיט אים און קעגן גלויבן אין אים.

אינגאַנצן 3 יאָר נאָך דעם בונדס אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָך דער שווידערלעכער מפּלה פון דער דייטשישער ס.ד., נאָך איר ווידערשטאַנדלאָזער קאַפּיטולאַציע פאַר היטלערן — איז טראַגיש באַרעכטיקט געוואָרן די וואָרנונג פון די לינקע, — אַפילו די „איינסער” האָבן אויסגערופן אין פאַרצווייפלונג: דער אינטערנאַציאָנאַל איז טויט!

צו די פּראָבלעמען, וועלכע זענען נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג פון די פּאַרטיי־קאָנגרעסן, האָט געהערט די פראַגע פון בונדס באַציאונג צו דער פּ.פּ.ס.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אין די ערשטע יאָרן, אין די צייטן צווישן ערשטן און דריטן צוזאַמענפאָר, האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער דערנענטערונג און שטענדיקער צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּ.פּ.ס. אַפילו די איינסער שטעלן דאָס פעסט אין זייערס אַ רעפעראַט אויפן 3טן צוזאַמענפאָר ; זיי דערקלערן, אַז „יעדער פּרואוו אין דער ריכטונג, אַז דער בונד זאָל זיך ענג פאַרבינדן מיט פּ.פּ.ס., וועט זיך מוזן ענדיקן מיט אַ דורכפאַל, ווייל אין אַ ריי וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגן שטייען מיר אויף קעגנזעצלעכע שטעלונגען — די באַציאונג צו דער בירגערלעכער מלוכה, די נאַציאָנאַלע פראַגע, די קאָאַליציע־פּאָליטיק א. ד. ג.״

די ליבקע אין דער פּאַרטיי האָבן נישט געהאַלטן פאַר געוווּנט אָט די דאָזיקע פעסטשטעלונג — זיי האָבן געהאַלטן, „אַז די באַציאונג צו די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרף זיך געפינען אין הסכם מיט דער פּאָליטישער הויפּט־אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד. די דאָזיקע אויפגאַבע איז : אַרויסרייסן די מאַסן פון אונטער דער השפעה פון רעפאָרמיזם. פון דעם דרינגען אַרויס אויספירן — סיסטעמאַטישער קאַמף קעגן פּ.פּ.ס.ישן נאַציאָנאַליזם און רעפאָרמיזם.״

די דאָזיקע מיינונג־פאַרשיידנקייט האָט זיך איינגעהאַלטן די גאַנצע צייט. און געשטאַנען איז די פראַגע פאַרן בונד מיט אַ נישט קלענערער דרינגלעכקייט אַפילו נאָך דעם, ווי די „איינסער״ האָבן אַדורכגעמאַכט אַ היפּשע עוואָלוציע, אַפילו נאָך דעם, ווי די פּאַרטיי האָט שוין געהערט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

* * *

די לעצטע יאָרן ערב דעם אויסברוך פון 2טן וועלט־קריג האָט זיך אָנגעהויבן אַ פערמענט אין דער פּ.פּ.ס. סיי די מפּלות פון דער ס.ד. אין דייטשלאַנד, סיי די מפּלות פון דער פּ.פּ.ס.ישער פּאָליטיק אין פּוילן גופא — וואו די רעגירנדיקע גרופּן זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פּולן פאַשיזם — האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן אויך צווישן דער פּ.פּ.ס.ישער מאַסע און סטודענטישער יוגנט.

אין דער צייט פון אונטערערדישן קאַמף קעגן היטלערן, נאָך דעם ווי ס'איז אַנטשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע פּ.פּ.ס., וואָס האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון דער אַמאָליקער פּ.פּ.ס. (וו.ר.נ.), האָט דער אונטערערדישער בונד צוזאַמענגעאַרבעט מיט ביידע פּאַרטייען.

דער לעצטער פּרואוו

דער אומבויגזאַמער ווילן צום קאַמף, דער טיפער גלויבן אין סאָציאַליזם זענען נישט געבראָכן געוואָרן ביי די פירער פון אונטערערדישן בונד אין פּוילן, אַפילו אין די שוידערלעכסטע יאָרן פון נאַצישער אָקופּאַציע. זיי זענען געבליבן אומדערשיטערט דעצידירט ווידעראויפצובויען דעם בונד ווי אַ מאַסן־פּאַרטיי און אים צוריק אַרויסצופירן אויף דער אויבערפלאַך פון פּאָליטישן לעבן אין באַפרייטן פּוילן.

צווישן די, וואָס האָבן דעם דאָזיקן אומבויגזאַמען ווילן פאַרמאָגט, איז געווען דר. לעאָן פיינער, וועלכער איז נאָכן מאַרטירער־טויט פון מאוריצי אָזשעך געוואָרן פאָרזיצער פון צ.ק. פון אונטערערדישן בונד אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן.

זיינע לעצטע וואָכן און טעג האָט ער — אַ צוגעשמידטער צום בעט, אַ שטאַרבנדער אויף קאַנסער — אָפּגעגעבן דער לובלינער באַראַטונג אין 1945, אויף וועלכער ס׳איז פון דעם וואָס ס׳איז געבליבן פון העראָאישן אונטערערדישן בונד און פון די רעשטלעך צוריקגעקומענע פון סאָוועטישע לאַגערן, תפיסות און פאַרשיקונגען, צוריק־אויפגעשטעלט געוואָרן דער בונד אין באַפרייטן פּוילן.

דער ווידעראויפגעבויטער בונד האָט געזאַמלט די געבליבענע סאָציאַליסטישע כוחות, האָט געבויט דאָס יידישע סאָציאַליסטישע לעבן אויף די חורבות אין אַ פּוילן, וואָס האָט געוועקט האָפענונגען, אַז ס׳וועט באַשאַפן ווערן אַ באמת נייע פאָרם — די פאָלקס־דעמאָקראַטיע — וואָס וועט צונויפפאָרן רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק, ווייט־גייענדע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען מיט דעמאָקראַטיע. דעם דאָזיקן גלויבן האָבן געטיילט אויך פּוילישע סאָציאַליסטן און פּויערים־טוער, ברייטע שיכטן פּוילישע אַרבעטער און פּויערים־מאַסן.

עטלעכע יאָר האָט געדויערט די גרויסע אָנשטרענגונג, ביז זי איז אין 1948 פאַרשניטן געוואָרן, ווי ס׳איז פאַרשניטן געוואָרן יעטוועדע רעשט פון פּאָליטישער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט אין פּוילן, ווען דער סטאַלינישער רעזשים האָט באַצוואונגען דאָס לאַנד.

* * *

מיר האָבן זיך אין דאָזיקן קאַפּיטל ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די ערב יאָרן פון פּוילישן בונד ווייל דאָס זענען געווען — ווי מיר שאַצן דאָס אָפּ — די יאָרן, ווען ס'האָט זיך פאָרמירט דער בונד, ווען ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט זיינע אייגנטלעכע כאַראַקטער־שטריכן, יאָרן וואָס האָבן געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנצער צוקונפט.

מיר האָבן אויך דעריבער מער אָרט געווידמעט רעזאָלוציעס, דעקלאַראַציעס און אַרטיקלען, וועלכע באַלויכטן די אידעאישע עוואָלוציע, וואָס ס'האָט אין די ערשטע יאָרן אַדורכגעמאַכט דער יונגער קאַדר בונדישע טוער און מיט אים די פּאַרטיי־מאַסע.

און ווייל דאָס איז נאָר אַ קווער־שניט — האָבן מיר זיך באַנוגנט מיט כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אין דער עוואָלוציע פון דער 2ער ריכטונג — און אַן עוואָלוציע האָט זי אַדורכגעמאַכט נישט קיין קלענערע, ווי די פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע, — מיר ציטירן דאָ נאָר קורצע אָפּזאַצן פון רעזאָלוציעס און שטעלונגען אָדער ברענגען זייער מהות.

דער לויף פון יאָרן האָט געבראַנגט ענדערונגען אין פאָרמולירונגען, האָט געוויסע לאָזונגען געמאַכט ווייניקער אַקטועל, ווי אַנדערע. דער קאָמוניזם און זיין עוואָלוציע — סיי אינטערנאַציאָנאַלע, סיי אין רוסלאַנד — האָט געצוואונגען דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם צו בלייבן איזאָלירט. פּונקט אַזוי האָט דאָס געטאָן דער ווידעראויפגעלעבטער רעפאָרמיזם אין מיטל־ און מערב־אייראָפּע.

אָבער די הויפּט־עיקרים זענען געבליבן פאַר די 2ער די זעלבע אין סוף פון די 30ער יאָרן און שפּעטער אין אונטערערדישן בונד און אין די יאָרן נאָך פּוילנס באַפרייאונג, אַזוי ווי זיי זענען געווען אין די יאָרן 1919־1924.

די טויזנטער 2ער — סיי די וועלכע מיר האָבן דאָ דערמאָנט, ווי אויך די וואָס זענען נישט דערמאָנט — האָבן ווי אַ גרויסער קאָלעקטיוו במשך פון צענדליקער יאָרן אויף הונדערטער פּאַרטייאישע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן געהאָלפן אויסשמידן די טעזן און רעזאָלוציעס פון דער ריכטונג. זיי האָבן געשטרעבט, אַז די פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, דער בונד, זאָל פירן דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ווי אַ מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

סאָפיע דובנאָוו-ערליך

יוסף לעשטשינסקי (י. כמורנער)
זיין לעבן און שאַפן

אַריינפיר

יעדע עפּאָכע רוקט אַרויס מענטשן, וואָס נעמען פּריוויליק אויף זיך צו פאַרווירקלעכן דעם געבאָט פון דער געשיכטע. די דאָזיקע מענטשן זאָגן זיך אָפּ צו זיין פּאַסיווע אָביעקטן פונעם היסטאָרישן פּראָצעס און זיי צאָלן פאַר דעם אַ הויכן פּרייז; זייערע פּערזענלעכע אימפּולסן וואַרפן זיי אונטער דעם ווילן פון קאָלעקטיוו. אָבער אויך די עפּאָכע בלייבט נישט קיין בעל־חוב: זי גיט זיי די מעגלעכקייט אויסצוואַוואַקסן אין זייער פולסטער מאָס; זייער עוואָלוציע ווערט די עוואָלוציע פון אַ גאַנצן דור. און ווען מיר פאָלגן נאָך דעם גאַנג פון יוסף לעשטשינסקיס לעבן, אַ לעבן וואָס איז גראָדליניק און שלימותדיק, כאָטש נישט פריי פון אידעאישע זיגזאַגן, זעען מיר ווי די ביאָגראַפיע פון איין מענטשן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ביאָגראַפיע פון אַ דור.

יוסף לעשטשינסקי איז געבוירן געוואָרן אין די אַכציקער יאָרן אין אַן אוקראַיניש שטעטל. די ווינטן פון דער השכלה זענען אין דרום־רוסלאַנד אַריינגעדרונגען שפּעטער ווי אין די צפון־מערבדיקע געביטן. דער משכילישער ראַציאָנאַליזם האָט אין דער דאָרטיקער יידישער סביבה געפונען אַ ווייניקער גינסטיקן באָדן ווי אין די מתנגדישע צענטערס פון ווייסרוסלאַנד און ליטע. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, איז דאָס יידנטום אין אוקראַינע געווען ווייניקער אָפּגע־שלאָסן, ווייניקער פאַנאַטיש, ווי אינעם שכנותדיקן פוילן; דער אָרטי־קער חסידיזם האָט געהאַט אין זיך מער פון יענעם ראָמאַנטיזם, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון בעש״ט אַליין. די יידישע יוגנט, וואָס האָט איבערגעריסן מיט דער טראַדיציע, וואָלט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער ירושה, אַפילו ווען זי וואָלט דאָס געוואָלט: צו טיף איז די דאָזיקע ירושה פאַרוואָרצלט געווען אין דער פסיכיק פונעם פאָלק.

סוף די 90ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י. ה. איז אַן אַקטיווער פאַק־טאָר אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן געוואָרן דער פאָלקס־אינטע־ליגענט. פונעם חדר און ישיבה האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין געווירבל פון די ברענענדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

די אַסימילאַטאָרישע שטימונגען פון די ערשטע דורות משכילים האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אויסגעוועפּט. דער וועג פון דער יוגנט אין די אוקראַינישע שטעטלעך איז גאַנץ אָפט געווען פון בית־המדרש צו דער נאַציאָנאַלער השכלה, און נאָך דעם פון העברעאיש און אחד־העמיזם — צו סאָציאַליזם און יידיש. דער סעקולאַריזירטער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס האָט זיך מיט דער צייט אַלץ ענגער פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָלקס־שפּראַך. אָבער די יונגע אָנהענגער פון דאָזיקן רענעסאַנס זיינען נישט אַריין אין דער געשיכטע בלויז ווי אַ דור פון קולטור־טרעגער. דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט האָט אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד, און די יידישע פּאָלקס־אינטעליגענץ האָט דערהערט דעם געבאָט צו ווערן מיטבאַטייליקט אין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער איבערפורעמונג פון רוסלאַנד.

דעם אָטעם פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע האָט יוסף דערפילט ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען. ער האָט זיך אָנגעצונדן מיטן דורשט נאָך וויסן, וואָס האָט געזאָלט געבן אַ שליסל צו דער פאַרענטפערונג פון אַ סך ברענענדיקע פראַגעס. זיין דור האָט נישט געהאַלטן פון סתם וויסן וואָס ברענגט נישט צו קיין טאַט. דער תוך פון טאַט איז געווען אַ קלאָרער: קאַמף פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר און פאַר פּאָליטישע פרייהייט. ער אַליין באַשרייבט זיין דור אין פאָלגנדע ווערטער: „עס האָבן אין די 90קער יאָרן אַ שאָס געטאָן פון באָדן אידעען און געדאַנקען, באַוועגונגען און שטרעמונגען. די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע האָט זיך דיפערענצירט, און ס'האָט זיך באַקומען אַ רעגנבויגן, וואָס האָט שימערירט מיט אַלע... פאַרבן..., און יעדע באַוועגונג.. האָט אַרויסגערוקט אירע התלהבותדיקע בויער און באַגרינדער, יעדע אידעע האָט געפונען אירע טרוימער און פרעדיקער... אין פייער פון שווערן קאַמף מיטן דעמאָלטיקן צאַרישן רעזשים אין רוסלאַנד האָבן זיך געשמידט געדאַנקען און געהאַרטעוועט כאַראַקטערן.״ *)

די פאָרמירונג פון דער וועלטאָנשויונג פון דער דאַמאָלטיקער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט איז געגאַנגען מיט צוויי וועגן: פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו אַ פאַרבינדונג מיט די יידישע מאַסן, און פון נאַציאָנאַליזם צו סאָציאַליזם. יוסף האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. ער האָט אָנגעהויבן פון ציוניזם. דער הערצלישער וואָלונטאַריזם, וואָס האָט אַרויסגערופן צו אַ פאַרמעסט די לאַנגיאָריקע

*) „אַ דור גייט אַוועק — ביים קבר פון מ. זילבערפאַרב״, „פּאָלקסצייטונג״, 23 מערץ, 1934, וואַרשע.

געשיכטע פון יידנטום אין גלות, האָט אָנגעצונדן אַ סך יונגע הערצער. אָבער נאָכן אויפשטייג איז געקומען אַן אָפפלוס: דער פּראָיעקט צו קאָלאָניזירן אוגאַנדע האָט יוספן, פונקט ווי אַ צאָל אַנדערע זיינע חברים, געבראַכט צום טעריטאָריאַליזם. כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט פון יענער תקופה איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון מאַרקסיזם; אויך די יונגע טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך באַמיט זייערע נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן אַריינפּאַסן אין מאַרקסיסטישע פאָרמולעס. במשך פון יאָרן נעמט יוסף אָנטייל אין שאַפן די טעריטאָריאַליסטישע אידעאָלאָגיע; ער מאַטערט זיך איבער דער גרונט־פראַגע, וואָס טרייסלט די פונדאַמענטן פון זיין יונגער פאַרטיי — ווי אַזוי פאַראייניקט מען דעם לאָזונג פון עמיגראַציאָניזם מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. יוספס געדאַנק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גראָדליניקייט און לאָגישקייט; ס'איז געקומען אַ צייט, ווען אים האָבן אויפגעהערט צו באַפרידיקן די דיאַלעקטישע המצאות, וואָס מיט זייער הילף האָבן סיי ער, סיי זיינע חברים געפרואווט צו פארשטאָפן די בלויזן אין דער פאַרטיי־פראָגראַם.

פאַר יוספן ווערט קלאָר, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי דאַרף זיין די אַרבעט אויפן אָרט. די דאָזיקע איבערצייגונג האָט אים צוערשט געבראַכט צו די „פאַריייניקטע" און שפּעטער אין די רייען פון „בונד". יוסף האָט שפּעטער נישט איין מאָל שאַרף קריטיקירט דעם טעריטאָריאַליזם; די שפּורן פון טעריטאָריאַליסטישע שטימונגען זיינען אָבער אויף לאַנג פאַרבליבן אין זיין נשמה; וועגן דעם זאָגט עדות זיין לײדנשאַפטלעכער אינטערעס פאַר קרימער און בירעבידזשאַנער קאָלאָניזאַציע. דער פּרינציפּ פון דאָאיקייט איז פונדעסטוועגן געוואָרן איינער פון די יסודות פון זיין וועלטבאַנעם.

די רעוואָלוציע פון 1917 האָט יוספן געטראָפן אין די רייען פון די „פאַריייניקטע". די דאָזיקע פאַרטיי האָט פונקט ווי דער בונד אין אוקראַינע, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער נייער אָרטיקער רעגירונג און האָט קאַטעגאָריש פאַראורטיילט די אָקטאָבער־איבערקערעניש. אָבער ווען איבער דרום־רוסלאַנד האָט זיך אַ טראָג געטאָן די כוואַליע פון אכזריותדיקע פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט דורך פּעטליורעס באַנדעס און דורך די אָפּטיילונגען פון דער ווייסער אַרמיי, איז אין דער שטימונג פון אַ סך יידישע סאָציאַליסטן פון אוקראַינע און אויך פון די מערב־געביטן פאָרגעקומען אַן איבערברוך. אויף אַלע פראָנטן פון בירגערקריג האָבן זיי געקעמפט צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין די רייען פון די „פאַריייניקטע" און פון „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון רעווידירן די אַלטע

חיים וואַסער, זיין פרוי מאַניע (גלאַזער) און זייער טאָכטער האַנושע



דוד און ציפּע לעשטשינסקי
(יוספס עלטערן)

פּאָזיציעס; ער האָט דערפירט צו דער שפּאַלטונג אין בײדע פּאַרטײען. דער „בונד“ האָט דעקלאַרירט, אַז ער נעמט אָן די קאָמוניסטישע פּראָגראַם און איז גרײט אַרײנצוטרעטן אין דער ר.ק.פּ. אויפן יסוד פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע.

זומער 1920 זײנען די „פּאַרײניקטע“ בראש מיט זײערע װיכטיקסטע טוערס אַרײן אין „בונד“. צװישן זײ איז געװען אויך יוסף. װען ס'האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז דער צ.ק. פון דער ר.ק.פּ. װאַרפט אָפּ די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע, האָט יוסף באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן זײן טעטיקײט קײן פּוילן, װאו די יידישע אַרבעטער־באַװעגונג איז געװאַקסן פון יאָר צו יאָר.

יוסף האָט געבראַכט מיט זיך קײן פּוילן די פעסטע איבערצײגונג, אַז די װעלט איז אַרײן אין דער תקופה פון טיפע סאָציאַלע איבערקערענישן. פּוילן איז געװען פאַרכאַפּט מיטן בויען איר נײע מלוכה סיסטעם, און דאָ איז נישט געװען קײן גינסטיקער באָדן פאַר מאַקסימאַליסטישע שטימונגען. אָבער אין דער סביבה פון די יידישע אַרבעטער זײנען די דאָזיקע שטימונגען געװען גאַנץ שטאַרק, און דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פּוילישן „בונד“ איז דורכגעגאַנגען אונטער זײער צײכן. שוין אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צװײ ריכטונגען. אויפן צװײטן צוזאַמענפאָר איז יוסף אַרײן אין דער לינקער פראַקציע און איז געװאָרן אויף יאָרן לאַנג דער פירער און װאָרטזאָגער פונעם לינקן פליגל אין דער פּאַרטײ.

די יאָרן, װאָס יוסף האָט פאַרבראַכט אין פּוילן, זײנען פאַר אים געװען אַ פּעריאָד פון אינטענסיװער און פאַרשידנאַרטיקער טעטיקײט. דאָ איז ער צום ערשטן מאָל געװאָרן אַן אָנטײלנעמער פון אַ מאַסןבאַװעגונג; ער האָט געקריגן די מעגלעכקײט צו פירן במשך פון יאָרן פּאָליטישע און קולטור־אַרבעט אין אַ ברײטן פאַרנעם. די צװײ מינים טעטיקײט האָבן זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן אין די ראַמען פון דעם „בונד“, װאָס איז טיף אַרײנגעװאָקסן אינעם לעבן פון די פאָלקסמאַסן. דער פּובליציסטישער טאַלאַנט פון יוסף לעשטשינסקין האָט אין דעם ח' י. כמורנער פון פּוילן זיך פונאַנדערגעבליט און געשטאַרקט; די פאַרײניקונג פון עמאָציאָנעלן פײער מיט לאָגיק האָט זײן װאָרט, דעם געשריבענעם װי דעם גערעדטן, צוגעגעבן אַ באַזונדער װאָג.

איבערן דאָזיקן רײכן, ביז איבער די ברעגעס איבערגעפולטן פּעריאָד פון יוספס טעטיקײטן, הענגט אָבער אַ פינצטערע כמאַרע פון אומגלײכן קאַמף צװישן גײסט און קערפּער: יוספס אָרגאַניזם האָט זיך געבונטעװעט קעגן דער אומדערטרעגלעכער לאַסט. ער האָט אַ סך

געקרענקט ווען ער איז געווען אַ קינד; און ווען נאָך די אַסקעטישע יאָרן פון לערנען קומט זיין שווער לעבן פון אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, ווערט ער קראַנק אויף די לונגען. אין לעצטן אָפּשניט פון זיין לעבן האָט די פיבערהאַפטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און די פּיינלעכע פּרואוון צו הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון זיין משפּחה לסוף אונטערגעגראָבן זיין שוואַכן אָרגאַניזם. יוסף לעשטשינסקין איז באַשערט געווען צו לעבן נאָר איין און פופציק יאָר.

אַ ביאָגראַף, ווען ער נישטערט אין די דאָקומענטן, זוכט ער די עיקרדיקע שטריכן און אימפּולסן, וואָס פירן מיט די מעשים פונעם מענטשן. אין יוספס ביאָגראַפיע איז נישט שווער אויסצוטיילן איין שטריך, וואָס גייט דורך זיין גאַנץ לעבן: דער דאָזיקער שטריך הייסט געטריישאַפט. דער טרוימערישער האָראָדישטשער בחור, וואָס האָט אַ נדר געטאָן צו דינען זיין פאָלק און דער מענטשהייט, לעבט ווייטער אין דעם פּאַרטייאישן פירער. אין זיין סביבה איז ער איינער פון די הייסטע קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, אָבער אויך דער קאָנסעקווענטסטער אינטערנאַציאָנאַליסט. אויך זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען זיינען געבויט אויף געטריישאַפט: ער איז געווען אַ זאָרגעוודיקער פריינד און אַ ביז מסירת־נפש איבערגעגעבענער משפּחה־מענטש. די אידעישע עוואָלוציע פון זיין דור האָט אים געפירט אויף פאַרשיידענע וועגן, אָבער די באַזע פון זיין רייפן וועלט־באַנעם איז כסדר פאַרבליבן רעוואָלוציאָנערער מאַקסימאַליזם. מענטשן פון דעם שניט, אויב אַפילו זיי בייטן זייער פּאַרטייאישע אָנגעהעריקייט, פאַרבליבן זיי ביזן סוף פון זייערע טעג טריי צו זיך אַליין, — און דאָס איז אפשר דאָס שווערסטע און דאָס זעלטנסטע.

ערשטער קאַפּיטל

קינדער־יאָרן

צווישן גרינע בוריקע־פעלדער, סאָסנע־וועלדער און רחבותדיקע לאַנקעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ביז צום דניעפּער, האָט זיך געטוליעט האַראָדישטשע, דאָס שטעטעלע פון שלום־עליכמס אוקראַינע. די איזנבאַן איז אַהער ניט דערגאַנגען. דער הויכגעוויקסיקער שטעטלשער בעל־עגלה האָט די האַראָדישטשער הענדלערס, שדכנים, מלמדים און אַ קנעלונג, און די דאַרע עקסטערנס געפירט צום שכנותדיקן טשערקאַס, וואָס האָט נאָך געדענקט די הײדאַמאַטשינע, און אַמאָל אַפילו קיין קיעוו גופא. אויפן וועג אַהיים פלעגט ער פון צייט צו צייט אַרײַנשטעלן אויפן דעק פון דער טרייסלענדיקער בויד שווערע קאַסטנס, וואו אונטער דיקע שיכטן פון סידורים און צאינה־וראינהס זײַנען געלעגן רוסישע לערן־ביכער און אַמאָל אויך רעוואָלוציאָנערע בראָשורן.

האַראָדישטשע האָט געפירט אַ פּאַטריאַרכאַל, פּאַמעלעכדיק, דורך אבות איינגעשטעלט לעבן. דאָס שטעטל האָט געהאַנדלט, געדאַוונט, געבוירן און באַגראָבן; אָבער אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אין דער שטילער פּראָווינץ גענומען בלאָזן אומרואיקע ווינטן. אין די גרעסערע דערפער בשכנות מיט האַראָדישטשע האָבן זיך שוין אין די זיבעציקער יאָרן באַוויזן נעסטן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". פּאָליציייאישע אַגענטן האָבן נישט איין מאָל געפּאַקט „בונטאָווּשטשיקעס": די אָרטיקע פּויערים יאַכנענקאָ און סלעסאַרענקאָ, וואָס האָבן ביי זיך געהאַט אָרגאַניזירט קאָנספּיראַטיווע דירות, זײַנען אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זיי פאַרשיקט אויף סיביר. אָבער די אונטערערדישע אַרבעט האָט נישט אויפגעהערט. אַנדרעי זשעליאַבאָוו אַליין האָט הינטער האַראָדישטשע געעפנט אַ שוסטער־וואַרשטאַט וואָס האָט געדינט דער קאָנספּיראַציע.

די ביכלעך, וואָס מען האָט באַהאַלטענערהייט אַרײַנגעשמוגלט פון טשערקאַס און פון קיעוו, זײַנען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און יידישע בחורים, אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן און קליינע שכנותדיקע

פאבריקן, האבן זיי געשאמק געלייענט. אנגעלייענט זיך מיט די פאפולערע ביכלעך וועגן סאציאליזם און אנגעטאן די שווארצע העמדלעך „קאסאוואראטקעס" — דעם דאמאלטיקן מונדיר פון א פראגרעסיוון מענטשן, — האבן זיי זיך גענומען אגיטירן די שטארק עקספלואטירטע ארבעטער פון דער צוקער־פאבריק. דער בעל־הבית פון דער דאזיקער פאבריק איז געווען דער ארטיקער גביר פיאטאקאוו, דער פאטער פון שפעטער באוואוסטן באלשעוויסטישן טוער.

אלץ אפטער האבן זיך גענומען ווייזן סימנים, אז דער אלט־איינגעפונדעוועטער יידישער שטייגער נעמט פלאצן. אויך די פאטריארכאלע און פרומע משפחה פון די לעשטשינסקיס האט נישט אויסגעמיטן דעם אלגעמיינעם גורל: ס'וועט קומען די צייט, ווען די צוויי פעאיקסטע זין פון דוד לעשטשינסקי, יעקב און יוסף, וועלן אנטאן שווארצע העמדלעך און ווערן אפיקורסים. אבער אפילו ביז אט דער איבערקערעניש אין דער משפחה, האבן דוד און ציפע לעשטשינסקי געטראגן אויף זיך א גענוג שווערע לאסט פון זארג, מי און צער. פון פריען מארגן ביז שפעט אין אוונט זיינען זיי געשטאנען אויף זייערע געשוואלענע פיס אין זייער שפייז־און־גאלאנטעריי־קרעמל, געוואויגן און געמאסטן, און ביז הייזעריקייט זיך געדונגען מיט די פארעקשנטע פויערים פון די שכנותדיקע דערפער. אנגיסנדיק נאפט פון דער שווערער קאן אין א פלעשל, האט ר' דוד אן אומעטיקער געטראכט, ווי גוט ס'וואלט איצט געווען אריינלויפן אין נאענטן בית־המדרש און דארטן אריינכאפן א בלאט גמרא, אדער גאר א שמועס טאן וועגן פאליטיקע. אבער אפרייסן זיך פון קרעמל האט ער ביט געקענט: יעדער גראשן איז געווען א קרן — דאס קרעמל האט קוים, קוים מפרנס געווען די אלץ וואקסנדיקע משפחה. צוואנציק קינדער האט ציפע לעשטשינסקי געבוירן, און כאטש נאר א העלפט פון זיי איז לעבן געבליבן, איז דאך די משפחה געוואקסן. די טעכטער האבן יונג חתונה געהאט און האבן געבראכט אהיים אידעמס אויף קעסט.

די כסדרדיקע זארג, די חובות, די וועקסלען האבן ר' דודן פאראלטערט פאר דער צייט. דאס איינגעבוירענע געפיל פון שטאלץ האט זיך אין אים געבונטעוועט בעת א קריזיס ווען די געשעפטן האבן אים געצוואונגען אנצוקומען צו אן ארטיקן גביר נאך א גמילת־חסד. אין אזעלכע מינוטן פלעגט די לאגע ראטעווען דאס ווייב: ארויפגעווארפן אויף זיך די שווערע געפרענדזלטע פאטשיילע, האט זי מיט דער אנטשלאסנקייט פון פארצווייפלונג זיך געלאזן אין וועג אריין צום גבירישן הויז. מיט א שווער הארץ פלעגט ר' דוד ווארטן ביי זיין טויער אויפן רעזולטאט פון איר שליחות.

ציפּע לעשטשינסקי איז געווען אַ געטרײַע טאָכטער פון דורות מסירת־נפשדיקע יידישע פרויען. מיט מוט האָט זי געטראָגן דעם יאָך וואָס דאָס לעבן האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. איר געדולד און אויסדויער האָבן גאָר קיין גרענעץ ניט געהאַט. אין אַ גראָען פּראָסטיקן פרימאָרגן (דעם 2טן יאַנואַר 1884) האָט זי אַ טראָגעדיקע, שוין אין די הויכע חדשים, זיך געשלעפּט ווי געווײַנלעך צו דער קראָם, כאַטש אַ שוואַכקייט איז איר באַפאַלן און ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. ווען די ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט זי געפּרוּווט דערקריכן אַהיים; ס'איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט קוים זשיפּענדיק, מיט אײן פּאַראַליזירט הענטל; מיט ניסים איז עס געבליבן לעבן. מיט דער צײַט איז דער דאָזיקער שוואַכינקער, קרענקלעכער יינגל מיט דער קראַנקער לינקער האַנט געוואָרן דער ליבלינג פון דער משפּחה. נישט נאָר די מוטער, נאָר אויך דער אייביק פאַרדאגהטער פאָטער האָבן אים קיין מאָל נישט באַשטראָפט. צווישן די ברידער און די שוועסטערס איז עס נישט איין מאָל געקומען צו קריגערייען און געשלעגן, אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז דעם קליינעם יאָסעלען טאָר מען ניט אָנרירן.

די צוגעבונדנקייט צו דער מאַמען איז אָן צווייפל געווען דאָס ערשטע שטאַרקע געפיל אין דעם ייִנגלס לעבן. דעם פּאַטריאַרכאַלן יידישן לעבנשטייגער איז פרעמד געווען סענטימענטאַליטעט. מען האָט געדאַרפט זיין געצוימט אין אויסדריקן געפילן. נאָר די ראָל פון דער יידישער מאַמען, וואָס האָט אין זיך פאַרייניקט שטאַרקן כאַראַקטער און טיפע צאַרטקייט, איז אָפט געווען אַ פאַקטאָר פון אויסערגעווײנלעכער באַדייטונג אינעם עמאָציאָנעלן לעבן פון די קינדער. אין הויז פון די לעשטשינסקיס האָט די מוטער געשאַפן די אַטמאָספער פון האַרמאָניע און שלום־בית. איז געקומען צו מחלוקות אין דער משפּחה, האָט זיך פון דער קיך דערטראָגן איר שטיל קול: „מענטשן, מאַכט מיר ניט קיין גיהנום אין שטוב", און דאָס איז גענוג געווען, אַז ס'זאָל שטיל ווערן.

אין יוספן האָט זיך דעם טאַטנס גראָדליניקייט און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פאַראייניקט מיט אַ דורשט נאָך וואַרעמקייט, מיטגעפיל און האַרמאָניע; די מאַמע האָט אים בירושה איבערגעגעבן עמאָציאָנעלע אינטענסיווקייט. דאָס אונטערוואַקסנדיקע ייִנגל האָט אויף יעדן שריט און טריט געפילט איר שווייגנדיקע, שעמעוודיקע זאָרגפעלטיקייט. מיט דער צײַט האָט ער אָבער מיט באַדויער אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז די מאַמע איז אַ מענטש פון אַן אַנדער דור, פון אַן אַנדער וועלט און אַז אומזיסט פּרוּווט ער טיילן מיט איר זיינע גע־

דאַנקען. די באַדערפעניש פאַר גייסטיקן קאָנטאַקט האָט געפונען אַן אַנדער מין באַפרידיקונג: יוספס בעסטער פריינד איז פון זיינע פריסטע יאָרן אָן געווען און שוין אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן זיין ברודער יעקב, וועלכער איז געווען מיט אַכט יאָר עלטער פאַר אים.

יעקב האָט דער ערשטער אין דער משפחה אויפגעהויבן די פאָן פון בונט. דער ישיבה־בחור, אויף וועלכן מען האָט געלייגט גרויסע האָפענונג, האָט זיך פלוצלונג מיט ברען אַ נעם געטאָן צו רוסיש. אין שטוב האָבן זיך באַוויזן רוסישע לערנביכער און העברעאישע וועלטלעכע ליטעראַטור. יעקב פלעגט אָט די ביכער גוט באַהאַלטן, אָבער דער טאַטע האָט עפעס דערשמעקט, גענומען זוכן, און ווען ער האָט געפונען דעם ראָמאַן פון אייזשען סיו „די סודות פון פאַריזש", האָט ער עס פאַרברענט. די עגמת־נפש פון די עלטערן איז נאָך ביטערער געוואָרן, ווען דער עלטערער בחור האָט מיטן ייִנגערן גענומען לערנען רוסיש און אַריטמעטיק. די ברידער האָבן געפירט לאַנגע שמועסן און געבויט פלענער פאַר דער צוקונפט. מען האָט באַשלאָסן, אַז יעקב וועט פאָרן קיין אָדעס, דאָרטן ווי אַן עקסטערן דורכמאַכן דעם קורס פון אַ מיטל־שול און נאָך אַ געוויסער צייט וועט ער אַריי־ בערנעמען אַהין יוספן אויך.

פאַרן צוועלפיאָריקן ייִנגל איז דאָס הויז פון די עלטערן פוסט געוואָרן נאָך דעם ווי דער ברודער איז אַוועק. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך, איז געוואָרן שוויגעוודיק, און האָט אויפגעהערט צו דאַווענען. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, און גאָר איַלגיכן האָט זיך אין דער משפחה אָפגעשפילט אַ שטורמישע סצענע. ווען ר' דוד לעשטשינסקי האָט דערזען אַז זיין זון האָט פאַרפעלט צו קומען ערב־ ראש־השנה אין שול אַריין, איז ער אַהיימגעקומען אַן אויפגעקאָכטער. ווי נאָר יוסף האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט זיך אויף אים אַ שאָט געטאָן אַ האָגל מיט טענות. דער טאַטע האָט אים מער ניט געוואָלט אָנקוקן פאַר זיינע אויגן. יוסף איז אויף עטלעכע טעג אַוועק פון דער היים, אָבער ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. אין אַ צייט אַרום האָט ער ווידער אויפגעצאָרנט דעם טאַטן, ווייל ער האָט זיך געזעצט צום טיש אָן אויסגעפוצטער אין אַ שוואַרצער קאָסאָוואָראָטקע. ר' דוד האָט זיין קרענקלעכן זון אַ סך זאַכן מוחל געווען, אָבער שלום מאַכן מיט זיין אפיקורסות האָט ער ניט געקענט. דאָס ייִנגל האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן אין געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון; דער מלמד ר' משה־לייב האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּלויבן פון אים; דעם טאַטנס ווייטיק איז דעריבער געווען נאָך גרעסער.

צווייטער קאַפּיטל

יוגנט

די צעשיידונג מיטן ברודער איז אין יוספס לעבן געווען ניט נאָר דער ערשטער טיפער צער; זי האָט געבראַכט דעם סוף פון זיינע קינדעריאָרן. בלייבנדיק אַליין מיט זיינע געדאַנקען, האָט זיך דאָס ייִנגל אינערלעך געשטאַרקט און ער איז רייף געוואָרן. ווען יעקב איז אויף אַ ווײַלע אַהיימגעקומען, האָט ער פאַר זיך דערזען אַ בחור, וואָס האָט באַשלאָסן ניט אָפּצוטרעטן פאַר קיין שום מניעות ביים פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. די ברידער האָבן ממש געשלונגען איינער דעם אַנדערנס ווערטער אין זייערע אומאויפהערלעכע שמועסן. שעהן לאַנג אַרומגעוואַנדערט הינטער דער שטאָט, פּלעגן זיי זיך אָפּרוען אויפן בערגל, פון וואַנען עס האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ וועלט פון גרינער רחבות. אין דער דאָזיקער שמעקעדיקער, מיט זון דורכגעגליטער שטילקייט האָבן זיי איינער דעם צווייטן פאַרטרויט זייערע אינטימסטע געדאַנקען, ספקות, אומרואיקייטן, און אַמאָל אויך אונטערגעברומט זייער באַליבט ליד:

אָרעמעס לבן, שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט,
די כוחות די יונגע, די פרישע צו פטרן,
זוכנדיק טרוקענעם ברויט...

די ווערטער פונעם דאָזיקן אומעטיקן ליד פון א. רייזען האָבן געקענט ווערן אַן עפּיגראַף פאַרן שווערן, אַסקעטישן לעבן פון די עקסטערנען, — אַזאַ לעבן איז אויך געווען באַשערט יוספן. די ברידער אָבער האָבן ווייניק גערעדט וועגן וואָכעדיקע זאַכן. יעקב איז געקומען פון אָדעס אַ פלאַמיקער העברעאיסט און אַן אחד־העמיסט; ער האָט געברענט מיטן באַגער וואָס גיכער צו באַקערן יוספן צו זיין נייעם גלויבן. אין דער זעלביקער צייט איז ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז יוסף זאָל זיך ווייטער לערנען און דורכמאַכן דעם קורס פון גימנאַזיע.

אינעם אָרעמען באַגאַזש, וואָס יעקב האָט מיטגעבראַכט פון אָדעס,

האָט זיך געפונען אַ בוך וואָס איז פאַר יוספן געוואָרן שיר ניט אַן אַנטפּלעקונג. דאָס איז געווען גאַלאַכאָווס כרעסטאָמאַטיע — אַ זאַמלונג פראַגמענטן פון ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער — פאַר די עלטערע קלאַסן פון גימנאַזיע. יוספן האָט דורכגענומען אַ ציטער, ווען עס האָט זיך פאַר אים געעפנט דער אוצר פון דער רוסישער ליטעראַטור. פּושקינס און לערמאָנטאָווס לידער, גאָגאָלס און טורגעניעווס פּראָזע האָבן אים געגעבן אַזאַ מין נשמה־דערהייבונג, וואָס ער האָט ביז איצט ניט געקענט. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אינעם דאָזיקן באַשיידענעם לערנבוך, ווי נאָר אַן אויטאָדידאַקט האָט זיך געקענט פאַרליבן אין אַ בוך.

אין אָדעס האָט זיך יעקב קוים־קוים אויסגעהאַלטן, געבנדיק „אוראָקן". פונדעסטוועגן האָט ער באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט אויף איינצוקויפן ביכער פאַר יוספן, און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער אים אויך געשיקט אויף הוצאות אויף דער רייזע קיין אָדעס. יוספס טרוים איז מקוים געוואָרן: ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרויסער משפחה עקסטערנס, וואָס האָבן זיך פון די קליינע שטעטלעך געצויגן צו דעם קולטור־צענטער. דאָרט האָבן זיי פאַרמשפּט זייער גוף אויף הונגער, כדי צו שטילן דעם הונגער פון גייסט. די אַרטיקע פילאַנטראָפּן, וואָס האָבן געהאַלטן שיינע דרשות וועגן באַטייט פון בילדונג פאַר דער פינצטערער יידישער מאַסע, האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן גורל פון די אמתע מאַרטירערס פאַר בילדונג. די ברידער לעשטשינסקי האָבן זיך אַפילו זעלטן געקענט דערלויבן דעם לוקסוס אָפּצועסן אַ מיטאָג אין דער ביליקער קיך, וואו ס'האָט געבעל־הביתעוועט דאָס קליינינקע קאַרליקל מיטן מאָדנעם פאַמיליע־נאָמען זשוויף. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פאַרשוין: אַליין אַ ביטערער אָרעמאַן, אַ פּרוש, פלעגט ער אַלע זיינע כוחות אָפּגעבן אויף העלפן די צוגערייזטע עקסטערנס. די ביליקע קיך איז געווען זיין „קינד", און ער האָט זיך געמיט אַריינצוציען אין דער אַרבעט די יידישע שרייבערס און די געזעלשאַפטלעכע עסקנים. בלויז געציילטע (צווישן זיי איז געווען שמעון דובנאָוו, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון אַן עקסטערן) האָבן זיך אָפּגערופן.

יוסף האָט מיט גרויס התמדה זיך פאַרטיפט אין חכמת הגימ־נאַזיע, אָבער נישט איין מאָל פלעגן די בחורים אָפּרוקן די לערנ־ביכלעך אָן אַ זייט, און אויפן וואַקלדיקן, מיט טינט באַגאָסענעם טישל האָבן זיך באַוויזן העפטן פון „השלוח" און ביכער פון פאַרלאַג „תושיה" אָדער גאָר די ווערק פון רוסישע פובליציסטן און קריטיקערס. וויפל פראַגעס האָבן געעגבערט דעם מוח! וויפל בויגנס פון גרויען, ביליקן

פּאַפּיר זיינען ביים שיין פונעם באַפּטלעמפּל באַדעקט געוואָרן מיט ציטאַטעס! ניט גרינג איז געווען צוריקצוגיין פון אחד־העמען און דאָבראָליובאָוון צו דער לאַנגווייליקער גימנאַזיע־לערע.

אין אָדעס איז יוסף פאַרבליבן ניט לאַנג: די גראָשנדיקע פאַרדינסטן האָבן ניט געקלעקט פאַר צווייען. אָבער ווען ער איז געקומען צוריק אין זיין היימישן שטעטל אַריין, האָט ער זיך שוין נישט געפילט אַזוי איינזאַם ווי פריער: צווישן דער שטעטלשער יוגנט האָט עס געברויזט, נישט איינער פון די בחורים אין יוספס עלטער איז שוין געווען פאַרכאַפּט מיטן דורשט נאָך וויסן און געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. אין די זומערדיקע חדשים האָבן אויפן גרינעם בערגל — דעם זאַמלפונקט פון דער שטעטלדיקער יוגנט — נישט אויפגעהערט די דיסקוסיעס איבער די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון יענער צייט.

דער יונגער עקסטערן פלעגט זיך פאַרכליניען לייענענדיק. די רוסישע פּובליציסטיק און קריטיק, וואָס האָט געשטעלט גרויסע סאָציאַל־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָט אים געגעבן אַן אָנלאָדונג פון אַ רעוואָלוציאָנער־באַפאַרבטן הומאַניזם. אָבער, פּונקט ווי פריער, איז אין צענטער פון זיינע זוכענישן געשטאַנען די פּראָבלעם פון ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק, וואָס איז געווען באַדראָט פון פּאָגראָמען און אַנדערע פאָרמען פון אַנטיסעמיטיזם. יידישע אָרעמקייט און יידישע רעכטלאָזיקייט זיינען פאַרן זון פון איינער פון די כתריאלעווקעס געווען נישט טעאָריע, נאָר קאָנקרעטע און נאָענטע ווירקלעכקייט, און קעגן איר האָט זיך זיין גאַנץ וועזן געבונטעוועט. ביסלעכווייז האָט זיך אים דער אחד־העמיזם אָנגעהויבן אויסצואווייזן פאַר צו אַבסטראַקט און אַריסטאָקראַטיש, זיין יונגע ענערגיע האָט געזוכט אויסלאָדונג אין פּראַקטישער טעטיקייט. דער זעכצניאָריקער בחור זיצט איצט אָפּט אין בית־המדרש ביי אַ קערה און זאַמלט געלט פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע. ער האַלט פייערדיקע רעדעס פאַר דער יוגנט, און אַ מאָל אויך פאַר דערוואַקסענע, וועגן ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק אויפן באָדן פון זיין אַלטן פאָטערלאַנד.

אין 1901, ווען יעקב איז צוריקגעקומען פון אָדעס, האָט ער אין זיין היימישן שטעטל אָרגאַניזירט אַ קרייז פון חלוצים. די טעאָרעטישע באַזע פאַר דער אַרבעט פונעם דאָזיקן קרייז איז געווען די סינטעזע פון ציוניזם מיט דער אידעאָלאָגיע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. יוסף ווערט יעקבס אַקטיווער מיטאַרבעטער. ער פאָרט אַרום, ווערבירט אָנהענגערס און פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די קרייזלעך פון די שכנותדיקע שטעטלעך. די ברידער שאַפן זיך איין אַ העקטאָגראַף און דרוקן פּראָקלאַמאַציעס צו די אַרבעטער פון דער צוקער־

פאַבריק. דעם העקטאָגראַף און די פּראָקלאַמאַציעס האָט מען אויסבאַהאַלטן אין דער דירה פון בער סלוצקי, אַ נאָענטן חבר פון די ברידער לעשטשינסקי. סלוצקיס מוטער פלעגט די „טריפהנע סחורה" באַהאַלטן אויפן בוידעם, אין זעקלעך מיט געטריקנטע פּרוכטן. בעת דער אַרבעט אויפן העקטאָגראַף האָבן טאַקע די בחורים אַראָפּגעשלונגען אַן אומגעהויער גרויסן חלק פונעם זאַפּאַס, וואָס די זאָרגעוודיקע בעל־הביתטע האָט אָנגעגרייט אויפן ווינטער.

טיף פאַרטאָן אין זייער אַרבעט, האָבן זיך יעקב און יוסף נאָך מער אָפּגעריסן פון דער משפחה, נאָך שאַרפער איז ביי זיי געוואָרן דער פאַרלאַנג צו ווערן אומאָפּהענגיק. פון די פּריוואַטע לעקציעס האָבן די ברידער פאַרדינט גראָשנס; האָבן זיי באַשלאָסן צו עפענען אַ שול פאַר מיידלעך וואו מען האָט געלערנט קודם־כל העברעאיש. די שול האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. גאָר אין גיכן האָבן זיך ביי דער שול געשאַפן אַ ביבליאָטעק און אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע. יוסף איז אין גאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַרבעט, וואָס האָט זיך אַלץ מער פונאַנדערגעוואָקסן. ביסלעכווייז איז די שול געוואָרן דער צענטער פון ראַדיקאַליזם און קולטור־לעבן אינעם שטעטל. דער קאַמף, וואָס דער רב און די גבירים האָבן געפירט קעגן איר, האָט נאָך מער געהויבן איר אָנזען. דאָס רוב שילער פון די אָוונט־קורסן זיינען געווען אַרבעטער. אַ סך פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרן אַקטיווע רעוואָלוציאָנערע טוערס. אַ ביז גאָר קאָלירפולע פּערזענלעכקייט איז געווען יוסיפס תלמיד און חבר פלטיאל, אַ זון פון אַ פאַנאַטיש־אָרטאָדאָקסישער משפחה. דער דאָזיקער בחור האָט זיך שפּעטער מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צווישן די פּויערים, און אין 1903 איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פּויערים־בונטן וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל אוקראַינע. דער דאָזיקער אָפּגעבערענטער יונג, אין זיין אָפּגעבליאַקעוועטן פּויערשן טולופּל, האָט זיינע רעדעס דורכגעפלאָכטן מיט אוקראַאינישע גלייכווערטלעך; קיינער פון די פּויערים האָט נישט געטראַכט, אַז ער זעט דאָ פאַר זיך אַ יורש פון אַן אַ שיעור דורות יידישע למדנים.

די פּויערשע בונטן און דער סטודענטישער סטרייק אין שכנותדיקן קיעוו, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט דעמאָנסטראַציעס, האָבן געהויבן די טעמפּעראַטור אין דער גאַנצער געגנט. יוסף האָט דערפילט, אַז עס ווערט אים ענג אינעם פּראָווינציעלן שטעטל. יעקב, וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריק באַזעצט אין וואַרשע, האָט געשריבן באַגייסטערטע בריוו וועגן לעבן אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, וועגן נייע חברים און אַ נייעם פאַרנעם פון דער אַרבעט, און יוסף האָט באַשלאָסן

אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע. איצט האָט ער זיך שוין געזעגנט מיט האָראָדישטשע אויף לאַנג און ס'האָט ביי אים אַ ביסל געקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט ליב געהאַט די נידעריקע הייזלעך מיט די גאַניקעס און גערטנדלעך, ער האָט ליב געהאַט דאָס גרינע בערגל, דעם רויש פון די וואַסער־גראָזן אויפן ברעג פון טייך. אין אַ סך יאָרן אַרום האָט מען געקענט זען: יוסף זיצט אין פרעזידיום אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, און די גאַנצע צייט שרייבט ער עפּעס אויף אַ בויגן פּאַפּיר. ווען דער חבר, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט זיך צוגעקוקט צו דעם בויגן, האָט ער באַמערקט, אַז יוסף האָט פאַרטראַכטערהייט געשריבן אין פאַרשיידענע ריכטונגען איין איינציק וואָרט — האָראָ־דישטשע...

דריטער קאַפּיטל

זוכענישן פון נייע וועגן

פרילינג 1903 איז די יידישע געזעלשאַפט דערשיטערט געוואָרן צוליבן קישינעווער פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג און האָט מיט זיין אכזריות ווייט איבערגעשטיגן די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן. די פּראָבלעם פון דער רעכטלאָזיקייט און שוצלאָזיקייט פון מיליאָנען רוסישע יידן האָט זיך מיט איר גאַנצער טראַגיק אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט.

די געשעענישן האָבן אין די הערצער פון אַ סך אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן אויפגעוועקט דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צום פאָלק. אָבער די געשעענישן זיינען געווען נישט בלויז אַ נאַציאָנאַלער, נאָר אויך אַ רעוואָלוציאָנערער מעמענטאָ: די ראָל פון דער צאַרישער רעגירונג ביים אָרגאַניזירן דעם קישינעווער פּאָגראָם איז געווען אַזוי בולט, אַז די באַמיאונגען פון דער צענזור האָבן עס ניט געקאָנט פאַרדעקן.

דער גורל פון רוסישן יידנטום איז דורכן פּאַרגאָסענעם בלוט נאָך ענגער פאַרבונדן געוואָרן מיטן גורל פון גאַנצן לאַנד, וואָס האָט זיך געשטיקט אין די צוואַנגען פון דער זעלבסטהערשאַפט.

נאָך דער אויפטרייסלונג האָט זיך צעפלאַקערט אַליידנשאַפטלעכע פּאָלעמיק וועגן די אויספירן וואָס מען דאַרף מאַכן פון די געשעענישן אין קישינעוו. באַזונדערס שאַרף האָבן צווישן זיך געקעמפט צוויי עקסטרעמע טעזן: איינע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די פּאָגראָמען זיינען אַן אומפאַרמיידלעכער פועל־יוצא פון גלות, און אַז די איינציקע רעטונג איז אויסוואַנדערונג קיין ארץ ישראל; די צווייטע האָט געטענהט, אַז יידישע רעכטלאָזיקייט איז נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער און אַז זי וועט ליקווידירט ווערן צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פון דער זעלבסטהערשאַפט. פאַרביסענע דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט נישט נאָר אויף צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן; יעדע שטוב, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט אידעאישע יוגנטלעכע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיסקוסיע־קלוב. איינער פון אַזעלכע אימפּראָוויזירטע דיסקוסיע־קלובן איז געווען דאָס גאַסטפריינטלעכע הויז פון די ווייצ־

מאַנס אין פּינסק. זומער 1903 האָט זיך אינעם דאָזיקן הויז באַוויזן אַ גאַסט פון דרום, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף זיין וועג קיין וואַרשע. אַ צווייטער גאַסט, י. טשערניכאָוו־דאַניעלי, יוספּס אַ חבר, האָט מיט יאָרן שפּעטער דערמאָנט וועגן דעם, ווי עס האָט זיך אין פּינסק באַוויזן אַ שיינער בחור מיט שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן און געקרייזלטע האָר, מיט אַ ווייכער דרומדיקער אויסשפּראַך און מיט דעליקאַטע מאַניערן. דער דאָזיקער בחור האָט תיכף באַצוואונגען אַלעמענס הערצער. ער האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער דיסקוסיע און האָט דערביי אַרויסגעוויזן גרויסע פּאָלעמישע פעאיקייטן און חריפות. ער האָט זיך דעמאָלט שוין געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט, און אין די דיסקוסיעס מיט די פאַנאַטישע ציוניסטן פון אחד־העמיסטישן אָדער הערצליסטישן חדר האָט ער אונטערגעשטראָכן זייער עיקרדיקע שוואַכקייט — עס פעלט זיי לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. אָבער די שמועסן אינעם הויז פון די וויצמאַנס זיינען פאַר יוספן געווען נאָר אַ פאָרשפּיל צו אמתע ערנסטע דיסקוסיעס; אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער ברייט אַנטוויקלט זיינע אידעען אויפן צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער יוגנט אין שווידער, הינטער וואַרשע, וואוהין ער און טשערניכאָוו זיינען געפאָרן גלייך פון פּינסק.

אין דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, צווישן זיי אויך דעלעגאַטן פון דער נאָר־וואָס געשאַפענער ציוניסטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די דיסקוסיעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פאַרביסנקייט. די אחד־העמיסטן האָבן מיט פייער פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס; אין דער מערהייט זיינען דאָס געווען זין פון יידיש־פּוילישע בעל־הביתישע משפּחות; זייער אידעאָלאָגיע איז געווען אַן אייגנאַרטיקער געמיש פון אַבסטראַקטן ציוניזם מיט אַ מין משיחיזם, וואָס האָט זיך פאָרמירט אונטערן איינפלוס פון דער פּוילישער ראָמאַנטישער פּאָעזיע. אין דער פּאָלעמיק איז די איבערוואָג געווען אויף יוספּס זייט — ער איז געווען בעסער פּאָליטיש געשולט און האָט אָפּערירט מיט לאָגישע אַרגומענטן, פאַררופנדיק זיך גאַנץ אָפט אויף מאַרקסן.

טשערניכאָוו שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן דאָזיקן צוזאַמענפאָר: „דער מאַרקסיזם גיט אונז מעטאָד, זיכערקייט... יוסף... פּרעדיקט דרייסט סאָציאַליזם און פּאָליטישן קאַמף, ער טראָגט אומרו און נייע עמאָציעס צו די יונגע ציוניסטן, וואָס דער רוב פון זיי איז לכתחילה געקומען קיין שווידער מיט דער באַשיידענער כוונה צו שאַפן שטיצע פאַר יידישע סטודענטן אין וואַרשע".

די קאָנפערענץ אין שווידער איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייעם פעריאָד אין יוספס לעבן. די ברידער לעשטשינסקי האָבן זיך באַזעצט אין דער געדיכטעניש פון יידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע, אין איינעם פון די אַלטע מויערן, וואָס איז פון אונטן ביז אויבן געווען אָנגעפּאַקט מיט אַרבעטנדיקע מענטשן. אַרום האָט געברויזט אַ שווער און פיבערדיק לעבן, אַ לעבן וואָס איז געווען רירנדיק מיט זיין עקשנות און מיט זיין ביטערן טאָג־טעגלעכן מוט. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז דאָס הויז נישט שטיל געוואָרן. און ווען יוסף פלעגט ביים בלאַסן שיין פון נאַפט־לעמפּל מאַכן אויסצוגן פון „קאַפּיטאַל”, האָט זיין אַרבעט אַקאָמפּאַנירט אַ סימפאָניע פון הייזעריקע אויסגעשרייען פון שפּעטע בייגלהענדלערס, איינטאָניקער גערויש פון אַ ניי־מאַשין, גרילץ פון אַ זעג און אָפּגעהאַקטע קלעפּ פון אַ האַמער. אָט דאָס איז געווען די מוזיק וואָס דאָס לעבן האָט געשאַפן פאַר די מאַרקסיסטישע פאָרמולעס...

אויסערלעך איז יוספס לעבן אין וואַרשע געווען ווי אַ המשך פונעם עקסטערן־פעריאָד: דאָס זעלבע אַרומלויפן איבער די גראָשיקע „אוראָקן”, דאָס זעלבע האַלב־פינצטערע, פייכטע קעמערל און די זעלבע מיטאָגן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט מיט הערינג אָדער אוגערקע. אָבער דאָס דחקות האָט יוספן נישט געקימערט, צו דעם האָט ער זיך צוגעוואוינט שוין פון לאַנג. אַ סך מער האָט אים געדריקט זיין פיזישע שוואַכקייט און באַזונדערס די ווייטיקן אין דער קראַנקער האַנט. אויף פאַרזאַמלונגען האָט ער זשעסטיקולירט מיט דער געזונטער האַנט, די קראַנקע איז הילפלאָז נאָכגעהאַנגען. מיט אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג פון ווילן האָט ער באַקעמפט די אויסערגעוויינטלעך שאַרפע ווייטאָקן אין די געלענקען. דער באַרימטער ספּעציאַליסט אויף נערוון־קראַנקהייטן דאָקטאָר פלאַטאַו האָט מיט כלערליי מיטלען געפּרואווט היילן יוספן. דער פּאַציענט האָט אַריבערגעטראָגן אַלע פּיינלעכע עקספּערימענטן מיט אומגלויבלעכן אויסדויער. געהאָלפן האָט דאָס אָבער נישט. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט יוסף שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט שוין אַזוי בלייבן מיטן פיזישן פעלער. ער האָט באַשלאָסן נישט אונטערצוגעבן זיך — עס איז קיין צייט ניט געווען צו טראַכטן וועגן זיך.

וואַרשע האָט אים פאַרכאַפּט. אין דער דאָזיקער געדיכט באַוואוינטער שטאָט, וואָס האָט געלעבט מיט אַ פיבערדיקן לעבן, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל דערפילט ווי אַ טייל פון אַרבעטנדיקן מענטשלעכן מוראַשניק; צום ערשטן מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט אַן אמת שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. די אָרגאַניזירטע יידישע און פוילישע אַרבעטער — די מיטגלידער פון „בונד”, פּ.פּ.ס.

און פ.ס.ד. — האָבן זיך שאַרף אונטערגעשיידט פון די האַלב עס־הארצישע פּויערישע בחורים פון דער האראָדישטשער צוקער־פאַבריק. דער קלאַסנקאַמף האָט דאָ אָנגענומען קלאָרע און בולטע פאָרמען. נאָך פאַר יוספס קומען קיין וואַרשע איז שוין דאָרט געהאַט אַנשטאַנען די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־ציוניסטן (אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך עקסיסטירט אין עטלעכע שטעט פון ווייסרוסלאַנד און ליטע), און די ברידער לעשטשינסקי זענען דאָרט געוואָרן אַקטיווע טוערס. יוסף איז געווען דער מחבר פון דער ערשטער פּראָקלאַמאַציע, וואָס די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן. זי האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ מאַניפעסט, וואָס האָט באַגרינדעט די סינטעזע פון סאָציאַליזם מיטן ציוניזם.

יוסף האָט געשריבן מיט ברען — פון זיין שרייבן האָט מען שוין דעמאָלט געקאָנט אַרויספילן דעם שפּעטערדיקן פּובליציסט. ווען אין פּליישערס בלומען־פאַבריק האָבן פאַרשטרייקט די קרוב הונדערט אַרבעטער, האָט יוסף, אויפן פאָרשלאָג פון דער אָרגאַניזאַציע, אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף אַן אויפרוף, וואָס האָט גערופן די אַרבעטער צו שטיין פעסט און סאָלידאַריש. ער האָט אַלעמאָל געפונען די פּשוטע, הייסע און איבערצייגנדיקע ווערטער; זיינע חברים האָבן דאָס געוואוסט און זיי האָבן דאָס אָפּגעשאַצט. ווען אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם, האָט מען יוספן ווידעראַמאָל איבערגעגעבן אָנצושרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע; זי האָט דאָס מאָל גערופן צו זעלבסטשוץ.

די יאָרן 1903 און 1904 זענען געווען יאָרן פון אַ קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. הערצלס גלאַנציקע פּערספּעקטיוון זענען בלאַס געוואָרן. און ווען אויפן 6טן קאָנגרעס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער פּראָיעקט פון קאָלאָניזירן אוגאַנדע, האָבן אַ טייל דעלעגאַטן דערזען אינעם דאָזיקן פּראָיעקט אַן אויסוועג פון טעמפּן ווינקל. יוסף האָט זיך אָנגעצונדן מיט דער נייער אידעע און ער איז געוואָרן איר פייערדיקער פּראָפּאַגאַנדיסט. זיין שאַרפע קריטיק איז איצט געווען געווענדט נישט אַזוי קעגן דער בעל־הביתישער חבת־ציון, ווי קעגן די אילוזיעס פונעם פּאָליטישן ציוניזם. אויף די פאַרזאַמלונגען פון יידישע יונגע אינטעליגענטן אין דעם הויז אויף נאַוואָליפּקי 24, האָט ער שאַרף פּאָלעמיזירט מיט גרינבוימען און א. האַרטגלאַסן, וואָס האָבן פאַרטראָטן די גרופּע „קדימה". די מערהייט פון די באַטייליקטע אין די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך גענייגט צום פּאָליטישן ציוניזם. די ברידער לעשטשינסקי האָט זיך אין דער דאָזיקער סביבה איינגעגעבן צו ווערבירן נאָר איין און איינציקן אָנהענגער: דאָס איז געווען שלמה זוסמאַן,

אַ ישיבה־בחור, אַ חסידישער יונגערמאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. דער דאָזיקער אומדערוואַרטער אָנהענגער איז אין גיכן געוואָרן זייערס אַן אַקטיווער מיטקעמפּער.

פאַרבלייבנדיק אין די רייען פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן זיך די יונגע טעריטאָריאַליסטן באַמיט צו באַשאַפן אַן אייגענע אָריגינעלע אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל זיין בכוח צוציען די אַרבעטנדיקע מאַסן. אויפן דאָזיקן וועג איז זייער געפערלעכסטער קאָנקורענט געווען דער „בונד", וועמעס איינפלוס אין דער ידישער אַרבעטער־סביבה איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. דעם בונדס כוח איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געווען טיף רעאַליסטיש: ער האָט דעם גלות נישט פאַרלייקנט, נאָר האָט געקעמפט פאַר זיין נייעם פנים. אין דער זעלבער צייט האָט אין לאַגער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם געהערשט אַ צעטומלעניש. די מינסקער גרופּע האָט אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן פּאָליטישן קאַמף און האָט זיך אַפילו אויף אַ שטיקל צייט געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די ניעזאַוויסימצעס, וואָס דער אָכראַניק זובאַטאָוו האָט אָרגאַניזירט. נ. סירקינס גרופּע האָט אַרויסגערוקט אַ פאַרפּלאָנטערטע קאָנצעפּציע פון אַזוי גערופענע „צוויי פלאַכן", לויט וועלכער די ציוניסטישע טעטיקייט און דער פּאָליטישער קאַמף דאַרפן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי זיך אַנטוויקלען פּאַראַלעל און ממילא אָפּגעזונדערט. אויף די קאָנפערענצן פון די אַרבעטער־ציוניסטן אין ראָוונע און אין ווילנע איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די „פּעקאַפּיסטן" (אָנהענגערס פון פּאָליטישן קאַמף וועמעס פּלאַטפאָרמע עס האָבן ענער־גיש פאַרטיידיקט די ברידער לעשטשינסקי און ש. זוסמאַן) און זייערע קעגנערס. די דאָזיקע קעגנערס האָבן געטענהט, אַז דער פּאָליטישער קאַמף וועט די יידן גאָרנישט געבן, און אַז די וואָס ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון אים דאַרפן אַריינטרעטן אין די רייען פון „בונד".

דאָס לעבן האָט אויף יעדן שריט אַרויסגערוקט פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס פון אידעען. דער טעריטאָריאַליסט ש. דאָבין האָט אין זיינע רעפעראַטן אַנאַליזירט די עפּאָפּעע פון די מכבעער פון שטאַנד־פּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און קלאַסנקאַמף; און אויף אַ טרויער־דעמאָנסטראַציע נאָך הערצלס טויט האָט זיך פון צווישן די יונגע טרעגערס פון דער וויס־בלויער פאָן פלוצלינג דערהערט: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" אין אָט דער עפּאָכע האָבן זיך געטאַשט לאָזונגען ווי קאָרטן; אומפאַרענדלעך איז פאַרבליבן נאָר איינס — דאָס פאַרגיכערטע קלאַפּן פונעם פולס פון אידעאישן לעבן. אַזעלכע אָנגע־שטרענגטע און קאָמפּליצירטע אידעאָלאָגישע זוכענישן האָט ניט געקענט קיין איינער פון די פאַרגאַנגענע דורות. די השכלה האָט זיך אין גאַנצן

יוסף לעשטשינסקי אין 1902

יוסף לעשטשינסקי און זיין פרוי פאַליע אין 1916



יוסף כמורנער-לעשטשינסקי אין וואַרשע

אַרייַנגעפּאַסט אינעם קאָנפליקט צווישן טראַדיציע און וועלטלעכער בילדונג; די אידעאָלאָגיע פון די חובבי־ציון האָט געמיינט די אַנטקעגנשטעלונג פון ציון און גלות. דעם דור פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, וואָס איז אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין געווירבל פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, איז אַ סך שווערער אָנגעקומען דאָס צונויפבינדן די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין איין האַרמאָנישע סיסטעם. און וואָס פיינלעכער עס זיינען געווען די אידעאישע בלאָנדזשענישן אַלץ שטאַרקער האָט מען געבענקט נאָך אַ קאָמפּאַס.

פאַרן רוב פון די וואָס האָבן געזוכט אַ נייעם וועג, איז אַזאַ קאָמפּאַס געוואָרן דער מאַרקסיזם, וואָס האָט געוואונען די העגעמאָניע אין דער רעוואָלוציאָנערער יידישער סביבה. דער קאַמף צווישן מאַרקסיזם און „נאַראָדניטשעסטווא״, וואָס האָט צעטיילט די רוסישע אינטעליגענץ אויף צוויי לאַגערן, האָט קוים־קוים אָנגערירט די יידישע יוגנט, וואָס האָט געלעבט ניט נאָר מיט אַלגעמיינע, נאָר אויך מיט יידישע פּראָבלעמען. די איינציקע יידישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגענומען די ס.ר.ישע אידעאָלאָגיע איז געווען די גרופּע „וואָזראָזשדעניע״. אָבער אויך די דאָזיקע גרופּע האָט סיי די טעאָרעטישע און סיי די פּראַקטישע לייזונג פון די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ניט געבונדן מיט די סאָציאָלאָגישע קאָנצעפּציעס פון לאַווראָוון און מיכאַילאָווסקין. אַקעגן, די טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן זיך שפּעטער קאָנסאָלידירט אין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָבן, פּונקט ווי דער „בונד״ אויפגעבויט זייער פּראָגראַם אויף די פּרינציפּן פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם. אין דער פּאָלעמיק האָבן זיי כסדר באַשולדיקט די בונדיסטן אין „אַנטימאַרקסיסטישע אָפּנייגן״ און אַליין האָבן זיי זיך באַמיט צו שלאָגן דעם רעקאָרד פון אויסגעהאַלטנקייט. די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן כלי־זין. זי האָט געגעבן אַ ברייט פעלד פאַר אויסטייטשונגען. אויף איר האָט זיך געהאַלטן איינער פון די זיילן פון טעריטאָריאַליזם — דער פּרינציפּ פון אוממעגלעכקייט פון דער פּראָלעטאַריזאַציע פון די יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער. די דאָזיקע קאָנצעפּציע האָט אַרויסגערוקט יעקב לעשטשינסקי אויף איינער פון די ערשטע קאָנפערענצן. באַלד נאָכדעם האָט זיין חבר טשעסקעס געפּרואווט דערוויזן, אַז די יידישע אַרבעטער ווערן סיסטעמאַטיש אַראָפּגעשטופּט פון דער הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע אויף אַ נידעריקן שטאַפּל. גאָר ברייט האָט פונאַנדערגעוויקלט זייערע אַרגומענטן וו. לאַצקי. אין זיין פּאָלעמיק מיטן „בונד״ און מיט דער „וואָזראָזשדעניע״ איז ער אַרויסגעטראָטן באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט מאַרקסיס־

טישער דיאַלעקטיק און ער האָט געטענהט, אַז אַ נאַציאָנאַלע קולטור קאָן זיך אַנטוויקלען נאָר אויפן באָדן פון אַ נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק, וואָס איז מעגלעך נאָר אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

אין 1904 האָבן אין אַ צאָל שטעט — וואַרשע, מינסק, קיעוו, ווילנע — עקסיסטירט טעריטאָריאַליסטישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך על־פּי־אינערציע נאָך אַלץ גערופן אַרבעטער־ציוניסטן, אָבער קיין פאַרבינדונג איז צווישן זיי ניט געווען. די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַזאַ פאַרבינדונג און זי האָט געשיקט קיין קיעוו איר שליח יוסף לעשטשינסקי. אין יולי 1904 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאַרשיידענע גרופּירונגען אין פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אויפן טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען די פראַגן: ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און זעלבסטשוץ; די קאָנפערענץ האָט אויך געדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגעס וועגן קעגנוואַרט־פּראָגראַם און וועגן צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר. די דיסקוסיע איבער די עיקרדיקע פּראָבלעמען האָט באַוויזן, אַז די מערהייט דעלעגאַטן איז פאַר טעריטאָריאַליזם, און אַז עס איז רייף געוואָרן דער מאָמענט צו שאַפן אַ נייע פּאַרטיי. יוסף איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם ביוראָ, וואָס האָט געזאָלט אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר, און אויך אין דער פּראָגראַם־קאָמיסיע. דאָס פאָרמולירן אַזאַ פּראָגראַם איז געווען אַ גאָר שווערע אויפגאַבע: עס איז אַ סך גרינגער געווען אויפצואווייזן די סתירות אינעם סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם איידער זיי ביי־צוקומען. די טעזיסן האָבן קאָנסטאַטירט: ניט געקוקט וואָס דער קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד פאַרמאָגט אין זיך אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, מוז דאָך דער דאָזיקער קאַמף ווערן אַ טייל פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, ווייל עמיגראַציע איז אַ לאַנגער און קאָמפּליצירטער פּראָצעס. די באַמיאונגען צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג מוזן אַריינגענומען ווערן אין דער ראַם פונעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פונעם רעזשים, — אַ קאַמף וואָס דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד פירט. די פראַגע וועגן צוזאַמענאַרבעט מיט די בורזשואַזע טעריטאָריאַליסטן האָט אויף דער קאָנפערענץ אַרויסגערופן שטאַרקע חלוקי־דעות. די ברידער לעשטשינסקי האָבן אין דער פראַגע פאַרנומען אַן עקסטרעם־טעריטאָריאַליסטישע פּאָזיציע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ צוזאַמענאַרבעט איז אומפאַרמיידלעך אין קאַמף מיטן קאָנסערוואַטיזם פון די ציוני־ציון. די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַשלוס צונויפצורופן סוף יאָר דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער נייער פּאַרטיי.

פערטער קאַפּיטל

אין די רייען פון דער פּאַרטיי

ווען די דעלעגאַטן פון דער וואַרשעווער קאָנפערענץ זענען זיך צעפאָרן אויף די ערטער, האָט מען אָנגעהויבן אַקטיוו צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר. אָבער אויך די פּאָליציי־אַגענטן זיינען געווען אַקטיוו. נאָך אין פרילינג פון 1904 איז זיי געלונגען איינצושטעלן אַ שטענדיקע אויפזיכט איבער דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער־ציוניסטן. דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט מען סיסטעמאַטיש איבערגעשיקט אין דער קיעווער אָפּטיילונג פון דער אָכראַנע. איינער פון די בריוו (דאַטירט דעם 21טן מאַי 1904), וואָס האָט דערציילט וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער קיעווער גרופּע פון „וואָזראָזש־דעניע", האָט געטראָגן די אונטעשריפט — „אייער שוואַרצער"; אין יענער צייט איז דאָס געווען יוספס פּסעוודאָנים.

ספּירידאָוויטש, דער נאַטשאַלניק פון דער קיעווער אָכראַנע, האָט אין זיין באַריכט צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג, אַרויס־געזאָגט די השערה, אַז אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ציוניסטן וועט אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס צו פאַרייניקן זיך מיטן „בונד", כדי מיט מער דערפאָלג צו קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשאַפט. ער האָט געהאַלטן, אַז איצט איז נאָך צו פרי צו מאַכן אַרעסטן, ווייל די טעטיקייט פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט אַרויס פון די ראַמען פון „היימישער פּראָפּאַגאַנדע".

די מיטגלידער פון אָרגאַניזיר־ביוראָ, וואָס האָבן זיך אויף יוספס פאַרלאַנג אַריבערגעטראָגן פון וואַרשע קיין קיעוו, איז גאָר ניט איינ־געפאַלן, אַז זיי פירן זייער אַרבעט אונטערן וואַכזאַמען אויג פון דער אָרטיקער אָכראַנע. ווען מען האָט באַלד נאָכן האָמלער פּאָגראָם צו־נויפגערופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן זעלבסטשוץ, איז אויך די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ וועגן אָט דער באַראַטונג אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּאָליציי־אַגענטן. אַ צירקולאַר פון פּאָליציי דעפּאַרטאַמענט פון 8טן דעצעמבער 1904 האָט באַפוילן דער קיעווער אָכראַנע שטאַרק

אַכטונג צו געבן אויף די שליחים פון דער דאָזיקער נייער באַוועגונג, „וואָרעם די חברה, וואָס האַלט זיך ביי די טרוימערייען פון ציוניזם וועגן שאַפן אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה, אָנערקענט אין דער זעלבער צייט די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם און אויך די נויטווענדיקייט פון אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף". די „היימישע פּראָפּאַגאַנדע" האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן די אָכראַניקעס: זיי האָבן מורא געקראָגן, אַז די קאָמבינאַציע פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם קען צוציען צו דער נייער פּאַרטיי יענעם טייל פון דער יוגנט, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זייט פון פּאָליטישן קאַמף. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט באַפוילן אויסצושפּיאָנירן אַלע אָנטיילנעמער פונעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר און זיי אַלע מיט איין קלאַפּ אַרעסטירן.

משמעות אַז פאַר די באַאמטע פון פּאָליציי־אַפּאַראַט האָט די פאַראייניקונג פון די אידעען פון ציוניזם און סאָציאַליזם אויסגעזען ווייניקער קאָמפּליצירט, ווי פאַר די מענטשן, וואָס האָבן אויפן יידישן לעבן געקוקט ניט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. דער יונגער ציוניסט משה ווייצמאַן האָט אין אַ בריוו צו זיין ברודער חיים, דאַטירט 1904 אַזוי כאַראַקטעריזירט די נייע באַוועגונג:

„לעת־עתה איז שווער וועגן זיי צו רעדן ווי וועגן אַ פּאַרטיי, און נאָך מער ווי וועגן אַ ציוניסטישער פּאַרטיי... דאָס איז אַ שטימונג, אָבער ניט קיין פּראָגראַם... חלוקי־דעות אָן אַ סוף".

משה ווייצמאַן איז אַליין געווען אַ צד אין אָט די חלוקי דעות — פריער צווישן די פראַקציעס און שפּעטער צווישן די פּאַרטייען, איז ער אוודאי נישט געווען קיין אָביעקטיווער עדות, אָבער זיין באַמערקונג וועגן דער עמאָציאָנעלער איבערוואָג אין דער אידעאָלאָגיע פון די אַרבעטער־ציוניסטן, איז פון דעסט וועגן געווען אַ ריכטיקע. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע האָט ראַציאָנאַליזירט די שטרעמונגען, וואָס האָבן געצילט אין פאַרשיידענע ריכטונגען, — און צוזאַמענגעהאַלטן האָט זיי דער צעמענט פון ענטוזיאַזם. אירע וואָרטזאָגערס האָבן געשריבן:

„דער אַלטער בנין פון דעם אָפיציעלן ציוניזם... וועט מן הסתם אין גיכן גאָר איינפאַלן... איצט... ווייסן מיר שוין דעם וועג, און נישט קיין שמאָל הינטערגעסל, נאָר אַ גלייכן, ברייטן און פרייען."

דעם 23טן דעצעמבער האָבן זיך אין אַ פּריוואַטער דירה אין אָדעס פאַרזאַמלט פערצן מענטשן; צווישן זיי זענען געווען די ברידער לעשטשינסקי, דעלעגאַטן פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. באַלד אויף צומאָרגנס האָט די פּאָליציי באַוויזן צו אַרעסטירן אַלע דעלעגאַטן; געזעסן זיינען זיי אָבער קוים אַ חודש צייט. צוויי וואָכן נאָך זייער

אַרעסט איז רוסלאַנד דערשיטערט געוואָרן פון איין עק ביזן צווייטן, ווען אַ פרידלעכע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פּעטיציע צום צאַר, איז אויפגענומען געוואָרן מיט קוילן. דער פּרעסטיזש פון דער זעלבסטהערשונג איז געוואָרן ענדגילטיק אַרונטערגעריסן; דער 9טער יאַנואַר איז געבליבן אין דער געשיכטע ווי אַ קענצייכן. אין אַ פּראָסטיקן פעברואַר־טאָג האָבן זיך פאַר די אָדעסער אַרעסטאַנטן אומגעריכטערהייט צעעפנט די טויערן פון דער תפיסה. עס האָט זיי אין פּנים אַ שלאָג געטאָן דער פאַרשיכורנדיקער ווינט פון פרייהייט. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַן אומגעוויינלעכן ענטוזיאַזם; די דעלעגאַטן האָט אַ צי געטאָן צו דער אַרבעט אויף די ערטער, צו די אַרבעטער־מאַסן, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעפירט אויף דער גאַס. דער צוזאַמענפאָר איז שוין פאָרגעקומען אין איילעניש. די נייע פאַרטיי האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי”; ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דערווייל בלייבן די צ.ס. אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער אויפן זיבעטן קאָנגרעס זאָלן זייערע דעלעגאַטן באַשטיין אויף דער פאַרווירקלעכונג פון דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט. יוסף, וועלכער איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין צענטראַלן קאָמיטעט, און ש. דאָבין האָבן געדאַרפט אויסאַרבעטן די אידעאישע דעקלאַראַציע.

די ברידער לעשטשינסקי זיינען קיין וואַרשע צוריקגעפאָרן נישט אַליין: זיי האָבן געפירט מיט זיך זייער בן־עיר און חבר פון די קינדער־יאָרן אהרן סאָקאָלאָווסקי, איצט אויך אַ מיטגליד אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער נייער פאַרטיי. סאָקאָלאָווסקי איז געווען פּונקט אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, ווי זיינע פריינד. האָט מען באַשלאָסן צו וואוינען צוזאַמען און שפּאָרן אַ חלק דירה־געלט. אָבער אינעם אָרעמען בודזשעט פון די יונגע פּראָפעסיאָנעלע פאַרטיי־טוער האָט זיך אויך די דאָזיקע באַשיידענע הוצאה נישט אַריינגעפּאַסט. האָט טאַקע נישט איין מאָל געטראָפן, אַז ערב דעם טערמין פון צאָלן דירה־געלט האָבן זיי שטילערהייט אַרויסגעטראָגן זייערע פּעקלעך פונעם פייכטן, האַלב־פינצטערן קעמערל און האָבן זיך אַריבערגעקליבן אויף אַ נייע דירה פונעם זעלבן שניט. יוספן איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען: עס האָט אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט דאָס געשפּאַנטע, הייס־אָטעמדיקע לעבן פון יענעם רעוואָלוציאָנערן יאָר. אין די שבתים האָט ער געפירט אַ זיבן־אַכט קרייזלעך; אויף די קרייזלעך איז מען דורכגעגאַנגען די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, יידישע געשיכטע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. יוסף האָט געזען, ווי די אָרגאַניזאַציע שטאַרקט זיך. די גרופּע מיטגלידער, וואָס זענען אַוועק צו דער „וואָזראָזשדעניע” האָבן

נישט שוואַכער געמאַכט די פּאַרטיי — אויף זייער אָרט זיינען געקומען נייע מענטשן.

די קריזלעך זיינען ניט געווען דער איינציקער פּראָפּאַגאַנדע־צענטער; די רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט האָט געשאַפן נייע, ביז איצט אומבאַקאַנטע פאָרמען פון חברישן צונויפקום. נאָך אַן אויסמאַטערנדיקן לאַנגן אַרבעטסטאָג, זיינען יידישע אַרבעטער ניט געגאַנגען אַהיים, נאָר זיך מאַסנוויז געזאַמלט אויף זייערע פּאַרטייאישע „בירזשעס". די ס.ס.ישע „בירזשע" האָט פאַרנומען אַן אָפּשניט פון דער שטויביקער, טומלדיקער האַנדל־וואַנדל־גאַס דזשיקע. בייטאָג איז די דזשיקע גאַס געווען אָנגעפּראָפּט מיט וועגענער, געשטעלן פון גאַסן־הענדלער און פּעק סחורה; אין אָוונט האָט זי אָנגענומען אַן אומגעווינטלעכן, אַ יום־טובדיקן אויסזען. איצט האָבן דאָ הין און צוריק אַרומגעשפּאַצירט יונגעלייט אין שוואַרצע סאַטינענע העמדלעך, און מיידלעך אין העלע בלוזקעס. איבער דער מאַסע האָט זיך געטראָגן אַן איינטאָניקער, אומאויפהערלעכער גערויש, ווי דאָס זשומען פון אַ גרויסן בינשטאָק; דאָ האָט מען געפירט דיסקוסיעס, אויסגעטייטשט פּונקטן פון פּאַרטיי־פּראָגראַם, געמאָלדן אַדרעסן פון „יאַווקעס" און ווערבירט נייע מיטגלידער פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אָפט האָט זיך צווישן עולם דורכגעשלייכט אַן אויסגעדאַרטער, קרענקלעכער בחור מיט אַ פּאַק פריש־אָפּגעדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס אָדער מיט אַ פּעקל בראָשורן אונטערן אָרעם. אויפן בלייכן פּנים האָבן געברענט די טונקעלע אויגן, אַ פאַרעקשנטער לאָק איז אַראָפּגעהאַנגען איבער דער ברעם; דער בחור האָט לעבעדיק זשעסטיקולירט מיט איין האַנט, געפּרואווט איבערצייגן, זיך געקאָכט, אָנגעצונדן זיך אַליין און אַנדערע. צווישן עולם האָט מען כסדר געשטעלט די זעלבע פראַגן, נישט זעלטן האָט מען אַרויסגעזאָגט ספקות, עס האָבן אויפגעפלאַקערט דעבאַטעס. אָבער די דאָמינירנדע שטימונג אינעם דאָזיקן איגנאַרטיקן גאַסן־קלוב איז געווען די פרייד פון פרייען, אוממיטלבאַרן חברישן קאָנטאַקט, און יוסף האָט דאָס געפילט מיט זיין גאַנצער נשמה.

זומער 1905 איז דערשינען דער ערשטער מאַניפעסט פון דער נייער פּאַרטיי אונטערן טיטל: „די רויטע דעקלאַראַציע". די דאָזיקע געשעעניש איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ צאָל „מאַסאָווקעס" אין די וואַרשעווער פאָרשטעט. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט געהערשט אַ שטימונג פון דערהויבנקייט; די רעדעס וועגן דעם נייעם עטאַפּ אינעם לעבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זיינען פול געווען מיט פּאַטאָס; און ווען די יוגנט האָט געזונגען: „מיר וועלן באַפרייען די וועלט פון איר וויי", האָט אין די דאָזיקע ווערטער געקלונגען טיפער גלויבן.

די יונגע פּאַרטיי האָט זיך פּיבערדיק געגרייט צו פאַרטיידיקן אירע פּרינציפּן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. אירע דעלעגאַטן זיינען געפאָרן קיין באַזעל קעמפעריש געשטימט: זיי האָבן געהאַלטן זייער אַרויסטריט אויפן קאָנגרעס פאַר דער ערשטער פּראָלעטאַרישער דעמאָנסטראַציע אינעם ציוניסטישן פּאַרלאַמענט. די שלאַכט איז פון פאָרויס געווען אַ פאַרשפּילטע. די פאָדערונג, אַז מען זאָל פון ערשטן פּונקט פון דער פּראָגראַם אויסשטרייכן די ווערטער וועגן פּאַלעסטינע ווי „די אייג־ציקע רעכטלעך־געזיכערטע היים", האָט נישט געקענט געפינען קיין אָפּקלאַנג ביי דער איבערוועגנדיקער מערהייט דעלעגאַטן. פאַר דער אָפּשטימונג איז געקומען צו עטלעכע שאַרפע צוזאַמענשטויסן; מען האָט אויך געפּרואווט פירן אָבסטרוקציעס. נאָך דעם ווי זייער רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלן, האָבן די ס.ס.אָוצעס געמאָלדן, אַז זיי טרעטן אַרויס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און זיי האָבן פאַרלאָזן דעם קאָנ־גרעס. אין דער דעקלאַראַציע, וואָס מאָטיווירט די דאָזיקע האַנדלונג, ווערן די ציוני־ציון באַשולדיקט אין נאַציאָנאַלן פאַרראַט און אין „פאַר־טונקלען דעם ציוניסטישן פאָלקסבאַוואוסטזיין".

די דעקלאַראַציע האָט אָנגעשריבן יוסף, איצט שוין אַ פּראָפעסיאָ־נעלער פּאַרטייאישער פּובליציסט. ער האָט אויך געהאָלפן רעדאַגירן די בראָשור, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער ס.ס.־ישער פאַרטיי נאָך דעם ווי זי איז אַוועק פון קאָנגרעס. אָנגעשריבן אונטערן פרישן איינדרוק פון די אָקערשט איבערגעלעבטע אומרואיקע טעג, איז די בראָשור פון אָנהייב ביז צום סוף געשריבן אין אַ פּאַטעטישן טאָן. די מחברים האָבן קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז זייער פּאַרטיי רייסט אויף שטענדיק איבער מיט דער אָפּגעלעבטער אידעאָלאָגיע פון אָרטאָדאָקסאַלן ציוניזם און אחד־העמיזם. גאָר באַ־זונדער פייערלעך האָבן געקלונגען די לעצטע ווערטער: „אַ נייעם וועג צייכנט אָן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם יידישן פאָלק. נייע הימלען, נייע געטער וועבט ער; נייע קרעפטן, נייע ווערטן שאַפט ער". יוסף און זיינע חברים האָבן געגלייבט, אַז זיי האָבן נאָך לאַנגע בלאָנ־דזשענישן געפונען דעם גלייכן, דעם ריכטיקן וועג.

פינפטער קאַפּיטל

די שטורמישע טעג

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד איז מיט יעדן חודש געוואַקסן, ביז זי האָט אין אָקטאָבער 1905 אָנגענומען די פאָרעם פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק. דער דאָזיקער שטרייק איז ניט געווען דיקטירט דורך פּאַרטייאישע דירעקטיוון: די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וואָס די יאַנואַר־שיסערייען האָבן אויפגעוועקט, האָט אומגעריכטערהייט געפונען איר אויסדרוק אין אַ סטיכישער מאַסן־אַקציע. אינעם גיגאַנטישן מעכאַניזם פון אַרבעט זענען אָפּגעשטאָרבן די מאָטאָרן. די רעגירונג האָט זיך פאַרלאָרן און האָט דערויף געפּרואווט ענטפערן אי מיט הנחות אי מיט רעפּרעסיעס; אָבער די רעפּרעסיעס האָבן קיינעם ניט געשראָקן. די אין קאַמף דעראָבערטע פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען האָט פאַרשיכורט די הערצער; די מאַסע, וואָס איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצוגעבן אירע פּאָזיציעס און ניט געוואָלט מער צוריקגיין אין אונטערערד.

וואַרשע האָט איבערגעלעבט דעם דאָזיקן אויפברויז מיט אַ באַזונדער קראַפט: דער טאָפּעלער יאָך האָט דאָ פון לאַנג געוועקט בונטאַרישע געפילן. אויף דער יידישער גאַס, פּונקט ווי אויף דער פּוילישער האָבן זיך די מיטינגען כסדר פאַרענדיקט מיט פילטויזנט־קעפּיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע יידישע פאַרטייען זענען אַרויסגעטראָטן אין דער קהילה, אין די בתי־מדרשים, אין לערער־פאַריין און ביי די האַנדלס־אָנגעשטעלטע; אין זייערע רעדעס האָט אָפּגעקלונגען דאָס זעלבע געפיל וואָס האָט באַגייסטערט די מאַסע. יוסף איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם; צום ערשטן מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן אויף גרויסע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און דאָס האָט אים באַפליגלט.

פונעם אונטערערד האָט זיך אויף דער איבערפלאַך אַרויסגעריסן ניט נאָר דאָס גערעדטע, נאָר אויך דאָס געדרוקטע וואָרט. דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אויף פאַר־

שיידענע שפּראַכן. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער ס.ס. האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ לעגאַלן אָרגאַן, וואָס זאָל פאָרמולירן און אויפקלערן די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם. וואַרשע, וואו עס זיינען דאַמאָלט געווען די אַקטיווסטע טוער פון דער פּאַרטיי, האָט ניט אויסגעזען צו זיין דאָס ריכטיקע אָרט פאַר אַזאַ אָרגאַן: אינעם באָדן פון דער דאָזיקער שטאָט מיט אירע בונטאַרישע טראַדיציעס און מיט אירע ניט־וויניקער שטאַרקע טראַדיציעס פון פּאָליציייאישן טעראָר, איז געווען צו פיל דינאַמיט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַריבערצוּוואַנדערן אין דער מער רואיקער ווילנע און דאָרטן אָנהייבן אַרויסגעבן זיין זשורנאַל. יוסף איז אַריין אין דער רעדאַקציע.

אין מערץ 1906 האָט די פּאַרטיי דעלעגירט די ברידער לעש־טשינסקי צום לייפּציקער צוזאַמענפאָר. אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געפּרואווט פאַראייניקן סאָציאַליזם מיט ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם. די דעבאַטעס האָבן געטראָגן אַ ליידנשאַפטלעכן און כאַאָטישן כאַראַקטער. נ. סירקין, דער פירער פון דער גרופּע „חירות" האָט אויסגעשריגן: „מיר דאַרפן ניט קיין טעאָריע, נאָר אַ טעריטאָריע!". די פּראַקטיק פון דער ס.ס.־אישער באַוועגונג איז געשטאַנען אין סתירה מיטן דאָזיקן פּאָסטולאַט: די טעאָריע האָט פאַרשלונגען אָן אַ שיעור ענערגיע, בעת צו דער פאַרווירקלעכונג פון די טעריטאָריע־פּראָיעקטן איז געווען זייער ווייט. יעקב לעשטשינסקי האָט אין דער פּאָלעמיק מיט דער גרופּע „וואָז־ראָזשדעניע" עפנטלעך דערקלערט, אַז ניט דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף און ניט דער יידישער סיים וועלן קיין טעריטאָריע ניט באַשאַפן. קיינער איז ניט בכוח פאָרויסצוזאָגן — האָט ער געטענהט — אויף וועלכן אָרט די רעוואָלוציאָנערע באַן וועט זיך באַגעגענען מיט דער טעריטאָריאַליסטישער, און ווי אַזוי די דאָזיקע באַגעגעניש וועט אויס־זען. יוסף האָט אויך אַזוי געטראַכט, פונדעסטוועגן האָט ער לויטן באַשלוס פון דער מערהייט גענומען אָנטייל אין אויסאַרבעטן אַ טעריטאָ־ריאַליסטישע רעזאָלוציע.

צוריק פון לייפּציק, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט: מען האָט געדאַרפט צוגרייטן צום דרוק דעם ערשטן נומער „דער נייער וועג". דעם דאָזיקן אָרגאַן איז באַשערט געווען אַ קורץ און שווער לעבן: פון אַפּריל 1906 ביז נאָוועמבער 1907 האָט ער געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף מיט דער צענזור און האָט דריי מאָל געביטן זיין נאָמען („דער נייער וועג", „דאָס וואָרט", „דער וועג"). יוסף איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיט־

אַרבעטער פון דעם זשורנאַל: ער האָט געשריבן אין יעדן נומער. נישט איין מאָל האָט ער זײַנע אַרטיקלען און פּאָליטישע איבערבליקן אונטערגעשריבן מיטן אות „ל" אָדער מיט די ראָשי־תּבֿות „י. ש.", אָבער צום אָפטסטן האָבן זיי גאָר קיין אונטערשריפט ניט געהאַט. זײַן ספּעציאַליטעט איז געווען פּאָלעמיק. געפירט האָט ער זי, אין גייסט פון יענער צײַט, אין זייער אַ שאַרפן טאָן. בײַ יוספן האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ כאַראַקטעריסטישער פּאָלעמישער סטיל — אַ סטיל וואָס איז געווען לײַדנשאַפטלעך, אָבער האָט אַפּעלירט צו שׂכל און לאָגיק; דער מחבר איז געווען בײַסיק, אָבער אָן דער כּוונה צו באַליידיקן דעם קעגנער. קיין טעמעס פאַר פּאָלעמיק האָט דעם זשורנאַליסט ניט אויסגעפעלט. ער האָט זײַנע פײַלן געשיקט אויף רעכטס און אויף לינקס; „דער נייער וועג" האָט אַטאַקירט דעם קאָנסערוואַטיוון ציוניזם, די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון דער „איסקראַ", דעם „גלותיזם" פון „בונד" און „וואָזראָזשדעניע", און דעם אָפּאָרטוניזם פון די יידישע ליבעראַלן — די „דערגרייכערס" („דאָסטיזשענצי"). די אַטאַקע איז געפירט געוואָרן פון די פּאָזיציעס פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם. באַזונדער שאַרף איז געווען די קריטיק לגבי דער טעטיקייט פון די יידישע דעפּוטאַטן אין דער דומע, וואָס האָבן ניט געוואַגט אַפילו הויך צו פּראָטעסטירן נאָך אַזאַ געשעעניש, ווי דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

דער מחבר פון די אַרטיקלען אונטערגעשריבענע „י. ש." האָט ניט פאַרפעלט קיין געלעגנהייט זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ וויכּוח מיט יענער פּאַרטיי, אין וועלכער ער האָט שפּעטער פאַרנומען איינע פון די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס. לויט יוספן און זײַנע חבֿרים איז דער הויפּט־טעות פון „בונד" באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין גלות, אָנשטאָט צו שטרעבן אים פון גלות אַרויסצופירן. די אַטאַקע אויפן „בונד" האָט מען געפירט מיט די פאַראייניקטע כּוחות פון אַלע ס.ס.־ישע פּובליציסטן. זיי האָבן בײַז כאַראַקטעריזירט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" ווי אַ „איסקריסטיש־וואָסכאָדיש־דובנאָוויסטישע תּורה". די ס.ס.־ישע טעאָרעטיקער האָט ספּעציעל אויפגעבראַכט די טענה, אַז אין דער פּראַקטיק שיידן זיי זיך נישט אונטער פון די בורזשואַזע טעריטאָריאַליסטן.

אין לאַנגע אַרטיקלען, אָנגעפּיקעוועטע מיט וויסנשאַפטלעכע טערמינען, האָט דער ס.ס.־ישער אָרגאַן אויף פאַרשיידענע אופנים אַנטוויקלט איינעם און דעם זעלבן געדאַנק: אין גלות איז קיין פּראָלעטאַריזאַציע פון די יידישע מאַסן ניט מעגלעך. אויפן קולטור־געביט איז די פּאַרטייאישע פּראָגראַם געווען גאַנץ אומקלאָר: דעם בונדישן אויטאָנאָמיזם האָבן די ס.ס. אַנטקעגנגעשטעלט אַ מטושטשן פּראָיעקט

פון „שול־פּאַראיינען". זיי האָבן געטענהט, אַז אמתער קולטור־רענעסאַנס וועט זיין מעגלעך נאָר אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. ש. ניגער האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס אָנגערופן „די קולטורעלע דערוואַכונג פון באָנטשע שוויַיג".

וועגן די פּערספּעקטיוון פון קולטור־אַרבעט אין גלות זענען אָנגעגאַנגען ליידנשאַפטלעכע וויכּוחים, אָבער די רעוואָלוציאָנערע דערוואַכונג פון „באָנטשע שוויַיג" האָט נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין שום ספק ביי יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע פאָלקסמאַסן. נישט געקוקט וואָס אין 1906 האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שוין אָנגעהויבן צו גיין באַרג־אַראָפּ, האָט אין דער יידישער סביבה, לענגער ווי ערגעץ אַנדערש, געלעבט דער גלויבן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. פּאַרטיי־פירער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער מאַסע, האָבן געהאַט די זעלבע שטימונגען. אין דעם 9טן נומער פון „דער נייער וועג", אינעם לייטאַרטיקל, וואַרשיינלעך געשריבן פון יוספן, ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז דאָס פּלאַנירן פון מאַסן־עמיגראַציע דאַרף ניט ברענגען קיין שאָדן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; די יידישע מאַסן דאַרפן דעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג באַטראַכטן פאַר זייער הויפּטאויפגאַבע, ווייל דער צענטער פון יידנטום — אַפילו ביי גינסטיקע באַדינגונגען פאַר קאָלאָניזאַציע — וועט פאַרבלייבן מזרח־איראָפּע. מיט דער צייט ווערט אָט די איבערצייגונג די אַקס פון יוספס אידעאָלאָגיע. און סוף־כּל־סוף וועט זי אים ברענגען אין די רייען פון „בונד". טייל חברים זיינע האָבן אין זייערע אַרטיקלען מיט מער ברען אַרויסגעבראַכט די אַנטי־גלות־ליניע.

סוף זומער 1907 האָט אויפגעהערט אַרויסגיין דער זשורנאַל, וועלכן יוסף האָט אָפּגעגעבן אַזוי פיל כּוח און ענערגיע. דאָס רעוואָלוציאָנערע געדרוקטע וואָרט איז ווידער פאַריאָגט געוואָרן אונטער דער ערד. די רעאַקציע, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דער רעוואָלוציע, האָט זיך געשטאַרקט פון חודש צו חודש. אירע ערשטע גרויזאַמע אָנזאָגן זיינען געווען די בלוטיקע פּאָגראָמען; שפּעטער האָבן די אכזריותדיקע פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס און די לאָקאַוטן, אָרגאַניזירטע פאַר די אינדוסטריעלער, אַ סוף געמאַכט צו די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין לאַנד האָט געקריגן אַ שווערן קלאַפּ; באַזונדערס האָבן געליטן די קליינע פּאַרטייען. די ס.ס. האָט פאַרלוירן מער ווי דער „בונד" אָדער די ר.ס.ד.ר.פּ. די סתירותדיקע, נאָך ניט אין גאַנצן אויספאָרמירטע אידעאָלאָגיע פון דער יונגער פּאַרטיי איז נישט געווען קיין גענוג

שטארקער צעמענט אויף צוזאמענצוהאלטן אין צייט פון קריזיס דעם פארטייאישן אקטיוו. די פלענער פאר א מאסן־קאלאניזאציע זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן; אוגאנדע האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אן אילוזיע. מען האט אנגעהויבן אנטלויפן פון דער פארטיי. טייל מאל האט דאס אנגענומען די פארעם פון אן עמיגראציע: א סך אקטיווע טוער פון דער ס.ס. האבן אריבערגעוואנדערט קיין אמעריקע. דער ס.ס.־ישער ארגאן „דאס פאלק", וואס האט אנגעהויבן ארויסצוגיין אין ניו יארק אין 1907, שרייבט: „די, וואס זיינען פארבליבן ביי דער ארבעט, זיינען אויסדערוויילטע, אויסגעפרואווטע, ערנסטע קעמפער, אבער ווי ווייניק זענען זיי!" *)

די קאנפערענץ פון דעצעמבער 1907 האט זיך באמיט אויפצולעבן די גוסטדיקע באוועגונג; זי האט אויפן ערשטן ארט ארויסגערוקט „די קאנקרעטע טעריטאריאליסטישע ארבעט", אבער די דאזיקע אנשטרענגונגען האבן ניט געהאלפן. וואס ווייטער אלץ אפטער האבן זיך געלאזט הערן מיינונגען, אז ס'איז שוין צייט אוועקצוגיין פון דער פאליטיק און זיך אפצוזאגן פון די טעריטאריאליסטישע אילוזיעס: מען דארף זיך איבערשטעלן אויף פראקטישער קולטור־ארבעט.

ביז דער לעצטער מינוט האט יוסף געארבעט אין פארטייאישן ארגאן. אין די זומער־חדשים פון 1907 האט די רעדאקציע געדונגען אן אלט זומער־הייזל נישט ווייט פון ווילנע און האט זיך דארט באזעצט אין א קאמונע. געלט איז געווען ווייניק; די פארארעמטע פארטיי איז ניט געווען בכוח אויסצוהאלטן אירע טוערס. אין דער האלב־הונגעריקער עקזיסטענץ פון דער קאמונע האבן ניט געפעלט קיין טראגיקאמישע עפיזאדן. איין מאל האט איינער פון די רעדאקציע־מיטגלידער ערגעצוואו געקראגן געלט אויף עטלעכע פונט פלייש. די קאמונע האט זיך געגרייט צו דער סעודה; אבער בעת די מיטגלידער אירע זענען געווען שטארק פארקאכט אין זייער אידעאלאגישן וויכוח, האט א הונט אויפגעגעסן אלע קאטלעטן וואס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף א ברעטל אין דער קיך...

דער ווילנער פעריאד אין יוספס לעבן האט זיך פארענדיקט, ווען עס האט אויפגעהערט ארויסצוגיין דער זשורנאל. אלע רעדאקציע־מיטגלידער זיינען זיך פונאנדערגעפארן. די קאנפערענץ פון 1907 האט אפיציעל ליקווידירט דעם ווילנער צענטער. און דער צענטראל־קאמיטעט האט זיך אריבערגעטראגן קיין קיעוו. יוסף האט באשלאסן צוריקצופארן קיין האראדישטשע. ער האט שוין פון לאנג געבענקט

*) „דאס פאלק", ניו־יארק, פעברואר, 1908.

נאָך דער משפּחה, נאָכן היימישן שטעטל; באַזונדערס שטאַרק איז געווען זיין בענקשאַפט נאָך דער מיידל, וואָס ער האָט ליב געקריגן נאָך אין די יונגע יאָרן. דאָס איז געווען זיין קוזינע פּאָליע לעשטשינסקי. אין 1908 איז זי געוואָרן זיין פרוי. פּאָליע איז אויסגעוואָקסן אין אַ פּאַר־מעגלעכער, בעל־הביתישער שטוב, און ניט איין מאָל האָט דער יונגער פּאַרטיי־טוער מיט אומרו געטראַכט וועגן די פּערספּעקטיוון פון זייער צוזאַמענלעבן: עס האָט געמיינט לעבן אין דחקות. אָבער דערווייל זיינען זיי ביידע גליקלעך געווען מיט זייער נאָענט זיין איינער צום צווייטן.

די שטילע האָראָדישטשער טעג זענען אַוועק אויף לייענען. מיט גיריקייט האָט זיך יוסף אַ וואָרף געטאָן אויף ביכער און ער האָט געשלונגען סיי וויסנשאַפטלעכע ווערק, סיי בעלעטריסטיק. גאָרקיס ווערק האָבן אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט; בונטאַרישער ראָמאַנטיזם, גע־פּאָרט מיט אַ קולט פון פאַרשטאַנד, וויסנשאַפט און אַרבעט, איז דעם יידישן רעוואָלוציאָנער־אויטאָדידאַקט געווען נאָענט צום האַרצן.

איצט האָט אין דער משפּחה לעשטשינסקי געהערשט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער ווי אַמאָל: דער אַנטאַגאָניזם צווישן די קינדער און די עלטערן האָט אויפגעהערט. ווען יוסף האָט צום ערשטן מאָל אַהיימ־געבראַכט יעקבס אַן אָפּגעדרוקטע בראָשור וועגן דער יידן־פראַגע, האָט די מאַמע אָנגעהויבן בעטן מען זאָל עס איר פאָרלייענען. יוסף האָט געפּרוּווט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס ביכל איז אָנגעשריבן אין אַ שווערער און ניט־פאַרשטענדלעכער שפּראַך, זי האָט אָבער אַלץ עקשנותדיק געטענהט: „אַ מאַמע פאַרשטייט, נאַריש קינד". האָט שוין יוסף קיין ברירה ניט געהאַט און האָט אָנגעהויבן לייענען. די מאַמע האָט זיך צוגעהערט, אירע אויגן זענען געוואָרן פייכט, און אויפן זונס פאַרוואונדערטער פראַגע, פאַר וואָס זי וויינט, האָט זי האַלב פאַרשעמט אַ מורמל געטאָן: „אַ נאַריש קינד... אַ מאַמע..."

נאָך יאָרן פון וואַנדערנדיקן, אַסקעטישן לעבן האָט דאָס היימישע שטעטל צוערשט אַ ווייע געטאָן אויף יוספן מיט דער וואַרעמקייט פון אַ היים, אָבער אין גיכן האָט אים די וואָכעדיקע טאָג־טעגלעכקייט און דאָס ליידיק־גיין גענומען שווער מאַכן זיין געמיט. אין דער משפּחה האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען דעם אומעט, וואָס פלעגט אים פון צייט צו צייט באַפאַלן; קיינער האָט ניט מיטגעפילט דעם יונגן בונטאַר, וואָס האָט, לויט לערמאָנטאָווס ווערטער, „געזוכט דעם שטורעם פונקט ווי אין שטורעם וואָלט געווען רו". יוסף האָט געפּרוּווט זיך אַרויס־רייסן אין שכנותדיקן קיעוו, וואו ער האָט צוזאַמען מיט טשעמעריני־סקין (ר' מרדכילע) גענומען אַרויסגעבן די צייטונג „דאָס פאָלק". אָבער

די ציַיטונג האָט אָפּגעלעבט ניט מער ווי איין חודש. ס׳איז קלאָר
געוואָרן, אַז וועגן פּובליציסטישער אַרבעט קען קיין רייד ניט זיַין.
די אָנגעזאַמלטע פֿאַרביטערונג האָט געפֿונען אַן אויסדרוק אין אַ בריוו
צו יעקבן. „אַלע מאָל — קלאָגט זיך יוסף פֿאַר זיַין ברודער — ווייל
איך נעמען די פּען, און אַלע מאָל פֿיל איך אַזאַ שרעקלעכע פֿאַרגלי־
ווערטקייט... כ׳האָב אויך אַ מאָל געלעבט, זאָג איך אַלע טעג צו זיך
אַליין, כ׳האָב געטרוימט, געחלומט, כ׳האָב אויך פֿאַרמאָגט אַ געוויסע
מאָס ווידערשטאַנדספֿעיִקייט בנוגע צו דער אַרומיקער סביבה, כ׳האָב
אויך אַ ביסל געגלויבט אין מיַינע קרעפֿטן... איצט ליג איך אַ פֿאַר־
מאַטערטער, אַן איַינגעשרומפּענער... די אַרומיקע סביבה איז אַזוי
זומפּיק... ווי ס׳מאַכט זיך, אַזוי גייט עס — ניטאָ קיין שרעקלעכערס
פֿון דעם... אָט שטיקן מיך איצטער טרערן, כ׳וויל שריַיען, בעטן,
כ׳וויל צעריַיסן אָט די אומזיכטבאַרע שטריקלעך, וועלכע האָבן געבונדן
מיַין נשמה... כ׳וויל לויפֿן אין דער וועלט אַריַין, כ׳וויל ווידער לעבן...״

יוסף האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פֿאָרן קיין איסלאַנד, אין
אַ גרויסן קולטור־צענטער. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען די
זאַוויערוכע האָט אָנגעיאָגט בערג מיט שניי אויפֿן גאַניק פֿון איַינ־
שטאָקיקן היַיזל, האָט זיך יוסף פֿאַרטיפֿט אין זיַין חשבון הנפש. מיט
ביטערקייט האָט ער קאָנסטאַטירט, אַז ער האָט זיך, איַיגנטלעך, גאָר
קיין מאָל ניט געלערנט סיסטעמאַטיש. אין די יאָרן פֿון „עקסטערנ־
שאַפֿט״, פֿון געיעג נאָך אַ שטיקל ברויט, פֿון פֿיבערדיקער פּאַרטייאַי־
שער אַרבעט איז גאָר קיין ציַיט ניט געווען ערנסט צו שטודירן גע־
שיכטע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע — יענע וויסנשאַפֿטן, וואָס
דאַרפֿן ווערן דער פֿונדאַמענט פֿאַר פֿאַראַנטוואָרטלעכער געזעלשאַפֿט־
לעכער טעטיקייט. איצט — האָט זיך אים געדוכט — ווען די בייזע
רעאַקציע האָט פֿאַרמשפּט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויף אומטע־
טיקייט, קען דאָס לעבן האָבן אַ זין נאָר אין אָנזאַמלען וויסן דורך
זעלבסטבילדונג, און אין גרייטן זיך צו צוקונפֿטיקער אַרבעט. אַזוי איז
געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צו פֿאָרן קיין פּאַריז.

זעקסטער קאַפּיטל

אין פּאַריז

אין 1910 זיינען יוסף און פּאַליע לעשטשינסקי אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז. דער באַשיידענער צימער אין סטודענטישן קוואַרטאַל איז געוואָרן זייער ערשטע אמתע היים. יוסף האָט זיך גענומען זוכן לעקציעס און ליטעראַרישע אַרבעט; דעם שווערס הילף האָט אויף אים געדריקט, און ער האָט באַשלאָסן אָנצואווענדן אַלע זיינע כוחות כדי זיך צו דערשלאָגן צו זעלבשטענדיקייט. דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָט געלעבט באַשיידן ביז גאָר. יוסף האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז ניט יושרדיק אַרויסצוואַרפֿן דעם גאַנצן יאָך פֿון פֿירן די בעל־הביתישקייט אויף דער פֿרוי; האָט ער איר אַ סך געהאָלפֿן אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט.

אין אַ מאָדנער באַרוישונג האָט יוסף געוואַנדערט איבער די אַלטע גאַסן און ברייטע בולוואַרן פֿון דער ריזיקער וועלט־שטאָט. עס האָט אים פֿאַרכאַפּט אי דער גערויש פֿון קאָכעדיקן לעבן, אי די שטילקייט פֿון די בית־עולמס, וואָס זענען רייך מיט היסטאָרישע מאָנומענטן. אָבער גאָר באַזונדערס האָבן אים באַגייסטערט די אָן אַ שיעור דענקמעלער פֿון די רעוואָלוציעס, וואָס מען האָט אויף שריט און טריט באַגעגנט. די שטורמישע טעג פֿון דער באַסטיליע, די באַריקאַדן־קאַמפֿן פֿון 1848, די בלוטיקע עפּאָפּעע פֿון דער קאָמונע האָבן אויפֿגעלעבט אין די שטיינער פֿון דער אומבויגזאַמער שטאָט.

דער נצחון פֿון דער פּאָליטישער רעאַקציע אין רוסלאַנד האָט פֿאַרטריבן קיין אויסלאַנד אַ גרויסע גרופּע רוסישע עמיגראַנטן. יוסף האָט זיך דאָ באַקענט מיט נייע מענטשן — געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טוער. איינער פֿון זיי איז געווען דער באַקאַנטער ביאָלאָג נ. רובאַקין. רובאַקין, וואָס האָט געוווינט אין שווייץ, האָט דאַמאָלסט געגרייט אַ גרויסע אַרבעט, וואָס האָט געהייסן „סרעדי קניג" (צווישן ביכער); דאָס איז געווען אַ מין האַנטבוך פֿאַר מענטשן, וואָס שטרעבן צו העכערער בילדונג, אָבער האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן דעם אוניווערסיטעט. דער בוך האָט באַהאַנדלט פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען פֿון

פילאָזאָפיע, עטיק, רעליגיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. מיט באַגייסטערונג האָט יוסף אָנגענומען רובאַקינס פאָרשלאַג אָנצושרייבן אַן אַרבעט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי יידן. ער האָט גענוי אַנאַליזירט די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און געגעבן אַן אָביעקטיוון איבערזיכט פון די פּראָגראַמען און טעטיקייטן פון אַלע יידישע פאַרטייען.

יוסעפן איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו שרייבן אין דער פּאַרטייאישער פּרעסע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט די מעגלעכקייט ערנסט צו שטודירן דעם פאַראַנענעם מאַטעריאַל. דאָס באַקענען זיך מיט דער ליטעראַטור וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז געווען אַ טייל פון יענער ברייטער פּראָגראַם פאַר זעלבסטבילדונג, וואָס ער האָט פאַר זיך שוין לאַנג אָנגעצייכנט און געהאָפט צו רעאַליזירן אין פאַריז. מיט גרויס אימפּעט האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו שטודירן די ווערק, וואָס האָבן באַהאַנדלט סאָציאַלע פּראָבלעמען. עס האָט זיך גאָר גוט געאַרבעט אין די אַלטע גרויסע ביבליאָטעקן, — די אַטמאָספער פון אָנגעשטרענגטער אינטעלעקטועלער אַרבעט פון הונדערטער מענטשן האָט געהאָלפן צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען. אָבער וואָס מער יוסף האָט זיך פאַרטיפט אין דער וויסנשאַפט, אַלץ קלאָרער האָט ער באַגריפן, ווי באַגרענעצט עס זיינען זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט דעריבער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, כדי צו באַוויזן אָנצוזאַמלען וואָס מער וויסן; אויף שלאָפן האָט ער אָפּגעגעבן גאָר אַ קליינעם חלק פון מעת־לעת. אין די אָוונטן האָט ער געמוזט ברענגען אין אָרדענונג די נאָטיצן, וואָס ער האָט געמאַכט בייטאָג, און אָפט אויך אַרבעטן פאַר פּרנסה וועגן. און שפּעטן לאַנג נאָך האַלבער נאַכט פלעגט דער לאָמפּ באַלייכטן דעם קאָפּ פונעם מתמיד, וואָס האָט, אַן איינגעבויגענער איבער די העפטלעך, מקיים געווען זיין וועלטלעכן נדר.

יוסף האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז פאַריז קען פאַר אים זיין נאָר אַ קורצע אָטעם־פּויזע. דער העלדישער עבר, מיט וועלכן עס האָבן געאָטעמט די שטיינער פון פאַריז, האָט ניט פאַרשטעלט דעם היינט; און דער היינט האָט געוועקט געפילן פון פּראָטעסט. דער מיליטערישער פּאַקט צווישן דער פראַנצייזישער דריטער רעפּובליק און דער רוסישער מאָנאַרכיע האָט ניט אויפגעהערט צו זיין די אַקס פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. אין די רוסישע עמיגראַנטישע קרייזן האָט געהערשט פאַרלאָרנקייט; די אויפדעקונג פון אַזעפס פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט אין סאַמע צענטער פון אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט יענעם פּראָצעס פון

אידעאישער צעמישונג, וואָס די פּאַרשפּילטע רעוואָלוציע האָט געבוירן.

דער געדאַנק וועגן דער אָקערשטיקער קאַפּיטולאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג לגבי די כוחות פון דער רעאַקציע האָט אָנגעפּילט יוספס האַרץ מיט ביטערניש. אין מינוטן, ווען די שטימונג פון געזעלשאַפטלעכן פּעסימיזם האָט זיך פאַראייניקט מיטן געפיל פון איינזאַמקייט אין דער פּרעכטיקער אָבער דאָך פרעמדער שטאָט, פלעגט זיין אַרבעטספּעאיקייט פּאַראַליזירט ווערן צוליב די אָנפאַלן פון מעלאַנכאָליע. די דאָזיקע שטימונגען קומען צום אויסדרוק אין די בריוו צום ברודער יעקב. יוסף קלאָגט זיך אויפן גורל, וואָס האָט צעשיידט די ברידער, און ער לאָזט זיך אַריין אין זכרונות פון די פאַרגאַנגענע טעג. אין זייער טאָן דערמאָנען די פּאַריזער בריוו יוספס השתפכות־הנפש פון די יונגע יאָרן. נאָר ווען יענע רעדן וועגן „קבר־בלומען", און דער בחור קלאָגט זיך, אַז אין זיין נשמה גרענעצן זיך... „ליכטיקע פּאַסן מיט טיפע שוואַרצע אָפּגרונטן", קען מען דאָס צושרייבן דער פּאָעטישער יוגנטלעכער רעטאָריק. אין די פּאַריזער בריוו אָבער פילט זיך די טיפע בענקשאַפט פון אַ רייפן מענטשן. יוספס בריוו צו זיין עלטערן ברודער — אין דעם פּאַריזער פּעריאָד און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — מאַכן אַן איינדרוק ווי דאָס וואָלטן געווען בלעטלעך פון אַ טאָגבוך. אַ טאָגבוך אָבער גיט זעלטן ווען די פאַרשטעלונג וועגן אַלע שאַטירונגען פון נשמה־לעבן; געוויינלעך רעדט ער וועגן די שווערע, די איבערברוך־מאָמענטן; גליקלעכע מענטשן פילן זעלטן אַ באַדערפעניש צו שרייבן טאָגביכער... לייענענדיק יוספס טרויעריקע בריוו, קען מען זיך נישט באַפרייען פונעם איינדרוק אַז אין זיי רעדט נישט קיין שוואַכקייט, קיין קאַפּיטולאַציע פאַרן גורל, גראָד פאַרקערט — זיי שטאַמען פון אַ שפע עמאָציאָנעלע פאַרלאַנגען און מאָנונגען. יוסף איז געווען אַ מאַקסימאַליסט ניט נאָר אין געזעלשאַפטלעכן, נאָר אויך אין פּערזענלעכן לעבן. ער האָט געזוכט אַקטיווע פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל, כסדרדיקע באַשטעטיקונג פון אומצערייסבאַרן בונד צווישן אים און זיינע נאָענטע. די נאַטירלעכע באַדערפעניש פון נאַטורן אַקטיווע און ברייטהאַרציקע אין פריינטשאַפט און אין ליבע שאַפט אָפט שווערע פּראָבלעמען. די גרויסע אָנלאָדונג פון עמאָציאָנעלער אינטענסיווקייט, וואָס יוסף האָט אין זיך געטראָגן, איז פאַר אים אָפט געווען אַ לאַסט, באַזונדערס אין מאָמענטן פון פיזישער שוואַכקייט אָדער פון געצוואונגענער געזעלשאַפטלעכער פּאַסיווקייט.

די צוויי יאָר פּאַריז האָבן יוספן באַרייכערט אינטעלעקטועל, אָבער פיזיש האָבן זיי אים אויסגעשעפּט. די אַרבעט, דער געיעג נאָך פּרנסה, דער פיבערדיקער טעמפּ פון לעבן אין דער הויפּטשטאָט פון דער

וועלט — האָבן פון זייך שוואַכן אָרגאַניזם געפאָדערט אַן אַ שיעור אָנשטרענגונג. דערווייל האָבן פון רוסלאַנד אָנגעהויבן קומען דער־מוטיקנדיקע ידיעות: פריינט האָבן געשריבן, אַז די צייט פון געזעל־שאַפטלעכער אַפּאַטיע דערנענטערט זיך צום סוף. יוסף האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. מיט אומקלאָרער האָפענונג אויף נייע מעגלעכקייטן פון אַרבעט האָט ער פאַרלאָזן פראַנקרייך.

זיבעטער קאַפּיטל

צווישן צוויי תקופות

געקומען צוריק אַהיים האָט יוסף פֿאַר זיך דערזען נייַע פּערספּעקטיוון פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. באַלד אין די ערשטע טעג האָט ער זיך איבערצייגט, אַז פֿאַר דער צייט וואָס ער איז דאָ ניט געווען זיינען אין פּאַרטייאישן לעבן פֿאָרגעקומען ענדערונגען. עס האָט זיך צו ביסלעך איינגעשטעלט די פּאָליטישע טעטיקייט; גלייכצייטיק זיינען די אַנטי־גלות־שטימונגען היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין פּעריאָד פֿון דער רעאַקציע האָט די ענערגיע פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָלקסמאַסע, זיך אויסגעלאָדן אין דער קולטור־אַרבעט. עס זיינען אויפֿגעקומען יידישע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע געזעלשאַפֿטן; עס איז געוואָקסן דער אינטערעס צום יידישן טעאַטער, צום יידישן פֿאָלקלאָר. אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז עס אַנטוויקלט זיך אַ יידיש־וועלטלעכע קולטור. די פּאַרטיי, צו וועלכער יוסף האָט געהערט, האָט גענומען איבערשאַצן די אַרבעט אויף די ערטער. אונטער דער ווירקונג פֿון אָט די שטימונגען האָט די קאָנפֿערענץ פֿון דער ס.ס. באַשלאָסן, אַז די פּאַרטיי־מיטגלידער דאַרפֿן זיך באַטייליקן אין די יידישע קהילות.

די ווירקלעכקייט האָט אַרויסגערוקט פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, איבער וועלכע מען האָט זיך געמוזט פֿאַרטראַכטן; נאָך אַ לאַנגן איבעררייס האָט עס יוסף ווידער אַ ציִ געטאָן צו פּובליציסטיק. גרויס איז געווען זיין עגמת־נפש, ווען „דאָס קיעווער וואָרט", די צייטונג וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו רעדאַקטירן צוזאַמען מיט בן־אַדירן און ליטוואַקאָוון, האָט אויפֿגעהערט אַרויסצוגיין. אַן ענלעכן גורל האָט געהאַט דער צווייטער אָרגאַן, „די פֿאָלקסשטימע", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין בערדיטשעוו. אינעם דאָזיקן פּעריאָד פֿון ליטעראַרישער אַרבעטסלאָזיקייט האָט יוסף גערן אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג פֿונעם וואַרשעווער „פֿרייַנד", ער זאָל שרייבן באַריכטן פֿון דעם בייליס־פּראָצעס, מיט וועלכן עס האָט דעמאָלט געקאָכט.

דעם בלוט־בלבול פּראָצעס קעגן מענדל בייליסן האָט אינסצעניזירט די שוואַרצע מאה. בייליסן האָבן פאַרטיידיקט די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער ליבעראַלער אַדוואָקאַטור. במשך פון לאַנגע וואָכן איז די אויפמערקזאַמקייט פון דער רוסישער געזעלשאַפט געווען צוגעשמידט צום זאַל פון קרייזגעריכט, וואָס אין זיינע ווענט האָט אויפגעלעבט דאָס שרעקבילד פון מיטלאַלטערדיקן בלוט־בילבול.

מיט טיפן אומרו האָט זיך יוסף צוגעקוקט צו דער דראַמע, וואָס האָט זיך צעשפּילט פאַר זיינע אויגן — אַ דועל צווישן די בייזע כוחות פון דער רעאַקציע, וואָס האָט גענומען צו הילף די קיעווער אונטערוועלט, — און דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „פריינד" האָט יוסף געגעבן אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון די אָנטיילנעמערס אין דעם פּראָצעס און אויך אַן אַנאַליז פון זיין פּאָליטישן אַספּעקט. יוספס באַטראַכטונגען האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיטן געריכטזאַל; דער בייליס־פּראָצעס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף די קיעווער גאַסן. ס'האָבן דאָרטן געהוליעט די פאַרשפּרייטערס פון דער פּאָגראָם־ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן דורך דער שוואַרץ־מאהדיקער אָרגאַניזאַציע „דער צווייקעפּיקער אָדלער". איין מאָל האָט יוסף מיט שרעק דערזען צווישן די פאַרשפּרייטערס פון דער גיפטיקער מאַקולאַטור צוויי קליינע אָפּגעריסענע יידישע יינגלעך. זייערע איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעלאָשענע אויגן האָבן עדות געזאָגט וועגן כראָנישן הונגער. דערזען אַן „אייגענעם מענטשן", האָבן אים די קינדער מיט פרייד דערציילט, אַז זיי האָבן ביים דאָזיקן צייטונגס־פאַרקויף פאַרדינט אַ גאַנצן רובל....

דער בייליס־פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה פון דער אַנטיסעמיטישער אינטריגע. ער איז אָבער געווען אַ וואָרנונג; ער האָט געמאָנט פאַרשטאַרקטן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. יוסף האָט געפילט, אַז דער דאָזיקער קאַמף דאַרף ווערן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער טעטיקייט פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. וועגן דעם האָט זיך אים געוואָלט שרייבן, און ס'איז געווען אַזוי ביטער צו פילן די גרויזאַמע מאַכט פון דער צענזור...

זיין פּערזענלעך לעבן איז נאָכן אַהיימקומען רייכער געוואָרן: אין 1913 איז געבוירן געוואָרן זיין טאָכטער גאַלאָטשקע (גאַלינאַ). דאָס דאָזיקע אומבאַהאָלפענע עופעלע, וואָס האָט פון איר טאַטן געירשנט שוואַרצע אויגן און אַ טונקל געזיכט, האָט אין אים געוועקט אומבאַגרענעצטע צערטלעכקייט, אָבער אויך אומרו און זאָרג: דאָס קינד האָט אָנגעהויבן לעבן אין אַ פאַרפּלאָנטערטער, אומרואיקער צייט...

דער אומרו, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט, איז געווען דאָס פאָרגעפיל פון אַ קאַטאַקליזם: דאָס יאָר 1914 האָט פאַרוואַנדלט אייראָפּע אין אַ באַוואָפנטן לאַגער. דער טראַדיציאָנעלער סאָציאַליסטישער פּאַציפיזם און דער אָרגאַנישער ווידערווילן צו בלוט־פאַרגיסונג און געוואַלט האָבן אין יוספן אויסגעפורעמט זיין שאַרף נעגאַטיווע באַציואָנג צו דער וועלט־שחיטה און צו אַלע מינים „בורגפרידנס". באַלד ביים אָנהייב פון דער מלחמה, ווען אין די גרויסע און אין די קליינע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט נאָך געהערשט פאַרלאָרנקייט, האָט יוסף שוין פאַרנומען יענע שטעלונג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פאָרמולירט אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ פון די לינק־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען.

פון די מלחמה־פראָנטן זענען כסדר געקומען אומהיימלעכע ידיעות: צו די אַלע מלחמה־פּיינען איז נאָך צוגעקומען דער יידישער גירוש פון די פראָנט־געביטן. צעררייצט צוליב די מפּלות האָט די מיליטערישע קאָמאַנדע באַשולדיקט די יידישע באַפעלקערונג אין סיסטעמאַטישער הילף פאַרן שונא. דער געצוואונגענער כאַאָטישער מאַסן־געלויף אויסן תחום־המושב האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. געראַטעוועט די לאַגע האָט די ענערגישע הילף פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געשאַפן ספּעציעלע קאַדרען, וואָס האָבן זיך גענומען רעגולירן דעם „עקזאָדוס". יוסף האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער ער האָט דערביי איבערגעשאַצט זיינע פיזישע כוחות. דער ווינטער פון 1914־1915 איז געווען אַ שווערער: שלעפנדיק זיך צוזאַמען מיט די היימלאָזע אין די ניט־באַהייצטע פראַכטוואַגאָנעס, איז יוסף לסוף אַוועקגעפאַלן. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַ שווערע לונגען־אָנצינדונג. די קראַנקהייט איז געווען פאַטאַל: זי האָט אינעם אָרגאַניזם פונעם חולה איבערגעלאָזן, שוין אויף שטענדיק, טיפע שפּורן.

קוים געקומען צו זיך, האָט זיך יוסף ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1915, האָט ער מיט צופרידנקייט געקענט פעסטשטעלן, אַז די מערהייט חברים זענען מסכים מיט זיין שטעלונג צו דער מלחמה. די זעלבע קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס ברענגט צום אויסדרוק די פּאָזיטיווע שטעלונג צום פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן; מיט אַ צעוויטיקט האַרץ האָט יוסף געלייענט די ציטונגס־ידיעות וועגן דער וואַקסנדיקער פיזישער און מאָראַלישער פאַרוויסטונג. אין יענער שחיטה־אַטמאָספער האָט

יוסיפֿן אויסערגעוויינלעך שווער געטראָפֿן די ידיעה וועגן שלום־עליכמס טויט. קיינער פֿון די שרייבערס פֿון זיין צייט איז אים ניט געווען אַזוי נאָענט און טייער, ווי דער דאָזיקער מייסטער פֿון לירישן גראָטעסק. אַ כמעט־צעשאָטענער, שוין צענדליגער מאָל איבערגעלייענטער עקזעמפּלאַר פֿון „פֿונעם יאַריד" האָט יוסיפֿן באַגלייט אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען. אין זיינע פּאָליטישע קאָנצעפּציעס און פּראָגנאָזן האָט יוסף געקענט שפּרייזן איבער גרענעצן פֿון לענדער און קאָנטינענטן, אָבער די וואָרצלען פֿון זיין פּסיכיק האָבן געשטעקט טיף אין האָראָדישטשע, אין אָט דעם כתריאלעווקער באָדן, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל.

אין מיטן פֿון מלחמה־שטורעם האָבן מענטשן געפּרוּווט פֿאָרויסזאָגן, וואָס וועט ברענגען דעם סוף צו דער שחיטה: אַ מיליטערישער נצחון אָדער אַ רעוואָלוציע. יוסף איז געווען זיכער, אַז דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אויפֿברויז וועט ענדיקן דעם קאָשמאַר. דער פֿרילינג פֿון 17טן יאָר האָט רעאַליזירט זיינע האָפֿענונגען. ווען די ריזיקע מענטשן־כוואַליעס האָבן אים געטראָגן איבער ברייטן קיִעווער קרעשטשאַטיק אונטער די קלאַנגען פֿון די רעוואָלוציאָנערע לידער, האָט ער דערפֿילט מיט אַלע פֿיבערן פֿון זיין נשמה — ענדלעך!

דער אימפּעט פֿון די געשעענישן האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם אַפֿילו ביי יענע, וואָס האָבן זיך געריכט אויפֿן אויסבראָך פֿון פֿאָלקסצאָרן און אים געהאַלטן פֿאַר אומפֿאַרמיידלעך. די רעוואָלוציאָנערע סטיכיע האָט זיך געהויבן איבער די קעפּ פֿון די פּאַרטייאישע סטראַטעגן. די לאָזונגען, וואָס מען האָט אין אומענדלעכע דיסקוסיעס אויסגעאַרבעט אין אונטערערד אָדער אויף דער עמיגראַציע, האָבן פֿון טאָג צו טאָג פֿאַרלוירן זייער ווערט. די פּאַרטיי, וועלכער יוסף האָט אָפּגעגעבן דעם פֿלאַם פֿון זיין יוגנט, האָט איצט אויך איבערגעלעבט אַן אידעאישן קריזיס. די טעריטאָריאַליסטישע שטימונגען האָבן זיך פֿולשטענדיק אויסגעוועפּט. די רעוואָלוציע האָט געגעבן בירגערלעכע רעכט; האָט מען איצט נאָך שטאַרקער דערפֿילט די באַדערפֿעניש אין נאַציאָנאַלע רעכט. יוסף האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג פֿון דער גרויסער מערהייט חברים, ווען ער האָט געשריבן אינעם קיִעווער פּאַרטיי־אָרגאַן „דער יידישער פּראָלעטאַריער", אין יוני, 1917:

„דעם גלות האָבן מיר קיינמאָל ניט געפּרוּווט אָפּלייקענען... די דויערנדיקע אַנטוויקלונג — די עוואָלוציע — האָט אונדז געבראַכט צום אָנערקענען, אַז דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן קאָן דאָ אָרגאַניזירט און נאָרמאַליזירט ווערן — אויף וויפֿל ס'קאָן — נאָר אין מלוכה־רעכטלעכע פֿאָרמען; צום אָנערקענען, אַז אין אָט די פֿאָרמען פֿון יידיש־

נאַציאָנאַלן לעבן איז מער פון אַלעמען פאַראינטערעסירט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע דעמאָקראַטישע מאַסן... מיטן איינשליסן די אויטאָנאָמיע אין פּראָגראַם האָבן מיר פאַרענדיקט אַ באַשטימטן עטאַפּ פון אונדזער אַנטוויקלונג. און ווייטער: אַזוי פאַרשטאַנען, פאַרלירט דער טעריטאָריאַליזם דעם אויבנאָן פון אונדזער פּראָגראַם אין אַמאָליקן זינען פון וואָרט. מיר זיינען די פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטערקלאַס אין אַלע לענדער וואו די יידישע נאַציע לעבט און אַנטוויקלט זיך, ד. ה. די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

אַזאַ פאָרמולירונג פון די עיקרדיקע טעזן פון פּראָגראַם האָט געבראַכט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע דערנענטערונג צו די סיימיסטן און אַן אידעאישע — צום „בונד". אין יוני 1917 האָבן זיך די ס.ס. פאַראייניקט מיט די סיימיסטן אונטערן נאָמען „פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי". די מאָטיוון פאַר דער פאַראייניקונג ווערן געבראַכט אויף די שפּאַלטן פון „דער יידישער פּראָלעטאַריער": די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע פאָדערן אַ וואָס ענגערע פאַרבינדונג צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין זייער אַלגעמיין־פּאָליטישער טעטיקייט זיינען די פאַראייניקטע געווען פאַרבונדן מיט דער ס.ר.; אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג — מיט די מענשעוויקעס. דעם וויכטיקסטן אָרט אין זייער פּראָגראַם האָט פאַרנומען דער אויטאָנאָמיזם. יוסף האָט אַ סך געשריבן וועגן שול־ און קולטור־פּראָבלעמען. אין דעצעמבער 1917, בשעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער קיעווער קהילה, שרייבט ער אין „די נייע צייט":

„מען מוז עוקר מן השורש זיין דעם פּאָליטישן אתה־בחרתניזם. וואָס איז גוט פאַר די אומות העולם, מוז זיין אויך גוט פאַרן פאָלק ישראל. אַ שול אויף דער מוטערשפּראַך איז דער אידעאַל פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער... — צו דעם געדאַנק מוז מען צוגעוואוינען אויך דעם יידישן עולם".

די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע איז געווען די אַרבעט אינעם נייגעשאַפענעם יידישן מיניסטעריום. מיטן רעגירונגס־אַפּאַראַט אין אוקראַינע האָט זינט מאַי 1917 אָנגעפירט די צענטראַלע ראַדע. די „פאַראייניקטע" האָבן באַגריסט דאָס שאַפן פונעם דאָזיקן אָרגאַן; אין זייער דעקלאַראַציע האָבן זיי אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע און פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר איר יידישער באַפעלקערונג. דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָבן געהאַט אָנגענומען אַלע יידישע פּאַרטייען: אין יידישן מיניסטעריום האָבן צוזאַמען געאַרבעט פאָרשטייערס פון „בונד", „פאַראייניקטע" און פּועלי־

ציון. ניט וואַרטנדיק אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָבן זיי אין איילעניש געפּרואווט מיט געמיינזאַמע כוחות צו באַשאַפן די אָרגאַנען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג.

יוסף האָט קוים באַוויזן זיך אַן עצה צו געבן מיט זיין ריזיקער געזעלשאַפטלעכער אָנלאָדונג: פון יידישן מיניסטעריום האָט ער זיך געמוזט יאָגן אין דער רעדאַקציע „די נייע צייט", און פון דאָרטן אויף די זיצונגען פון צ.ק. פון די „פאַראייניקטע", פון שטאָט־ראַט אָדער פון נאַציאָנאַל־ראַט. אין נאַציאָנאַל־ראַט איז אים אָפט אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן מיט די ציוניסטן, און די פּאָלעמיק האָט זיך שפּעטער אַריבערגעטראָגן אויף די שפּאַלטן פון דער פּאַרטייאישער פּרעסע.

די פיבערדיקע אַרבעט האָט אונטערגעגראָבן יוספס פיזישע כוחות, אָבער דער גייסטיקער אויפשוואונג האָט באַזיגט אַלע מניעות — די שלאָפלאָזיקייט, די שטאַרקע קאָפּווייטאָגן, דעם שטענדיקן הוסט. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין גאַנצע ענערגיע כדי מקיים צו זיין דעם געבאָט פון דער גורלדיקער עפּאָכע. דאָס האָט געקאָסט אַ סך מי. אָבער שוין פון לאַנג האָט עס זיך פאַר יוספן אַנטפּלעקט, אַז פאַרן טייערסטן אין לעבן — פאַר דער געטריישאַפט צו אַן אידעע, פאַר דער געטריישאַפט צו מענטשן, וואָס מען האָט ליב — מוז מען צאָלן דעם העכסטן פּרייז. און ווען ער פלעגט הערן דעם רוף פון געשיכטע, פלעגט ער זיך אויסגלייכן און ענטפערן: „איך בין שטענדיק גרייט".

אַכטער קאַפּיטל

אין קעסלגרוב

די אַרבעט האָט יוספן אין גאַנצן פֿאַרשלונגען און אים געהאַלטן צוגעשמידט צו קיעוו. און פֿון דער היים זײַנען געקומען טרויעריקע ידיעות. די מאַמע האָט די גאַנצע צײַט אונטערגעקרענקט. ווי שטענדיק, האָט זי געליטן אין דער שטיל, און די אָרעמקע האָבן זיך קוים אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי ערנסט עס איז איר קרענק. צוגעשמידט צום בעט, האָט זי אויפֿמערקזאַם נאָכגעפֿאָלגט איר זונס ליטעראַרישע טעטיקייט. דער שאַרפֿער טאָן פֿון זײַן פּאָלעמיק מיט די ציוניסטן האָט איר פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש; די שטילע צאַרטע פֿרוי האָט געוואָלט שלום־בית אויך מחוץ די דלד־אַמות פֿון איר היים. עטלעכע שעהן פֿאַרן טויט האָט זי צו זיך גערופֿן איר ייִנגערן זון יודקע און אים מיט אַ שוואַך קול געבעטן: „שרײַב יוספֿן, זאָל ער זיך אַזוי ניט קריגן מיט די ציוניסטן. צו וואָס דאַרף מען זיך קריגן?" ווי ביטער עס איז יוספֿן ניט געווען, האָט ער אָבער דער מאַמעס לעצטער בקשה ניט געקענט אַנטקעגנקומען...

דער מוטערס טויט איז פֿאַר יוספֿן געווען אַ שווערער קלאַפּ, אָבער אין קעסלגרוב פֿון די געשעענישן איז ניט געווען קיין צײַט אַפֿילו פֿאַר טרויער. דער מלחמה־פֿראָנט האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער, און פֿון ווײַטן צפֿון, וואו ס'האָט זיך געוואויגן דער גורל פֿונעם ריזיקן לאַנד, איז דערגאַנגען דער הייסער אָטעם פֿון רעוואָלוציע.

די ידיעה וועגן דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט מען אין די רייען פֿון די „פֿאַראייניקטע" אויפֿגענומען פּונקט אַזוי פֿײַנלעך, ווי אין דער סביבה פֿון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: די פּאַרטייפֿירערס האָבן געהאַלטן, אַז די אויפֿגאַבע פֿון דער רעוואָלוציע אין איר איצטיקער סטאַדיע באַשטייט אין רעאַליזירן די פּרינציפּן פֿון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. די פּרעסע פֿון די „פֿאַראייניקטע" האָט שאַרף קריטיקירט די באָלשעוויקעס; די לעצטע, ווידער, האָבן אַטאַקירט די פֿירנדיקע קרייזן פֿון אַלע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זיי

באַשולדיקט אין „פאַרטונקלען דעם באַוואוסטזיין" פונעם יידישן פּראָ־
לעטאַריאַט, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען דער אַוואַנגאַרד פון
דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די שטורעמס פון דער געשיכטע האָבן די באַפעלקערונג פון דרום־
רוסלאַנד אַריינגעוואָרפן אין כאַאָס פון אכזריותדיקן בירגערקריג. די
שטעט, פאַרגאָסן מיט בלוט, זענען עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון
האַנט צו האַנט. ווען עס איז געפאַלן סקאָראָפּאַדסקיס רעזשים, וואָס
האָט זיך געהאַלטן אויף דייטשישע באַיאָנעטן, און ס'איז פּראָקלאַמירט
געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַינע, האָבן די יידישע סאָציאַ־
ליסטישע פאַרטייען אויפגענומען די דאָזיקע דעקלאַראַציע אָן באַגייס־
טערונג; דאָך האָבן זיי באַנייט די אַרבעט אין נאַציאָנאַל־ראַט. די קול־
טור־באַדערפענישן פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט באַזאָרגט די
ניי־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע — „קולטור־ליגע"; יוסף איז אַריין אין
איר פאַרוואַלטונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ניט
גרינג צו בויען יידישע קולטור אין אַ צייט, ווען איר באַזיס — די
פיזישע עקזיסטענץ פון אוקראַינישן יידנטום — ווערט צעשטערט.
אין 1919 איז דרום־רוסלאַנד פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ כוואַליע
פון בלוטיקע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן אין זכרון פון דער יידישער באַ־
פעלקערונג צוריק אויפגעוועקט די פּיינען פון די צייטן פון דער הייַ־
דאַמאַטשינע; די דאָזיקע פּאָגראָמען האָבן אָבער אין זייער פאַרנעם
ווייט איבערגעשטיגן די הײַדאַמאַקישע שחיטות. אין די דאָזיקע טעג
האָבן צווישן זיך קאָנקורירט אין אכזריות די פּעטליוראָוועצעס, די אָפּ־
טיילונגען פון דעניקינס „פרייוויליקער אַרמיי" און די באַנדעס, מיט
וועלכע ס'האָבן אָנגעפירט „באַטקעס"־אַטאַמאַנען. אַלע האָבן זיי גע־
מאָרדעט די שוצלאָזע יידישע באַפעלקערונג פון די שטעט און שטעט־
לעך. זייער לאָזונג איז געווען: „שלאָגט די יידן און די קאָמיסאַרן!"
זיי פלעגן כסדר אידענטיפיצירן באָלשעוויקעס מיט יידן. יוסף האָט
איבערגעלעבט אין קיעוו פּיינלעך־אומרואיקע טעג, ווען זיין היימשטעטל
האָראָדישטשע איז אין מאַי 1919 אַריינגעפאַלן צום אַטאַמאַן גריגאָריעוו
אין די הענט. שוין אין זיין ערשטער ווענדונג צו די פּויערים האָט
זיי „באַטקאָ" גריגאָריעוו גערופן צו אַ פּאָגראָם. אָפּטיילונגען פון דער
רויטער אַרמיי פלעגן פאַרטרייבן די פּאָגראָם־באַנדעס פון די אוקראַי־
נישע שטעטלעך און געבן דער יידישער באַפעלקערונג אַ מעגלעכקייט
אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

אויך די אין איילעניש צונויפגעשטעלטע רויטע אָפּטיילונגען
האָבן ניט געפעלט קיין בעלנים צו ראַבעווען יידיש האָב און גוטס,
אָבער די אָנפירונג האָט דאָס ענערגיש באַקעמפט. ווען די רויטע

אַרמיי האָט פאַרנומען כאַרקאָוו, האָט ראַקאָווסקי פאָרגעשלאָגן דעם „בונד" און די „פאַראייניקטע" צו מאָביליזירן די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט צו אַ מער דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן די באַנדעס. אין אַ סך ערטער איז די יידישע יוגנט, לויט איר אייגענער איניציאַטיוו, אַריין אין דער רויטער אַרמיי. דאָס צוזאַמענגיין פון אַנטיסעמיטיזם מיטן אַנטיסאָוועטיזם, ווי אויך אַנדערע אַספעקטן פון בירגער־קריג, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג אין די יידישע מאַסן. אונטער דער ווירקונג פון אַט די שטימונגען האָט דער צ.ק. פון „בונד" אין 1920 גערופן די יידישע אַרבעטער אַנצושליסן זיך אין דער רויטער אַרמיי און האָט אַליין מאָביליזירט זיינע פאַרטיי־מיטגלידער.

פאַר יוספן איז דאָס יאָר 1919 געווען אַ פעריאָד ניט נאָר פון עמאָציאָנעלע אויפטרייסלונגען, נאָר אויך פון ראַדיקאַלן איבערשאַצן די ווערטן. די רעוויזיע פון זיינע ביזאיצטיקע פאָליטישע איינשטעלונגען איז סטימולירט געוואָרן דורך די איבערלעבונגען בעתן בירגערקריג, און דורך די געשעענישן אין דייטשלאַנד, וועלכע ער האָט אויפגענומען ווי אַ פראָלאָג צו דער דייטשישער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

יוסף האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז פונקט ווי רוסלאַנד וועלן אויך אַנדערע לענדער אין גיכן אַריין אין אַ סטאַדיע פון איבערקערענישן, וואָס וועלן אויפרייסן די יסודות פון דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג. אין דער דאָזיקער נייער פערספעקטיוו האָט זיך אים דער רוסישער „אָקטאָבער" אויסגעוויזן צו זיין שוין ניט קיין איזאָלירטער בונט פון אַ גרופע רעוואָלוציאָנערן־עקסטרעמיסטן, נאָר ווי אַן אָנהייב פון אַ ריזיקן אינטערנאַציאָנאַלן פראָצעס. אין די טעג פון בירגערקריג האָט זיך אין יוספס באַוואוסטזיין פאָרמירט און זיך אויף שטענדיק איינגעבירגערט די איבערצייגונג, אַז דער יסוד פון דער אַקטועלער סאָציאַליסטישער סטראַטעגיע דאַרף ווערן די אָריענטאַציע אויף אַ סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע.

אין זיין אַנאַליז פון דער פאָליטישער סיטואַציע איז יוסף ניט געווען איזאָלירט: אין די שטימונגען פון אַ סך אַקטיווע טוער פון „בונד" און פון די „פאַראייניקטע" איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, און זייער פאָליטישע ליניע האָט זיך אָנגעהויבן צו בייטן. אין ביידע פאַרטייען האָבן אויפגעפלאַקערט וויכוחים; די פאָזיטיווע אָפשאַצונג פון „אָקטאָבער" האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן אָפווער מצד די פאַרטייער פון די פריערדיקע פאָזיציעס. די אינערלעכע חילוקי־דעות האָבן אין גיכן דערפירט צו אַ פאָרמעלער שפאַלטונג.

לויט זייערע פראָגראַמען האָבן זיך דער „בונד" און די „פאַראייניק־

טע״ איך יענער צייט גאַנץ ווייניק אונטערגעשיידט איינער פון אַנדערן; די חלוקי־דעות, וואָס האָבן פריער אַרויסגערופן צערייצטקייט און אָפּגעפרעמדטקייט, האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעוועפּט. דער אידעאישער קריזיס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די רייען פון ביידע פּאַרטייען האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון יענע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען גרייט אָנצונעמען די קאָמוניסטישע פּראָגראַם ווי אַ יסוד פון זייער טעטיקייט. זומער 1920 האָט אין כאַרקאָוו אָנגעהויבן צו דערשיינען די וואָכנבלאַט „די שטימע פון בונד״, — האָבן אין איר גענומען אַן אָנטייל אויך די פאַראייניקטע. אין יענער צייט זיינען זייערע אַקטיוווסטע טוער מיט ליטוואַקאָוון און ראַשקעסן בראש אַריין אין „בונד״ אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך פון דעם צ.ק. פון „בונד״ און דעם צ. ק. פון „פאַראייניקטע״. נאָך עטלעכע חדשים איז יוסף געקומען פון קיעוו קיין כאַרקאָוו און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אינעם בונדישן אָרגאַן, וואָס האָט געביטן זיין נאָמען אויף „אונזער צייט״.

נאָכן אָננעמען דעם באַשלוס אַריינצוטרעטן אין דער ר.ק.פּ., האָט דער „בונד״ געפּירט, זייט אַפּריל 1920, אונטערהאַנדלונגען ביטן צ.ק. פון דער פּאַרטיי וועגן אָנערקענען דעם אַלטן בונדישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ — דעם פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע. אין אָנהייב האָט זיך געדוכט, אַז די אונטערהאַנדלונגען האָבן אַן אויסזיכט אויף דערפאָלג; קאַמעניעוו, קרעסטינסקי און אַנדערע פירנדיקע באָלשעוויקעס האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו שטיצן די ווענדונג פון „בונד״. ערשט שפּעטער איז געוואָרן קלאָר, אַז לענין איז קאַטעגאָריש קעגן נאָכגעבן אין דעם פּרט. קאַמעניעוו האָט געזאָגט דעם פאָרשטייער פון „בונד״, ירחמיאל וויינשטיין, אַז לענין קען מאַכן קאָמפּראָמיסן אין פאַרשידנאַרטיקע פראַגן, נאָר ער וועט קיין מאָל נישט נאָכגעבן אין דער פראַגע פון בוי פון דער פּאַרטיי.

ווען דאָס איז געוואָרן קלאָר, האָט די מערהייט פירנדע בונדישע טוער באַשלאָסן — אמת, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ — צו גיין אויף הנחות. אויף אַזאַ באַשלוס האָט יוסף ניט געקענט איינגיין. די טעזיסן פון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם זיינען געווען פּונקט אַזאַ עיקרדיקער טייל פון זיין אַני־מאמין, ווי די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אינעם רייפן פּאַרטיי־טוער האָט פאָרט געלעבט יענער יוגנטלעכער פון האָראָדישטשע, ווען דער צער פון זיין אייגענעם פאָלק האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער יוגנטלעכער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם קען מען און דאַרף מען פאַראייניקן מיט דער אידעע פון קיום האומה. זינט דעמאָלט איז קיין מאָל ניט צעשטערט געוואָרן

די האַרמאָניע צווישן בײדע עלעמענטן פֿון זײַן וועלטבאַנעם. אינטעלעקטועלער קאָנסערוואַטיזם איז יוספֿן פֿרעמד געווען: ער האָט ניט אײן מאָל ראַדיקאַל געביטן זײַנע מײנונגען, אָפּשאַצונגען אָדער פּאָליטישע אײנשטעלונגען. אָבער די עיקרים פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכן אַני־מאמין, וואָס זײערע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין דער וועלט פֿון עמאָציעס, זײַנען געבליבן אומדערשיטערט. ער האָט געפֿילט, אַז אָפּזאָגן זיך פֿון זײ — וואָלט געהײסן זיך אָפּזאָגן פֿון זיך אַלײן.

דאָס לעבן האָט דאַן פֿאַר אים געשטעלט די פֿראַגע: וואָס װײַטער? אַרום אים האָט זיך ביסלעכווײַז געשאַפֿן אַ וואַקואום: אַ סך אַלטע פֿרײַנד און חברים האָבן זיך פֿון אים דערווײַטערט. אַנדערע האָבן אַריבערגעוואַנדערט אויף מערב — אין אײראָפּע אָדער אַמעריקע. מיט פּאַסיווקײט האָט ער ניט געקענט שלום מאַכן; דער מהות פֿון זײַן לעבן איז געווען געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, און נאָר פֿון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער געקענט לײזן די פֿראַגע וועגן זײַן צוקונפֿט. די דאָזיקע צוקונפֿט זײַנע האָט ער געזען אין די רײען פֿון אַ ייִדישער מאַסןבאַוועגונג, אין באַדינגונגען וואָס גיבן די מעגלעכקײט צו קעמפֿן פֿאַר די אידעען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און פֿאַר דער ייִדישער קולטור. פֿון שכנותדיקן פּוילן זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז דער „בונד" וואָס האָט ניט קאַפּיטולירט פֿאַר די דײַטשן אין צײַט פֿון אָקופּאַציע, פֿירט איצט אַ ברײַזנדיקע טעטיקײט אויף אַלע געביטן פֿון ייִדישן לעבן. די דאָזיקע ידיעות האָבן יוספֿן מיטגעהאָלפֿן צו קריסטאַליזירן זײַנע פּלענער. מיט יעדן טאָג איז אין אים געוואָקסן די איבערצײַגונג, אַז פּוילן, דאָס ייִדישע פּוילן, קען אים געבן אַ מעגלעכקײט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

די צעשײדונג מיט דער משפּחה און מיטן הײמלאַנד איז יוספֿן שווער אָנגעקומען — קײן שום ערנסטער שריט אין לעבן איז אים ניט אָנגעקומען גרינג. ער האָט אָבער געפֿילט, אַז קײן אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. אין פֿעברואַר 1921 האָט די משפּחה לעשטשינסקי פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

ניינטער קאַפּיטל

וואַרשע

די יידישע וואַרשע, וואָס די ברייטע אַלייעס פון זאַקסישן גאָרטן האָבן איר אָפּגעטיילט פון די צענטראַלע גאַסן פון דער שטאָט, איז געוואָרן די היים פון דער משפחה לעשטשינסקי. אין אירע גרענעצן איז יוספן באַשערט געווען אויסצולעבן זיינע לעצטע פופצן יאָר. אים איז שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט דער לאַבירינט פון די דאָזיקע ענגע, קרומע גאַסן; אינעם באַגינען פון זיין גרזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט האָט ער אויסגעמאָסטן אָט די שמאָלע טראָטואַרן, אין דער לענג און אין דער ברייט. זכרונות וועגן די קרייזלעך און דער בירזשע, וועגן די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס האָבן פאַר אים אויפגעלעבט אויף יעדער שריט און טריט. די יידישע געגנט פון וואַרשע האָט זיך זינט דעמאָלט ווייניק געענדערט. זי איז ווי פריער געווען אַלט, טונקל, ענג, און אומגעלומפּערט געבויט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט עמיצער פון אויבן בייז אַ שליידער געטאָן אַ הויפן פאַרמלאָזע שטיינערנע קאַסטנס און האָט אין זיי דורכגעבויערט שמאָלע פענצטער־עפענונגען; די דאָזיקע הייזער האָט ער אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן ביז איבער די ברעגעס. סיי אין ווינטערדיקע קעלטן, סיי אין זומערדיקע היצן, האָבן די מענטשן־כוואַליעס פאַרגאָסן די פאַרכמורעטע הויפן, די טראָטואַרן, און די שפּיציקע שטיינער פון ברוק. ווען עס פלעגט אַהין אַריינפאַלן אַן איינוואוינער פון די צענטראַלע גאַסן, איז ער צעטומלט געוואָרן פון דער האָוועניש און שטופּעניש, פון די אויפגערעגטע קולות און פון די הויפנס פאַרשיידנפאַרביקע ביליקע סחורות אין די קראָמען און קרעמלעך.

אין דער דאָזיקער שטיקעניש און ענגשאַפט האָבן מענטשן גע־לעבט ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם... דאָ האָט געקלאַפּט אַ פאַרגיכער־טער פּולס פון לעבן אין די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, אין די שולן, אין די פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

יוספן איז ניט שווער אָנגעקומען זיך ווידער איינצוגלידערן אינעם

דאָזיקן לעבן; דער פאַרגיכערטער טעמפּאָ האָט געקלאַפּט צום ריטם פון זיין אייגענעם פּולס. אַ סך שווערער איז אים אָנגעקומען דאָס איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט יענע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען מחוץ די גרענעצן פון דער „יידישער גאַס״. באַלד נאָך זיין קומען קיין פּוילן האָט יוסף דערפילט דעם שאַרפן איבערבייט פונעם פּאָליטישן קלימאַט. אויף מיזרח איז געלעגן דאָס ריזיקע לאַנד, וואָס האָט נאָך אַלץ געלעבט מיטן פּאַטאָס פון די „טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט״. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז דאָרטן נאָך ניט געהאַט אַריין אין די ברעגעס פון מלוכהשאַפט; עס זיינען נאָך נישט פאַרטונקלט געוואָרן די פּערספּעקטיוון פון אַ וועלט־איבערקערעניש און די הערצער זענען נאָך אַלץ געווען פאַרשיכורט מיטן קאַמפסרוף „דאַיאָש יעווראָפּו״. איצט האָט זיך דער גאַסט פון מיזרח געפונען אין מיטן פון אַ פיבערדיקן אויפבוי פון אַ יונגער מלוכה וואָס האָט זיך קוים אַן עצה געגעבן מיט דער מלחמה־געפאַר. אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן דאָמינירט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען; זיי האָבן פאַרכאַפּט אויך אַ גרויסן טייל פון די פּוילישע סאָציאַליסטן. איינזאַם האָט געקלונגען דאָס קול פון סטעפאַן זשעראָמסקי וואָס האָט געוואָרנט אַז אונטערן צודעק פון מלוכהשאַפט ווערן רייף שאַרפע סאָציאַלע קאָנפליקטן. פּוילן האָט זיך פאַרכליניעט מיט איר נאָר־וואָס געוואונענער אומאָפּהענגיקייט. ווייניקער פון אַלע איז מיטן דאָזיקן אויפשוואונג פאַרכאַפּט געוואָרן די יידישע פאָלקסמאַסע, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געלעבט אָפּגעזונדערט סיי פון דער פּוילישער מאַסע, סיי פון יענע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע, וואָס האָבן געלעבט מיט פּוילנס לעבן. די אָנפאַלן אויף יידן פון די האַלערטשיקעס, — אין אויסלאַנד פאָרמירטע אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער אַרמיי, — האָבן ניט באַגינסטיקט דעם וואוקס פון בירגער־געפיל ביים יידישן פאָלקס־מענטשן. יוסף האָט זיך שלעכט געפילט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער. אין איינעם פון זיינע ערשטע בריוו צום ברודער אין בערלין רעדט ער וועגן דעם און ער גיט מעלאַנכאָליש צו: „ס׳קומט אויס צו נעמען דיווירקלעכקייט ווי זי איז״. דער געפיל פון איזאָלירטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אים אָבער ניט געלאָזן רוען און איז געוואָרן אַ שטענדיקע טעמע פאַר זיינע בריוו. אין אַ בריוו פון 13־טן אָקטאָבער 1921 מאָלט ער די סיטואַציע אין פינצטערע פאַרבן. לויט זיין מיינונג, איז דאָס יידישע ליטעראַרישע וועלטל אַטאָמיזירט, פאַרזונקען אין קליינלעכקייטן, אָן ענערגיע און אָןליידנשאַפט; דעם פאַרגיכערטן פּולס פילט מען נאָר אין דער פאַרטייאישער סביבה, אָבער אויף דער מאַסע דריקט די לאַסט פון אָפּגע־

זונדערטקייט. „די יידישע אַרבעטערשאַפט — שרייבט יוסף — איז
אַלייך, איינזאַם, אָן אַ סימן קאָנטאַקט מיטן לאַנד־פראָלעטאַריאַט... דו
פילסט זיך אין אַן אמתן געטאָ. אין אוקראַיִנע איז דאָס קיין מאָל אַזוי
בולט ניט געווען".

דאָס געפיל פון אָפגעזונדערטקייט, וואָס איז געווען אין די ערשטע
צייטן באַזונדערס שטאַרק, האָט יוספן געשטערט זיך צו אַקלימאַטיזירן;
אויף אַן אמת איינגלידערן זיך אינעם לעבן פון לאַנד איז אים ניט
באַשערט געווען אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער האָט בכלל
ניט געהערט צו די מענטשן, וואָס זיינען באַשאָנקען מיט דער פעיקייט
פון אַקלימאַטיזאַציע.

זיך לעבן איז אַוועק אַזוי אַז ס׳איז נישט פאַרבליבן נישט קיין
כוחות און נישט קיין צייט צו דערקענען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק
דורך זייער בעסטן אויסדרוק — ליטעראַטור און קונסט. לייענען בעל־
לעטריסטיק און לידער האָט יוסף געקענט נאָר אין די נעכט, אויפן
חשבון פון שלאָף. אָבער אין די דאָזיקע פון אַרבעטסטאָג אַראָפּגע־
גנבעטע שעהן האָט ער געשלונגען אַלדאָס נייע וואָס עס האָט זיך
נאָר באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור; ער האָט קיין איין זאַך
ניט דורכגעלאָזן. קאָנקורירן מיט דער יידישער ליטעראַטור האָט
געקענט פון צייט צו צייט נאָר די רוסישע — אָט דער יוגנט־ליבע
איז יוסף געטריי געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

די אינערלעכע שוועריקייטן פאַר אַקליטימאַטיזאַציע זיינען נאָך
גרעסער געוואָרן צוליב די אויסערלעכע לעבנס־באַדינגונגען. אין וואַר־
שע האָט דעמאָלט געהערשט אַ וואוינונגס־קריזיס, און דער משפחה
לעשטשינסקי איז די ערשטע צייט אויסגעקומען זיך אַרומצוואַלגערן
אין מעבלירטע צימערן פון צווייטן סאָרט. די מאַטעריעלע לאַגע פון
דער משפחה איז געווען אַ שווערע ביז גאָר. די פאַרטייאישע פרעסע,
וואָס האָט זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט מיט פינאַנציעלע שוועריקייטן
און פאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען, האָט געצאָלט גראָשנס פאַר דער אַר־
בעט; יוסף האָט זיך באַמיט צו פאַרשטופן די לעכער אין זיין בודזשעט
מיט אַרבעט ביי איבערזעצונגען. אַריבערטראָגנדיק זיינע אַסקעטישע גע־
וויינהייטן פון דער יוגנט אויך אין די רייפע יאָרן אַריין, האָט ער געקענט
באַגרענעצן זיינע פערזענלעכע באַדערפענישן ביזן מינימום, אָבער דאָס
געפיל, אַז זיין פרוי און טאָכטער מוזן ליידן נויט, פלעגט אים דערפירן
ביז פאַרצווייפלונג. פאַר דער פרוי זיינער האָט דאָס נייע לעבן גע־
מיינט כסדר אָפּזאָגן זיך פונעם נייטיקסטן, און אירע בריוו צו די סאַמע
נאָענטסטע — יעקב און לאה לעשטשינסקי — מאָלן זייער אַ טרויעריק
בילד. דער ברודער האָט יוספן אַ סך געהאָלפן און האָט זיך באַמיט

גאַליע לעשטשינסקי
(די טאָכטער)

אויף דער פייערונג פון 30־יאָריקן יוביליי פון בונד, 1927, אין וואַרשע. דער פאָרזיצער נח רעדט. אין פרעזידיום – זיצן פון רעכטס: י. כמורנער, ח. וואַסער, ש. שוועבער, ה. ערליך, וו. אַלטער, ב. מיכאַלעוויטש

צוצורעדן אים אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן קיין בערלין, וואו מען האָט געקענט קריגן ליטעראַרישע אָדער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. יוסף האָט אָבער דערקלערט, אַז ס׳איז פּאַר אים אוממעגלעך „זיך אָפּרייסן פון אַ קיבוץ, ווערן אַ קאַפּע־באַזוכער". „איך בין דאָך ניט קיין מענטש פון קאַבינעט, ניט קיין אַרבעטער אויף אַ וויסנשאַפט־געביט" — שרייבט ער דעם 25טן אָקטאָבער 1921.

יוסף האָט פּאַרשטאַנען: אַלע שוועריקייטן פון איינאָרדענען זיך אויף אַ ניי אָרט ווערן בלאַס לגבי דער פּערספּעקטיוו פון פּאָליטישער און קולטור־אַרבעט אין ברייטן מאַסשטאַב. דער „בונד" אין פּוילן איז אַלץ טיפער אַריינגעוואָקסן אינעם לעבן פון דער פּאָלקסמאַסע, און פּאַר יוספן איז קלאָר געוואָרן, אַז זיין אָרט איז אין די רייען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. וועגן זיינע ערשטע פּובליציסטישע טריט שרייבט ער צום ברודער: „נאָך אַ גאַנץ ערנסטן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין „מאָרגנ־שטערן".*) זיין אויסער אים — הייסט פּאַקטיש זיין אויסער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג". עס איז קלאָר, אַז דעם נאָמען פון **פּאַרטייאישן אָרגאַן ניצט דאָ יוסף ווי אַ פּסעוודאָנים פּאַר דער פּאַרטיי.**

פון יוספס ערשטע וואַרשעווער בריוו וויעט אַ בענקשאַפט נאָך דער היים. אין זיינע געדאַנקען קערט ער זיך אָפּט אום צו די טעג פון זיין יוגנט: „כ׳וואָלט אַ סך געגעבן אויף ווידער שפּאַצירן הינטערן שטעטל וויט־וויט" — שרייבט ער צום ברודער דעם 21טן מאַי 1921. אינעם זעלביקן בריוו קומט אויך צום אויסדרוק זיין באַזאָרגטקייט צוליב די קלאַנגען, אַז דער ברודער זיינער האָט געביטן זיין פּאָליטישע אָריענטאַציע. ער אַליין גיט צו: „איך בין געשטימט פּונקט אַזוי ווי דאָרטן, ניט אַנדערש".

די ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד, זיינען ניט געווען פּאַר אים קיין פריילעכע. מיט אומעט שטעלט ער פעסט: „די קיעווער חברים פירן דאָרט אַ קאַמפּאַניע קעגן מיר און קעגן אַלע אונזעריקע דאָ. מיר פּאַרשאַפט דאָס גרויס עגמת־נפש. באַזונדערס ווען איך קען ניט ענטפערן, דערקלערן, אויפקלערן. ביי מיר רייסט זיך אַן ענטפער... דעם אמת זאָגן, בין איך אויף זיי כמעט ניט ברוגז..." (פון אַ בריוו פון 27טן יולי 1921).

די „פּאַראייניקטע" אין פּוילן זיינען געווען אַנדערש געשטימט, ווי זייערע געוועזענע חברים אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַ היפּשע צאָל פון

***) דאָס בונדישע וואָכנבלאַט וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין דעצעמ־בער 1920 און וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט אין נאָוועמבער 1921.**

זיי איז אַריינגעטראָטן אין „בונד״; אַ טייל איז אַוועק צו די פֿאָלקיסטן, און אַ גרופּע געוועזענע ס.ס. איז אַריין אין דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער אַרבעטס־פּאַרטיי״. איינציקע מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער גרופּע, יוספס אַלטע פֿרײַנד, האָבן אים באַשולדיקט, אַז מיט זײַן אַוועקגיין צום „אָפּאָרטוניסטישן״ „בונד״ האָט ער פֿאַרראַטן די אידעאַלן פֿון זײַן יוגנט. די דאָזיקע טענות האָבן יוספן ניט געאַרט: ער האָט געהאַלטן, אַז די פּובליציסטישע און קולטור־אַרבעט, וואָס ער פֿירט אין פּוילן אין די רייען פֿון „בונד״, איז אַ המשך פֿון זײַן פֿריערדי־קער טעטיקייט אין אוקראַינע. באַלד נאָכן אָנקומען אין פּוילן האָט ער זיך באַטייליקט, ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון „בונד״, אין די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט געדאַרפֿט שאַפֿן די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע. דעם פֿונדאַמענט פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט מען געהאַט געלייגט נאָך אין די יאָרן פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. איצט, אויפֿן באָדן פֿון אומאָפּהענגיקן פּוילן, איז געשטאַנען די אויפֿ־גאַבע צו שאַפֿן אַ שטענדיקע קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל אָנפֿירן מיט די יידישע פֿאָלקשולן.

אינעם שול־צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך באַטייליקט 400 דעלעגאַטן און אַ גרויסע צאָל געסט; דער גרויסער טעאַטער־זאַל איז געווען איבערגעפֿולט. יוסף, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום, האָט רעפֿערירט אין נאָמען פֿונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן ביוראָ; עטלעכע מאָל איז ער אויך אַרויסגעטראָטן אין די דיסקוסיעס. די פֿראַגע וועגן כאַראַקטער פֿון די שולן האָט אַרויסגערופֿן שאַרפֿע חלוקי־דעות. אַ טייל דעלעגאַטן, צווישן זיי די מערהייט פֿון דער בונדישער פֿראַקציע, האָט געהאַלטן, אַז די שול דאַרף האָבן אַ קלאַסן־כאַראַקטער; זי דאַרף געבן די קינדער אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז מען מוז די שול בויען אויף אַ ברייטערן פֿונדאַמענט; מען דאַרף זיך אָריענטירן ניט נאָר אויף דער אָרעמקייט, נאָר אויך אויף די מיטעלע שיכטן. יוסף האָט אין איינער פֿון זײַנע רעדעס דער־קלערט: „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט... קיין גרונט ניט צו באַגנוגענען זיך אין זײַן שול־בויאונג־אַרבעט מיט די באַגרענעצטע לאָזונגען פֿון יידיש און וועלטלעכקייט. ער האָט, פֿאַרקערט, אַלע גרונטן דערצו, אַז די שול זאָל ווערן פֿאַר אים אַ כלי־זיין אין זײַן אַלגעמיינעם באַפֿרייאונגס־קאַמף, אַז זי זאָל ווערן אַ קוואַל פֿון סאָציאַליסטישער דערציאונג. אין די ראַמען פֿון דער נאָך עקזיסטירנדיקער אָרדענונג לאָזט זיך ניט גאָר אַ סך דערגרייכן אין דעם זינען — סאָציאַליזם מוז אָבער זײַן דער רעגולאַטאָר, דער פּרינציפּ, די פּערספּעקטיוו, וועלכע דאַרף דורכדרינגען און באַפֿרוכפּערן די גאַנצע אַרבעט״.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די מלוכה זאָל פינאַנסירן די יידישע שולן און דערביי זאָל די שול־אָרגאַניזאַציע האָבן די ברייטסטע אינערלעכע אויטאָנאָמיע. יוסף קאָמענטירט די דאָזיקע באַשלוסן אין זשורנאַל פון צישא „שול און לעבן", וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אין די פּאָלעמישע אַרטיקלען קומט אים אויס צו קעמפן אויף עטלעכע פראָנטן — מיט די פּוילישע רעאַקציאָנערן, מיט דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, מיט די ציוניסטן, און מיט די אַסימילאַטאָרן. ער באַשטייט אויך אויף דעם, אַז די רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָר וועגן שאַפן אַ „קולטור־ליגע" דאַרף דורכגעפירט ווערן אין לעבן, ווייל די שולאַרבעט איז ענג געבונדן מיט אַ ברייטער קולטור־אַרבעט. אָבער די הויפּט־טעמע פון זיין שרייבן איז די פאַרטיידיקונג פונעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער שול. „אין דער יידישער שול — שרייבט ער אין „שול און לעבן" פון יולי 1922 — זיינען בלויז פאַראינטערעסירט די ברייטסטע יידישע מאַסן. דער טרעגער און שעפער פון דער דאָזיקער שול איז אָבער דער יידישער פראָלעטאַריאַט." מיט אַ סך פּאָלעמישן פייער מאַכט ער צו נישט די מורא, אַז דאָס אַריינברענגען „פּאָליטיק" אין שול וועט שטערן דער ערנסטער פּעדאַגאָגישער אַרבעט: „דווקא די „פּאָליטיק" האָט די טיפסטע שייכות מיט דער... פּאַרטיפּטער זאַכלעכקייט, ווייל נאָר אַ העכערער ציל, אַ סאָציאַלער און אַ פּאָליטישער אידעאַל זיינען בכוח אַרויסצורופן אַלע אַקטיווע קרעפטן פונעם מענטשן און אים מאַכן פאַר אַ קינסטלער און אַ שעפער אויף זיין געביט".

די אַרבעט אין דער צישא האָט יוספן געגעבן אַ סך באַפרידיקונג; זי האָט אָבער פאַרשלונגען נאָר אַ טייל פון זיין ענערגיע. ער איז קיין פוילן געקומען מיט אַ גרויסער אָנלאָדונג פון אידעען און פּלענער פאַר פּאָליטישער אַרבעט. אין גיכן האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַגרינדן און פאַרטיידיקן די דאָזיקע אידעען אויף דער העכסטער פּאַרטייאישער אינסטאַנץ — אויפן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

צענטער קאַפּיטל

דער חבר כמורנער

פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן זיינען געשטאַנען קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. די שווערע, סתירותדיקע ווירקלעכקייט מיט אירע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן האָט דעם יידישן אַרבעטער געשטויסן אין דער ריכטונג פון פּאָליטישן מאַקסימאַליזם. אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע איז דער לאָזונג „סאָציאַלע רעוואָלוציע" געווען אַן אויסגעשריי פון אַ צעווייטיקט האַרץ. די פּערספּעקטיוו פון דיקטאַטור פון די אַרבעטנדיקע, וואָס וועט פאַרווירקלעכן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גלייכהייט, האָט פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע צוציאונגס־קראַפט פאַר מענטשן, וואָס זייער טעגלעך לעבן האָט זיי כסדר געשלאָגן מיט אַנטיסעמיטישע עקסצעסן און עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס.

די פירער פון קאָמינטערן האָבן געוואוסט וועגן די דאָזיקע שטימונגען. זייער טאַקטיק איז באַשטאַנען אין פּרואוון אָפּצורייסן די בונדישע מאַסן פון זייער אָנפירונג. די אָנפירונג פון פּוילישן „בונד" האָט פאַרמירט איר סטראַטעגיע אויף צוויי צוזאַמענפאָרן — אין 1920 אין קראָקע און אין דעצעמבער 1921 אין דאַנציג. אין די דיסקוסיעס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי ריכטונגען — די א. ג. „צענטריסטן" און די „לינקע".

יוסף איז געוואָרן איינער פון די פירער פון דער לינקער ריכטונג. דער דאַנציגער צוזאַמענפאָר האָט אים אַריינגעפירט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער פּאַרטייאישער אַרבעט. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געבויט אין משך פון לאַנגע יאָרן; דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פאָרמירן די סטראַטעגיע פון „בונד".

דער באַריכט פון סעקרעטאַריאַט פונעם צוזאַמענפאָר האָט דערציילט וועגן די פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער פּאַרטיי אין דער צייט פון דער פּויליש־סאָוועטישער מלחמה: אַ סך אָרגאַניזאַציעס זיינען צעשטערט געוואָרן, קולטור־אינסטיטוציעס

האָט מען פאַרמאַכט, טוערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן, און די פרעסע האָט געליטן פון אָן אַ שיעור רדיפות. און דאָך איז די פאַרטיי געוואָקסן און זיך געשטאַרקט; צום מאָמענט, ווען דער צוזאַמענפאָר איז צו שטאַנד געקומען, איז שוין דער פאַרטיי־אַפּאַראַט געווען צוריק אויפגעשטעלט.

דער צענטראַלער פּונקט אויפן טאָג־אָרדענונג איז געווען די פראַגע וועגן אָנשלוס פון „בונד" אין קאָמינטערן. די דאָזיקע פראַגע איז געוואָרן באַהאַנדלט שוין אויפן קראָקעווער צוזאַמענפאָר אין אַפּריל 1920, וואו עס האָבן זיך פאַראייניקט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן. דער צוזאַמענפאָר האָט דעמאָלט געהאַט באַשלאָסן זיך ווענדן צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל מיט אַ דערקלערונג, אַז דער „בונד" איז גרייט זיך אין אים אָנצושליסן. די מאָטיווירונג פון דעם באַשלוס איז געווען, אַז עס איז דער געבאָט פון דער עפּאָכע אָרגאַניזאַציאָנעל צו קאָנסאָלידירן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות.

דער דירעקטער ענטפער אויף דער ווענדונג פון „בונד" איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, אָבער די באַציאונג פון קאָמינטערן צו דעם אָנשלוס פון נייע פאַרטייען איז שוין געווען פאַרמולירט אויף זיין צווייטן צוזאַמענפאָר אין יולי 1920. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעאַרבעט אַן אולטימאַטום אין 21 פּונקטן, געווענדט צו אַלע פאַרטייען וואָס ווילן אַריינטרעטן אין קאָמינטערן. דער אולטימאַטום האָט געפאָדערט אַ ראַדיקאַלע „טשיסטקע" (רייניקונג) פון דער פאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, און קודם־כל פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען, וואָס זיינען אָנגעשטעקט מיט רעכטער און צענטריסטישער אפיקורסות. ווען מען האָט אויפן דאַנציגער צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַהאַנדלט דעם אולטימאַטום, האָט נאָר אַ קליינע גרופּע דעלעגאַטן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָננעמען אַלע 21 פּונקטן*). אַלע אַנדערע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר האָבן איינשטימיק דערקלערט, אַז זיי זיינען קעגן אַ שפּאַלטונג, ווייל דאָס באַדראָט די עקזיסטענץ פון „בונד" גופא. די פּרינציפּיעלע דיסקוסיע האָט זיך געפירט אויפן באָדן פון אַנאַליז פון דער פּאָליטישער סיטואַציע.

די פּאָזיציע פון דער לינקער פראַקציע, וואָס איז אויף דעם צוזאַמענפאָר געווען אין דער מערהייט, איז געווען אַזאַ: די געשיכטע האָט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום. דעריבער איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע אין איצטיקן מאָמענט —

---

*) די דאָזיקע גרופּע איז אין גיכן אין גאַנצן אַוועק פון דער פאַרטיי און האָט געשאַפן דעם אַ. ג. „קאָמבונד".

פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין די ראַמען פונעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז דער אינטערנאַציאָנאַל פון טאַט. אָבער ניט געקוקט וואָס דער „בונד" פאַרשטייט די גאַנצע באַדייטונג פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג, קען ער ניט באַטראַכטן די באַדינגונגען פון קאָמינטערן ווי די „לוחות פון אינטערנאַציאָנאַלן מאַרקסיזם". אַ שפּאַלטונג וואָלט געווען אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד; אויף דעם קען די פּאַרטיי ניט איינגיין.

די צענטריסטישע פראַקציע האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער קריטיק פון די 21 פּונקטן; זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַלגעמיינער סטראַטעגיע פון קאָמינטערן, וואָס לויט איר אָפּשאַצונג איגנאָרירט ער די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון היינט — דעם אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין אַ גאַנצער ריי אייראָפּעאישע לענדער. דעם אולטימאַטום, וואָס דער קאָמינטערן האָט אַרויסגעשטעלט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן די צענטריסטן באַטראַכט אויך ווי אַן אויסדרוק פון זיין פאַלשער סטראַטעגיע. זיי האָט אָבער אויך ניט צופרידנגעשטעלט די טעטיקייט פונעם „צוויי־און־אַ־האַלבן אינטערנאַציאָנאַל", האָבן זיי דעריבער פאָרגעלייגט אַ פאַראייניקונג פון ביידע אינטערנאַציאָנאַלן, מיטן ציל אויסצוגלייכן די ליניע פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

די אָפּשטימונג איבער די רעזאָלוציעס האָט געגעבן אַזאַ רעזולטאַט: פאַרן אָננעמען דעם אולטימאַטום אָן קיין שום ענדערונגען זיינען געוואָרן אָפּגעגעבן 6 שטימען. פאַר דער צענטריסטישער רעזאָלוציע — 17, און פאַר דער רעזאָלוציע פון דער לינקער פראַקציע — 26. יוסף האָט זיך באַטייליקט אין אויסאַרבעטן די רעזאָלוציע פון דער מערהייט. די פראַגן, וואָס מען האָט אויפן צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט, זיינען פאַר אים ניט געווען קיין נייעס. דער איצטיקער אולטימאַטום פון קאָמינטערן איז געווען דורכגעדרונגען מיטן זעלבן אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטראַליזם, וואָס האָט שוין פריער אַרויסגערופן ביי אים אַ פּראָטעסט. אָבער דעמאָלט, ווען ער האָט אין די שלאָפלאָזע נעכט געזוכט פאַר זיך אַ וועג, האָט ער זיך געפילט איינזאַם; איצט איז הינטער אים געשטאַנען דער ווילן פון אַ געשלאָסענעם קאָלעקטיוו. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט פעסט געגלויבט אין דער נייטיקייט צו פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות, אָבער קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן זעלבסטמאָרד האָט ער ניט געוואָלט באַגיין.

יוסף איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיט אַ ברייטן פּלאַן פון פּובליציסטישער אַרבעט: ער האָט זיך געקליבן צו פּאָפּולאַריזירן אויף די שפּאַלטן פון דער פּאַרטייאישער פּרעסע די אידעען, וואָס זיינען

געווען דער יסוד פון דער פּלאַטפאָרמע פון דער לינקער פראַקציע אויפן צוזאַמענפאָר. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג״ (אַ וואָכנבלאַט, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג) און איינער פון אירע אַקטיווסטע מיטאַרבעטער. אין יענער צייט איז ער אין די פּאַרטייאישע קרייזן באַקאַנט געוואָרן ווי דער חבר כמורנער. זיינע אַרטיקלען פלעגט ער אונטערשרייבן אויך **„י. כ.״ אָדער „י. ר.״ און אַמאָל „י. ד.״ אָדער** „נואַר״ (אויף פראַנצייזיש „שוואַרץ״). די כלערליי מינים אונטערשריפטן האָט ער גענוצט, ווייל עס פלעגט אים אויסקומען צו שרייבן צו עטלעכע אַרטיקלען פאַר יעדן נומער פון דער צייטונג. די אַרטיקלען באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר זיינען געווען אַן אָפּקלאַנג פון די אָקאָרשט פאַרענדיקטע דיסקוסיעס אָדער אַ קאָמענטאַר צו די רעזאָלוציעס. דער מחבר האָט געפילט, אַז מען מוז אויפקלערן די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אַזוי פאַרביטערט צוליב זייער איזאָלירטקייט און האָבן אַ שטאַרקן באַגער זיך אַריינצוגיסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרמיי, — פאַר וואָס דער „בונד״ קען ניט אָננעמען די פאָדערונגען פון קאָמינטערן. י. כמורנער האָט געפירט פון צייט צו צייט די פּאָלעמיק מיט די קאָמבונדיסטן, אָבער דער דאָזיקער ענין איז ביי אים געשטאַנען אויפן צווייטן פּלאַן: ער האָט פאַרויסגעזען, אַז די דאָזיקע קליינע גרופּע האָט זיך שוין אויף שטענדיק אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה און זי איז פאַרמשפּט אויף איינגעשלונגען צו ווערן פון די פּוילישע קאָמוניסטן. דעם אמתן לײדנשאַפטלעכן שטרייט האָט ער געפירט מיט דעם קאָמינטערן און דאָס איז געווען דער אַלטער שטרייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין סאָוועט־רוסלאַנד: זיין תוך איז געווען — באַשטיין אויף דער זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע זעלבשטענדיקייט — האָט כמורנער כסדר אונטערגעשטראָכן — איז גאַנץ ווייט פון איזאָלאַציע. „די איזאָלירטע פּאָליטישע עקזיסטענץ פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז אַ נויט, פון וועלכער קיינער מאַכט ניט קיין טוגנד״ — זאָגט ער אין זיין אַרטיקל „די ריכטיקע תשובה״, (פ״צ, 27 יאַנואַר, 1922). ער ווייזט אָן אַז די זעלבשטענדיקייט איז אומבאַדינגט נייטיק, ווייל אָן איר איז אוממעגלעך צו באַפרידיקן אין דער פולער מאָס די קולטור־באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן, יענע באַדערפענישן, וואָס אויך די אָרגאַניזאַטאָרן פון די יעווסעקציעס קענען ניט אָפּלייקענען. „פאַר אונדז — שרייבט כמורנער — איז די דאָזיקע פראַגע אַ געלייזטע. זי איז פאַרענטפערט פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ביז אויף היינטיקן טאָג. די דאָזיקע געשיכטע לערנט אונז, אַז

מיר דאַרפן זיין איינגעשלאָסן אין דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע נאָר ווי אַ גאַנצער קאָלעקטיוו״.

דער פאַרגלייך צווישן די דערפאַרונגען פון דער ידישער סעקציע אין דער פּ.פּ.ס. אָדער פון די היינטיקע יעווסעקציעס — מיט די לאַנג־יאָריקע דערפאַרונגען פון „בונד״ — ווייזט אָן ווייטער דער מחבר — איז אַן אַרגומענט ניט אָפּצופרעגן לטובת אויטאָנאָמיע. און פונקט ווי די פּאַרטיי קען זיך ניט אָפּזאָגן פון איר זעלבשטענדיקייט, קען זי אויך ניט אָננעמען די פּאָדערונג פון שפּאַלטונג. ס׳איז אמת, אַז ס׳זיינען פאַראַן מאָמענטן אין לעבן פון רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ווען אַן אינערלעכער קריזיס איז אומפאַרמיידלעך; דער קאָמינטערן אָבער פאַרוואַנדלט דעם ענין שפּאַלטונג אין עפּעס אַ מצווה, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער סיטואַציע. אין לעבן פון די יידישע מאַסן וואָלט אַ טאַקטיק פון שפּאַלטונג אַריינגעבראַכט דעזאָריענטאַציע און פאַרלאָרנקייט, וואָס וואָלטן נאָר געווען אויף דער האַנט די רעאַקציאָנערע כוחות.

די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט כמורנער געפירט מיט גרויס האַרצוואַרעמקייט, ווייל ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר דער קאָמינטערן שטעלט פאָר יענעם כוח, וואָס איז באַרופן צו רעאַליזירן די אויפגאַבן פון דער עפּאָכע. אין זיין אַרטיקל „דריי און איינער״ (פ״צ, יאַנואַר 1922) באַשטייט ער, אויף דעם, אַז קיין מאָל איז נאָך אַזוי ניט בייטיק געווען דער פאַראייניקטער פּראָלעטאַרישער פראָנט, ווי אין אונזערע טעג. די עקזיסטענץ פון דריי באַזונדערע צענטערס ברענגט גרויס שאָדן דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַנאַליזירנדיק די טעטיקייט פון יעדן צענטער באַזונדער, קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז דער 2טער אינטערנאַציאָנאַל איז אָרגאַניש ניט פעיק צו ווערן דער כוח, וואָס זאָל פאַראייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר מאַכט, ווייל אַלע זיינע מעשים טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון האַלבקייט און קאָמפּראָמיס. דער ווינער אינטערנאַציאָנאַל איז מער פילבאַר צו די באַדערפענישן פון די מאַסן און אין פּרינציפּ אָנערקענט ער, אַז מיר זיינען אַריין אין אַן עפּאָכע פון סאָציאַלע איבערקערענישן; אָבער זיינע פירער פעלט רעוואָלוציאָנערע אַנטשלאָסנקייט. און נאָר איין אינטערנאַציאָנאַל — דער דריטער — שטעלט פאָר אַן אַקטיוון רעוואָלוציאָנערן כוח.

איינע פון די שטענדיקע אויפגאַבן פון אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון „פאָלקסצייטונג״ איז געווען די אַקטועלע פּאָלעמיק מיט די קעגנערס פון רעכטס און פון לינקס. אין אַן אַרטיקל „די מתנה פון ראַפּעסן״, אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „נואַר״ (מערץ 1922) געפינען מיר אַ שאַרפן ענטפער דעם געוועזענעם בונדיסט, וואָס אין

זיין צענטראַליסטישן אייפער איז ער דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז ער האָט זיך אַפילו אַרויסגעזאָגט קעגן די יעווסעקציעס און די יידישע אַרבעטער־קלובן. ראַפּעס האָט מיט איראָניע געשריבן וועגן דער „קליינער אידייעלע” פון „בונד”. דערמאָנט אים י. כמורנער, אַז אין זעלבן גייסט האָבן וועגן בונד נישט איין מאָל גערעדט די ציוניסטן, די פּאַראייניקטע און די אַסימילאַטאָרן; אָבער להיפּוך צו דעם, וואָס זיי האָבן אַלע פּאָרויסגעזאָגט, איז די פּאַרטיי געבליבן לעבנספעיק און ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן. „די קליינע אידייעלע” פון „בונד” האָט באַשאַפן אַ העראָישע עפּאָפּעע.

נאָך דער דיסקוסיע מיטן קעגנער פון לינקס פלעגט זיך י. כמורנער אַריבערוואַרפן אויפן אַנטקעגנדיקן אָפשניט פונעם פראָנט — צו דער קריטיק פון דער ווילנער „אונדזער צייט” (פ״צ, 10טער מערץ 1922), וואָס ער האָט אין איר געזען די יידישע קאָפּיע פון דעם בערלינער „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק”. דער גאַנצער פּאַטאָס פון דעם ווילנער זשורנאַל — שטעלט י. כמורנער פעסט — באַשטייט אין דעמאַסקירן דעם קאָמוניזם. די רעדאַקציע פון „אונדזער צייט” פאַרגעסט אָבער, אַז דער דאָזיקער אָרגאַן איז באַשטימט ניט פאַר דער רוסישער עמיגראַציע, נאָר פאַר די יידישע אַרבעטער, וואָס דער דאָזיקער „פּאַטאָס” איז זיי פרעמד. די אַנעמישקייט פונעם ווילנער זשורנאַל נעמט זיך טאַקע פון דעם, וואָס ער איז אָפּגעפרעמדט פון זיין לייענער.

דער מחבר פון אָט די אַרטיקלען האָט פאַרשטאַנען די קאָמפּליצירטקייט פון דער פּאָליטישער סיטואַציע. פעסטשטעלנדיק, אַז דער פיריאָריקער קאַמף פון וועלט־קאַפּיטאַליזם קעגן ראַטן־פאַרבאַנד האָט קיין פּעולה ניט געהאַט, האָט ער נישט פאַרשוויגן דעם פאַקט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט נישט באַוויזן אַריינצוציען די מערב־לענדער אין דער ספערע פון רעוואָלוציע. דער איראָפּעאישער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט אויסגענוצט די צייטווייליקע שוואַכקייט פון דער בורזשואַזיע, און יענע האָט אין דער לעצטער צייט פאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס. דאָס איז איינע פון די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו „נעפּ”. אָבער לויט יוספס טיפער איבערצייגונג, בלייבט דאָך דער ראַטן־פאַרבאַנד, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע פעלערן און דורכפאַלן, די פעסטונג פון סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די פּאָפּולאַריטעט פון דער „פאָלקסצייטונג” איז געוואָקסן ביי דער יידישער מאַסע, און דאָס האָט יוספן געגעבן גרויס באַפרידיקונג. אָבער זיינע פיזישע כוחות האָבן קוים געקלעקט אויף צו טאָן די אָנגעשטרענגטע אַרבעט: שטויסן ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן האָבן פאַרפלייצט זיין שרייבטיש, און מיט אומעט האָט ער געקלערט, אַז

דער מעת־לעת איז אים צו קורץ. שרייבן האָט מען געמוזט אין אײלעניש — די דרוקערײ האָט געפאָדערט מאַטעריאַל; און אין רע־דאַקציע־צימער האָבן מענטשן געאַרבעט ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם. אָבער ניט יוסף און ניט זײנע חברים װאָלטן אָט די נערװעזע, פיבער־דיקע אַרבעט ניט פאַרביטן אויף קײן שום אַנדערע.

עלפטער קאַפּיטל

פון טאָג צו טאָג

יוספס לעבן אין וואַרשע האָט זיך געהאַט אויסגעפורעמט, און יאָר נאָך יאָר איז אַריבער כמעט אָן קיין שום ענדערונגען. אויסערלעך האָט עס אויסגעזען איינטאָניק: דאָס איז געווען אַ טיפּישע עקזיסטענץ פון אַ פּראָלעטאַרישן אינטעליגענט, פול מיט טאָגטעגלעכע זאָרגן און שווערן געראַנגל מיט דער נויט. די גרויע, אָרעמע אויסערלעכקייט פון דאָזיקן לעבן איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צום אינערלעכן תוך — דעם אומאויפהערלעכן פלאַקערן פון דער נשמה, וואָס איז געווען ברייט געעפנט פאַר די ווינטן פון דער שטורעמדיקער עפּאָכע.

יוספס טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פרי, ווען די אַלטע מויערן פון דער טומלדיקער האַנדלסגאַס קאַרמעליצקע זענען נאָך געווען איינגעהילט אין מאָרגנדיקן נעפּל. שטילערהייט, כדי ניט אויפצוואוועקן די בני־בית, האָט ער צוגעגרייט דעם פרישטיק פאַר דער טאָכטער און אַרונטערגעגאַנגען פון זיין פערטן שטאָק אין דער בעקעריי: גאַלקע האָט ליב געהאַט פרישע ברוינע זעמעלעך. דער טאַטע און די טאָכטער האָבן צוזאַמען געגעסן פרישטיק פאַר איר אַוועקגיין אין שול. יוסף האָט ליב געהאַט די דאָזיקע זעלטענע מינוטן פון זייער זיין צוזאַמען. די זאָרג פאַר דער מיניאַטור־שוואַרצאויגיקער מיידעלע איז געווען ביי אים אַ טיפע נשמה־באַדערפעניש. יעדער געדאַנק וועגן איר פלעגט ברענגען אַ צופלוס פון אומרואיקער צערטלעכקייט, אַ פאַרלאַנג אָפּצוהיטן זי פון די געפאַרן, וואָס לויערן אין דער ברייטער "אומפריינדלעכער וועלט.*)

ווען עס זענען אויף די שטיגן שטיל געוואָרן דער מיידלס טריט, האָט זיך יוסף פאַרטיפט אין לייענען. אין אַזעלכע פרימאָרגן־שעהן, ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין, פלעגט זיך פאַר אים עפענען די וועלט.

---

*) דער גורל האָט יוספן פאַרשפּאָרט דעם שרעקלעכן קלאַפּ — ער האָט ניט דערלעבט צום טראַגישן אומקום פון זיין טאָכטער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. גאַליע לעשטשינסקי איז געווען איינע פון די קרבנות פון דעם טייוולאָנישן שווינדל „האָטעל פּאָלסקי".

ער האָט זיך פאַרטיפט אין די שורות פון די ציַיטונגען און זשורנאַלן, אַרטיקעַ און אויסלענדישע, מיט אומגעדולד פון אַ מענטשן, וואָס לייענט לאַנג־דערוואַרטעטע בריוו. און דער ווירבל פון געדאַנקען, וואָס דאָס לייענען האָט אַרויסגערופן, פלעגט זיך אונטער דער ווירקונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער געוואוינהייט, אויסלייגן אין מוח אין פאָרם פון אַ פּובליציסטישן אַרטיקל — אַ קאָמענטאַר צו די געשעענישן פון טאָג. יוסף פלעגט שרייבן אין אַ שנעלן טעמפּאָ, כמעט אָן אויסבעסע־רונגען, ווייל צו דער פעדער האָט ער זיך גענומען ערשט דעמאָלט, ווען דער אַרטיקל האָט אין זיין מוח שוין אָנגענומען אַן ענדגילטיקע פאָרעם.

יעדן טאָג פלעגן די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע אַרומרעדן דעם אינהאַלט פון מאָרגנדיקן נומער פון דער ציַיטונג. דער רעדאַק־ציע־לאָקאַל האָט זיך געפונען אין די ערשטע יאָרן אויפן זעקסטן שטאָק פון אַן אַלט, פינצטער הויז אויף נאַוואַליפּע־גאַס; זיינע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ שמאָלן, טונקעלן הויף. דאָס אַרויפקלעטערן אויפן זעקסטן שטאָק איז פאַר יוספן געווען אַ פּיין. שוין אויפן צווייטן שטאָק פלעגט אים נעמען שטיקן, און ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט דער הוסט אויפגע־טרייסלט זיין גאַנצן קערפּער און אים געצוואונגען זיך צו בייגן אין דרייען. די חברים פון דער רעדאַקציע האָבן שוין פון דער וויטנס דערהערט דעם דאָזיקן שטיקנדיקן הוסט און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ... שפּעטער האָט מען די רעדאַקציע אַריבערגעטראָגן אויפן ערשטן שטאָק, בשכנות מיט דער אַדמיניסטראַציע. דאָס צימער, אין וועלכן יוסיפן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, איז געווען ענג; כמעט די גאַנצע ברייט האָט פאַרנומען אַן אַלטער קרעכצנדיקער טיש, באַ־דעקט מיט טינט־פלעקן. ביים דאָזיקן טיש האָבן געאַרבעט במשך פון יאָרן ה. ערליך, י. כמורנער און ב. מיכאַלעוויטש; שפּעטער האָט מיכאַלעוויטשעס אָרט פאַרנומען ב. שעפנער.

יוסף האָט אַ סך געשריבן, ספּעציעל נאָכן דאַנציגער צוזאַמענפאָר. זיין ספּעציאַליטעט זיינען געווען די פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און יידישע טעמעס. בשעת דער אַרבעט האָט זיך אָפט איבעם אָנגערויכערטן צימער געהערט אַ טרויעריקער גמרא־ניגון: דאָס האָט יוסף, אַן איינגעבויגענער איבער פאַרשריבענע זייטלעך, שטיל אונטערגעזונגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אויך שעפנער גענומען אונטערברומען. אַז די זינגערס זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, פלעגט ה. ערליך אַוועק לייגן די פעדער אין אַ זייט און בעטן זיי זאָלן ווייטער

זינגען.*) די דאָזיקע אידיליע איז נישט איין מאָל צעשטערט געוואָרן בעתן דיסקוטירן אַן אַרטיקל וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. כמורנער האָט עקשנותדיק פאַרטיידיקט נית בלויז זיינע געדאַנקען, נאָר אויך יעדע איינציקע פאָרמולירונג; עס איז געווען כמעט ווי אוממעגלעך צו באַוועגן אים צו מאַכן הנחות. ווי נאָר די דיסקוסיע האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זיך אין רעדאַקציע ווידער איינ־געשטעלט שלום. יוסף האָט אַרויסגענומען פון דער טעקע זיין באַ־שיידענעם פרישטיק — אַ שטיקל ברויט מיט פוטער און אַן עפּל. דער שמועס איז אַריבער אויף אַלטעגלעכע טעמעס. מיט אַן אומעטיקן הומאָר האָט יוסף דערציילט קליינע עפּיזאָדן וועלכע האָבן אילוסטרירט זיין קבצנישן לעבנשטייגער. און ווען ער פלעגט נעמען רעדן וועגן זיינע נאָענטע, וועגן „מיין פאָליע" און „מיין גאַליע", איז זיין שטימע געוואָרן ווייך און וואַרעם.

דעם פערסאָנאַל פון דער „פאָלקסצייטונג" איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ שווערער אַטמאָספער: אויף דער צייטונג האָבן זיך געשאָטן אָן אַ שיעור צרות. אָפט האָבן די אַרבעט איבערגעריסן בייזע טעלעפאָנען פון צענזאָר, וואָס האָט געדראָט מיט פאָליצייאישע רעפּרעסיעס; און נישט איינמאָל בשעת דער נאַכט־וואַך (אַזאַ וואַך האָבן געהאַלטן די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע לויט דער ריי) פלעגן זיך דערהערן הילכיקע טריט פון פאָליציאַנטן, וואָס זיינען געקומען קאָנ־פיסקירן די גאַנצע אויפלאַגע. זייער שווער האָט געדריקט די מיט־אַרבעטער אויך דער פערמאַנענטער פינאַנציעלער קריזיס. נית איין מאָל האָט ער באַדראָט די עקסיסטענץ פון דער צייטונג. דער קריזיס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער נויט אויף דער יידישער גאַס: די צייטונג, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן זייער פּאָפּולער, האָט געהאַט אַ סך מער לייענערס ווי אַבאָנענטן און קויפערס. די אַדמיניסטראַציע האָט געמוזט מאַכן אויסערגעוויינלעכע באַמיאונגען כדי צו קענען סוף וואָך אויסצאָלן אירע מיטאַרבעטערס זייער קליינעם געהאַלט, אָבער נית שטענדיק האָט זיך דאָס איר איינגעגעבן. עטלעכע יוספס קאָלעגן האָבן צופאַרדינט מיט האַלטן רעפעראַטן אויף דער פּראָווינץ, אָבער אים האָט עס נית דערלויבט זיין שוואַכער געזונט, איבערהויפּט אין די ווינטער־חדשים. האָט ער דעריבער געמוזט קאָמבינירן, אָנקלייבן חובות אויף חובות, נויטיקן זיך אין הילף פון נאָענטע מענטשן. ער האָט זיך זעלטן געקלאָגט און נישט איינמאָל געפּרוווט פאַרדעקן אין

---

*) ב. שעפנער, „נאָוואָליפּיע 7", צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, 1956.

זיינע בריוו דעם ביטערן אמת. „דער געוויינלעכער איינגעפירטער ‚סדר׳ איז כמעט ווי נישט געריִרט — שרייבט ער דעם ברודער — און איך גיב זיך לייכט אַן עצה...״ אָבער שוין אין אַ פּאָר שורות ווייטער רייסט זיך אַדורך די זאָרג: „עס רוקט זיך אָן אַ ווינטער, און עפּעס מאָלט ער זיך מיר אין גאָר שוואַרצע פאַרבן. אַלע זיפצן און קרעכצן שווער. אַלץ ברעכט זיך אונטערן לאַסט פון קריזיס״. זומער 1924 דערציילט ער וועגן גרויסע חובות אין „קולטור־ליגע״, וועגן רעדוקציעס און שטענדיקן מאַנגל פון געלט אין דער רעדאַקציע. „אין שול־אָרגאַניזאַציע — שרייבט ער — איז נויט און פּיין; מען מאַטערט זיך ווי פאַרן טויט. עס העלפט אַרויס נאָר די גוטע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום דער שול בכלל און אַרום דער שול־אָרגאַניזאַציע ספּעציעל. אַ רעזאָנאַנס אַ מחיהדיקער, אָבער אַ קאַסע אַ פּוסטע.״

די וואָס האָבן מיט יוספן צוזאַמען געאַרבעט און באַוואונדערט זיין אַרבעטספעאיקייט, האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז נאָר מיטן כח פון זיין ווילן האָט ער ביַיגעקומען דעם ווידערשטאַנד פון זיין אָרגאַניזם. אויך זיין פרוי און טאָכטער פלעגן דאָס נישט באַמערקן. יוסף האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיין קראַנקהייט וואָס האָט אונטערגעזעגט זיין אָרגאַניזם. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז די קראַנקהייט האָט גענומען די אויבערהאַנט; ווען זיין צושטאַנד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט, פלעגן די חברים דאַמאָלט ענערגיש פאָדערן פון אים אַז ער זאָל כאָטש אויף עטלעכע טעג אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט. די זאַמדיקע פליינען וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד הינטער די וואַרשעווער ראַגאַטקעס, האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט מאָלערישקייט, אָבער די לופט, אַדורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון יונגן סאָסנע־וואַלד, איז דאָ געווען ריין, דורכזיכטיק און היילנדיק פאַר די לונגען. פון צייט צו צייט פלעגט יוספס אַלטער חבר פון די ס.ס.־ישע צייטן, זלמן מייזנער, אים אַרויסנעמען צו זיך אין אָטוואָצק. דאָרטן אין די גרויסע זוניקע צימערן, אַרומגעשטעלט מיט טראָפּישע פלאַנצן, האָט געקעמפט מיט איר קראַנקהייט פון שווינדזוכט מייזנערס זעלטן שיינע פרוי, אַ טאַלענטירטע מוזיקערן. יוסף, וואָס האָט געוואוסט פון אייגענער דערפאַרונג, ווי אַזוי די קראַנקהייט ווירקט אויף דער פּסיכיק, האָט זיך געקענט באַגיין מיט דער קראַנקער פאָרזיכטיק און צאַרט. רוזשע מייזנער האָט פאַרזיכערט, אַז יוספס אָנוועזנהייט ווירקט אויף איר בעסער, ווי די אַלע רפואות, וועלכע ס׳האָבן איר פאַרשריבן די דאָקטוירים. ביידע פלעגן זיי שעהן־לאַנג זיצן אויף דער הויכער טעראַסע, פון וואַנען מען האָט געקענט זען די גאַנצע געגנט. דער וואַלד, וואָס האָט זיך געבלויט אויפן האָריזאָנט, האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די ווינטן; די ווייס־

קייט פֿון שניי האָט געבלענדט די אויגן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די שטילקייט איז פּוכיק און ווייס, ווי דער שניי. יוסף האָט גיריק איינגעזאַפּט אין זיך די שטילקייט, די ווייסקייט, די דורכזיכטיקייט פֿון דער לופֿט. אין אַזעלכע אָפּרו־טעג פֿלעגט ער אַ סך לייענען. אַ מאָל האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט שאָלאָכאָווס דריי בענד פֿון „שטילן דאָן" און איז געווען פֿאַרכאַפּט אין לייענען ווי גאָר אין די יונגע יאָרן. אין די געשפּרעכן מיט זיין שכנטע אין אָטוואָצק *) האָט ער נישט אויפֿגעהערט זיך צו אַנטציקן מיט דער קראַפֿט פֿון די כאַראַקטערן, דעם עפּישן שוואונג, דער מאָלערישקייט פֿון די בילדער פֿון דער אוקראַינישער נאַטור.

אין די פֿאַלן, ווען יוספֿס אָרגאַניזם האָט רעאַגירט אויף אַ פֿאַרקילונג באַזונדערס שטאַרק, פֿלעגט דער דאָקטאָר פֿאַראָרדנען לענגערן אָפּרו. דעמאָלט פֿלעגט יוסף אָנפּאַקן אַ גאַנצע וואַליזע מיט ביכער און צייטשריפֿטן און זיך באַזעצן אין מיעדזעשין הינטער וואַרשע, בשכנות מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. דאָ פֿלעגט ער אַרבעטן וויפֿל נאָר די כּוחות האָבן אים דערלויבט, און די אָפּרו־שעהן האָט ער פֿאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די קינדער און פֿון פּערסאָנאַל פֿון דער סאַנאַטאָריע. ער האָט זיך ביסלעכוויז שטאַרק צוגעבונדן צום דאָזיקן איינאַרטיקן קאָלעקטיוו וואָס האָט געשטאַרקט ניט נאָר דעם קינדס גוף, נאָר אויך זיין נשמה. דאָ האָט ער פֿאַר זיך געהאַט אַ אָנשוילעכן בײַשפּיל פֿון סאָציאַליסטישער, פֿון טיף־מענטשלעכער דערציאונג פֿון די קינדער פֿון דער יידישער גאַס; וועגן אַזאַ דערציאונג האָט ער ניט איין מאָל געשריבן אין די שולזשורנאַלן און גערעדט אויף צוזאַמענפֿאָרן. איין מאָל אין אַ שמועס מיטן אַלטן חבר ש. גילינסקי, וואָס האָט דער סאַנאַטאָריע אָפּגעגעבן אַ סך כּוחות, האָט יוסף געזאָגט: „איך פֿלעג צו דיר האָבן טענות, וואָס דו ביזט געוואָרן ווייניקער פּאָליטיש אַקטיוו, אָבער איצט פֿאַרשטיי איך דיך — אין דער דאָזיקער אַרבעט קען מען זיך פֿאַרליבן..."

פֿרילינג 1922 איז יוספֿן געלונגען צו פֿאַרווירקלעכן זיין פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן קיין בערלין באַזוכן זיין ברודער יעקב. פֿאַר זיין קומען האָט יעקב געפּרוּווט אים איבערצייגן צו נעמען אַ לענגערן אורלויב, יוסף האָט אָבער געפֿילט, אַז ס׳קעמפֿן אין אים „צוויי נשמות". ער האָט טאַקע שטאַרק געבענקט נאָך „האָבן כאָטש געציילטע שעהן פֿאַר זיך, פֿאַר פֿרייען אַרומבלאָנקן אין גאַס, אין קאַפֿע, אין טעאַטער, פֿאַר לייענען אַ בוך, פֿאַר אָפּפֿרישן זיך..." אין דער זעלבער צייט פֿילט

*) מיט דער שרייבערין פֿון די דאָזיקע שורות.

ער, אַז די צווייטע נשמה זיינע איז צו טיף „אַריינגעגראָבן אין גאַנצן טומלדיקן אַרום און קאָן זיך כמעט ניט אַרויסרייסן...״ (אַ בריוו פון 21 פעב. 1922).

יוסף האָט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד אַ חודש צייט. במשך פון דער דאָזיקער רייזע האָט ער באַוויזן צו באַזוכן פאַריז און לאָנדאָן אין שליחות פון צישא.

נאָכן צוריקקומען האָט ער זיך מיט פאַרטאָפּלטער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. דעם 14טן מאַי שרייבט ער צו זיין ברודער: „אין וואַרשע איז איצט אַ קאָכיק שטיקל צייט — אַ ריי, אָן אַ צאָל ממש, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן — פראָפעסיאָנעלע, קאָאָפעראַטיווע א. ד. ג. ס׳קאָכט פון וואַל־קאַמפּאַניעס. דערווייל גייט אומעטום די בונדישע גרופּע מיט דערפאָלג, מיט אַ מערהייט לגבי אַלע אַנדערע צוזאַמען. דער עולם איז... פאַרטאָן ביז אַריבער די אויערן. פלענומס דאָ, דאָרטן, זיצונגען אָן אַ שיעור. אַזאַ קאָנטראַסט מיטן לעבן פון אונדזערע קאָלאָניעס אין מערב־איראָפּע. ביי קאַמינסקי בעכטן, אויף אַ שול־מיטינג, ...אַ געפּאַקטער טעאַטער, אַריבער טויזנט מענטשן. און אַזוי אומעטום.״

יעדן זומער, ווען די שטיקנדיקע לופט פון נאַוואָליפּיע און קאַרמעליצקע פלעגט ווערן אומדערטרעגלעך, האָט זיך די משפחה לעשטשינסקי אַריבערגעקליבן הינטער וואַרשע, און יוסף פלעגט אַריבערטראָגן זיין זשורנאַליסטישן וואַרשטאַט אויף דער וועראַנדע פון דער קליינער זומער־וואוינונג. די הינטערשטאָטישע דערפלעך זיינען זומער־צייט געווען געדיכט באַוואוינט און עס האָט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן אָפּזונדערן זיך, אָבער אין דער טרוקענער ריינער לופט האָט זיך גרינגער געאָטעמט, און די אָונט־קילקייט האָט געשמעקט מיט סמאָלע. נישט איין מאָל אין די דאָזיקע שמעקעדיקע אָוונטן, ווען פון וואַלד האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג און דאָס פריילעכע זשומען פון דער יוגנט, פלעגט דער מידער און קראַנקער מענטש זיך אָנלענען אויף דער פאָרענטשע פון דער וועראַנדע און זיך פאַרטיפן אין זיכרונות. אַן אומעט האָט אים אַרומגענומען ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז אַפילו אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער גאָר ניט געקענט זיך זאָרגלאָז און טומלדיק פרייען, אַז אים, ווי ער האָט געשריבן צום ברודער זיינעם, איז גאָר קיין מאָל ניט באַשערט געווען „הנאה צו האָבן פון לעבן אוממיטלבאַר״.

פריינדשאַפט האָט אין יוספס לעבן שטענדיק געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער האָט געהאַט אַ שפּאָר ביסל פריינד אויך אין וואַרשע. מיט די אַקטיווסטע חברים אין דער לינקער ריכטונג האָט אים פאַרבונדן



י. כמורנער אין מיעדזעשין, 1928

צווישן אַ גרופּע מיטאַרבעטער פון דער בונדישער פאָלקס־ציַיטונג. ערשטער פון רעכטס (שטייענדיק) — י. כמורנער

נישט בלויז פּאָליטישע נאָענטקייט, נאָר אויך האַרציקע פּערזענלעכע פריינדשאַפט. אויך מחוץ דער פּאַרטיי האָט יוסף געהאַט גוטע פריינד: מ. זילבערפאַרב, זלמן מייזנער, א״אַנד. פּאָליטישע חלוקי־דעות האָבן ניט צעשטערט זייערע באַציאונגען, כאָטש יוסף האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעהיט פאַר פּאָלעמיק און אין אַ דיסקוסיע איז ער שטענדיק געווען היציק, קאָמפּראָמיסלאָז און שאַרף.

די נייע פריינד האָבן ניט פאַרטריבן פון יוספס זכרון די בילדער פון די אַמאָליקע, וואָס פון זיי איז ער געווען אָפּגעטיילט מיט אַ פאַרשלאָסענער גרענעץ. אין געדאַנק האָט ער אָפט מיט זיי געשמועסט, דיסקוטירט, און געפּרואווט זיי איבערצייגן... אָבער ידיעות סיי וועגן זיי, סיי וועגן דער משפּחה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין רוסלאַנד, פלעגן קומען וואָס אַ מאָל זעלטענער. די ידיעה וועגן דעם פאָטערס טויט אין 1923 יאָר האָט צעכוואַליעט אַ ים מיט זכרונות. זיין שבעה — נישט קיין רעליגיעזע, נאָר טיף עמאָציאָנעלע — איז יוסף אָפּגעזעסן אין איינזאַמקייט. דאָס איז געווען אויך אַ שבעה נאָך זיינע יונגע יאָרן. די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען באַהויכט מיט ראָמאַנטישער בענקשאַפט און ס׳איז געווען אין איינציקער מענטש אין זיין אַרום, וואָס איז געווען מיט זיי צוזאַמענגעבונדן — זיין עלטערער ברודער. בלויז אים האָט יוסף געקאָנט דערציילן אַז ער טראַכט מיט אַזאַ אומרו וועגן זיין אַלטן חבר ליטוואַקאָוון, ווייל ער פילט פון דערווייטנס, אַז יענער איז „אי־בערלעך אומפריי, און אַלע קונצן זיינען זיינע ווי אויף צו דערשטיקן די אייגענע אינערלעכע אומבאַפרידיקטקייט”. דעם נאָך מער נאָענטן פריינד, בער סלוצקי, דערמאָנט ער אין איינעם פון זיינע אומעטיקסטע בריוו, דאַטירט 20 מערץ 1924. ער שרייבט, אַז ס׳איז פּורים אויף דער וועלט, יידיש וואַרשע פּורימט. זיין נשמה אָבער לעבט אין וויטן אַמאָל, און די ווערטער זיינען זיינע שווער ווי בליי: „כ׳ריר אָן אַזוי זעלטן אָט דעם אַמאָל, כ׳שרייב קיינעם, כ׳קאָן איבער דעם בערן ניט שרייבן — אָבער טיף אין האַרצן ליגט ער, אָט דער אַמאָל, און דראָט אַלע מאָל מיך אַרויסצושלאָגן פון גלייכגעוויכט. כ׳האָב אַזאַ פּחד די לעצטע צייט פאַר זכרונות, פאַר אַ חשבון. אַ מאָדנע „פּונם־יאַריד”־שטימונג, וועלכע קימט אויסערלעך, גאָט צו דאַנקען, ניט צום אויסדרוק”. אין די וויי־טערע שורות הערן מיר אַ טיפן ווייטיק פון אַ מענטשן, וואָס זיינע פיזישע כוחות זיינען כמעט ווי אויסגעשעפּט. „איך בין מיד, אַלע אברים לעכצן נאָך רו... ס׳חלשט דאָס האַרץ, דער גאַנצער גוף נאָך זון. ס׳איז מיר קאַלט, דורך און דורך קאַלט. ...כ׳וואַרט אויף וואַרעמע טעג — זיי מוזן דאָך קומען. כ׳וואָלט איצט אַזוי נויטיק באַדאַרפט האָבן אַ ביסל מער כוח און געזונט, כאָטש איבער דער דיסקוסיע

וועגן די קהילה־וואַלן. מיך שרעקט דער אויסגאַנג פון דער דיסקו־סיע... און ווי אויף צו להכעיס בין איך הייַנט געווען אַזוי מיד, אַז כ'האָב אויף איין פוס אָנגעוואָרפן מיין אַרטיקל, און ער געפעלט מיר נישט. די פען איז איצט מיין איינציק געווער — און אַז זי דינט ניט, איז גאָר ביטער.״

נישט זעלטן פלעגט זיך יוסף בונטעווען קעגן דעם סדר לעבן און ער איז מקנא געווען דעם ברודער זיינעם פאַר זיינע מעגלעכקייטן פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. „דו ווייסט גאָרנישט — שרייבט ער אין איינעם פון אַזעלכע מאָמענטן — ווי ביטער ס'איז צו זיין נאָר אַ פּאָליטיק־מענטש אין אונדזערע באַדינגונגען... ביז מען איז אין וואַרשע, איז מען אַזוי פאַרפּלייצט, אַזוי פאַרטשאַדיעט פון דער טאָג־טעגלעכ־קייט...״ ער איילט זיך אָבער צוצוגעבן: „צום גליק, אפשר״... און מיר פילן, אַז אָן די דאָזיקע לעצטע דריי ווערטער וואָלט דאָס בילד געווען איינזייטיק.

צוועלפטער קאַפּיל

יידישע פּראָבלעמען

יוספס פּערזענלעך לעבן איז ווי אַ קליין קרייזל אויף אַ געאָגראַפישער מאַפּע געווען אַריינגעשריבן אין דעם גרויסן קרייז — אינעם לעבן פון לאַנד, וואו אים איז באַשערט געווען צו פאַרברענגען דעם רייפסטן פעריאָד פון זיין לעבן. פאַר פוילן זיינען די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן געווען אַ שווערע איבערברוך־עפּאָכע. דאָס בלאַט פון דער געשיכטע איז שוין געווען איבערגעמישט, אָבער דאָס לאַנד האָט זיך באַפרייט פון די שפּורן פון דער פאַרגאַנגענהייט פּאַמעלעך און שווער. במשך פון הונדערטער יאָר האָט די געאָ־פּאָליטישע לאַגע פון דער קליינער מלוכה, אַריינגעקוועטשט צווישן מזרח און מערב, קאָמפּליצירט איר היסטאָרישן גורל. די דריי צעטיילונגען און דער מלחמה־כאַאָס האָבן איבערגעלאָזט אַ שווערע ירושה. דאָס לאַנד וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט געפּיבערט; די פּאַטאַלע דיספּראָפּאָרץ צווישן פאַרנעם פון די היסטאָרישע פּראָבלעמען און פון די מענטשן אָדער גרופּעס, וואָס האָבן אָט די פּראָבלעמען גערדאַרפט לייזן, האָט געמאַכט דאָס פּאָליטישע לעבן פאַראַדאָקסאַל און כאַאָטיש. אין די רעגירנדיקע קרייזן איז דער פּאַרטייאישער קאַמף פאַרקליינלעכט געוואָרן און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף צווישן אָריענטאַציעס, קליקעס אָדער גאָר צווישן פּערזאָנען. די וויכטיקסטע אויפגאַבע — די אַגראַר־רעפאָרם — איז געבליבן ניט געלייזט. די עפּיגאָנען פון דער שליאַכטע אין די צוויי הויפּט־לאַגערן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר מאַכט — די ענדעקעס און די פּילסודטשיקעס — האָבן די אַגראַררעפאָרם סאַבאָטירט. ווי אַן אָפענע וואונד האָט אין אָרגאַניזם פון לאַנד געאייטערט די נאַציאָנאַלע פראַגע. די צוויי טעריטאָריאַלע פעלקער — אוקראַינער און ווייסרוסן — און דאָס ניט־טעריטאָריאַלע יידישע פאָלק האָבן אָן שום פּעולה געפּרואווט זיך דערשלאָגן צו זייערע נאַציאָנאַלע רעכט. אין דער צייט ווען די ביוראָקראַטישע און מיליטערישע עליטע האָט זיך פאַרשיכורט מיט דער שפּיל אין גרויסמאַכט,

האָבן די דאָרפישע אײנוואוינער געשפּאָלטן אין שוועבעלע אין פירן, עס זאָל לענגער אָנהאַלטן; און פאַר די ראָטהייזער אין די שטעט פלעגן יעדן טאָג אין די פריע באַגינענס אויסוואַקסן פאַרחושכטע מאַסן אַרבעטסלאָזע.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער האָט דער „בונד" געמוזט זײן אַ פּאַרטײ פון אויסגעשפּראָכענער אָפּאָזיציע, סײ פּאָליטיש סײ נאַציאָנאַל. זײן כלי־זײן — די פּאַרטײאישע צײטונג — האָט שאַרף אַרונטערגעריסן די פּאָליטיק פון דער רעגירונג. צווישן די שטענדיקע מיטאַרבעטער אין דער צײטונג איז ניט געווען קײן פאָרמעלע פאַרטײלונג פון פונקציעס; עס האָט זיך שוין פון זיך אַלײן אײנגעשטעלט, אַז דעם אַנאַליז פון דער אינערלעכער פּאָליטיק האָט אויף זיך צום אָפטסטן גענומען ה. ערליך; וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם האָבן געשריבן אי ערליך אי כמורנער — יעדערער אויף זײן שטײגער; די ייִדישע טעמעס האָבן צווישן זיך געטײלט כמורנער און מיכאַלעוויטש.

אין דער רעדאַקציע „פאָלקסצײטונג" און אין דער פּאַרטײ האָט מען געהאַלטן כמורנערן פאַר אײנעם פון די בעסטע קענער פון די ייִדישע פּראָבלעמען. פאַר אים איז די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג געווען ניט פּשוט אײן עלעמענט פון אַלגעמײנעם נאַציאָנאַלן לעבן, נאָר טאַקע דער מוח און דאָס האַרץ פון פאָלק — די קאָנצענטראַציע פון זײן ענערגיע. די אויפגאַבע פון „בונד" איז באַשטאַנען אין אַקטיוויזירן דאָס ייִדישע לעבן אויף אַלע געביטן. האָט דעריבער יוסף געהאַלטן אַז דער „בונד" דאַרף אָנטײלנעמען אין די קהילות — אַ שטאַנדפּונקט, וואָס האָט אין דער בונדישער סביבה, און אויך אין יוספס לינקער פראַקציע, אַרויסגערופן הייסע דיסקוסיעס. אויף דער זעלבער ליניע איז געלעגן יוספס טעטיקײט אין דער צענטראַלער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע אין וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו און נאָך מיכאַלעוויטשעס טויט — דער פאָרזיצער. אויף אַלע צוזאַמענפאָרן פון דער ציש״א האָט ער כסדר פאַרטײדיקט דעם פּרינציפּ פון סאָציאַליסטישער דערציאונג און ער האָט געקעמפט מיט די אילוזיעס פון „אומפּאַרטײאישקײט". די „אומפּאַרטײאישע" — האָט ער געטענהט — זײנען דאָך אין עצם אויך אַ פּאַרטײ. באַשיצן די רעכט פון דער ייִדישער שול — דאָס איז געווען זײן שטענדיקע טעמע אין אַרטיקלען און עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. אין לעבן פון לאַנד האָט די ייִדישע שול זיך שוין געהאַט אויסגעקעמפט אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע; מען האָט זיך נאָך געדאַרפט דערשלאָגן צו דעם, אַז די רעגירונג זאָל אָנערקענען אירע רעכט. י. כמורנער פלעגט אָנווײזן, אַז אײנע פון די גרעסטע מניעות אויפן דאָזיקן וועג איז די

פּאָליטיק פון די ציוניסטן און פון דער אגודה. און ער האָט סיסטע־מאַטיש אַנאַליזירט די טעטיקייט פון די ידישע סיים־דעפּוטאַטן אין זיינע קורצע לייט־אַרטיקלען (די רובריק „פון טאָג צו טאָג״).

דאָס לעבן האָט ניט געקאַרגט קיין מאַטעריאַל פאַר פּאָלעמיק: דער פּובליציסט פון דער „פאָלקסצייטונג״ האָט כסדר דערמאָנט די העברעאיסטן, אַז זייער פּראָפּאַגאַנדע פירט צו אַסימילאַציע (אוסישקינס באַרימטע פראַזע — „עברית או רוסית״). ער האָט דעמאַסקירט די אויפפירונג פון דער ידישער „קאַלאַ״, וואָס האָט אין סיים געשטימט קעגן סובסידיעס פאַר די שולן פון ציש״א. שרייבנדיק וועגן שול־פּראָבלעמען, האָט ער באַוויזן אַז דער תרבות „ליגט אַ שווערן שטיין אויפן וועג פון די ידישע מאַסן צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פון זייער שפּראַך און שול״.

פון צייט צו צייט האָט זיך די פּאָלעמיק אַריבערגעטראָגן אויף דער רעדנער־טריבונע. אויפן „מישפּט איבערן חדר״ האָט יוסף אין דער ראָלע פון פּראָקוראָר געהאַלטן פאַר אַ פיל־קעפּיקן עולם אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע. די רעדע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין דער ידישער בירגערלעכער פּרעסע און דאָס איז פאַר יוספן געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז די אַלטע טראַדיציעס זענען נאָך אויף דער ידישער גאַס גענוג שטאַרק; מוז מען דעריבער פירן דעם קאַמף פאַר וועלט־לעכקייט מיט נאָך מער ענערגיע ווי ביז איצט.

אין זיינע רעדעס און אַרטיקלען איז יוסף געבליבן געטריי זיך אַליין. ער האָט געהאַלטן ,אַז אויך ביים לייזן פּראָבלעמען פון ידישן לעבן מוז מען זיין ראַדיקאַל און קאָמפּראָמיסלאָז. זיין נאַציאָנאַלער געפיל האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרוואַנדלט אין אַן ענגן נאַציאָנאַ־ליזם. ספּעציעל בולט איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין זיין באַציאונג צו דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם פון שבתדיקן רוטאָג. צו ענג איז י. כמורנער געווען פאַרבונדן מיט די ידישע מאַסן, אַז ער זאָל זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון וועגן דער ראָל פון שבת אין ידישן סאָ־ציאַלן און משפּחה־שטייגער. דער שבת איז שוין לאַנג געהאַט אַריבער־געוואַקסן די ראַמען פון אַ ריין רעליגיעזער אינסטיטוציע. כמורנער האָט אָבער ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער באַזונדערער „נאַציאָנאַלער״ רוטאָג האַלט אונטער די איזאָלאַציע פון די ידישע אַרבעטער און ער שטערט זיי אין דער דערנעענטערונג מיט די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. די אינטערעסן פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, וואָס זיינען פאַר כמורנערן געווען דאָס העכסטע געזעץ, האָבן געפאָדערט, אַז אַלע אַרבעטנדיקע אין לאַנד זאָלן האָבן אַ געמיינזאַמען רוטאָג. מען האָט אָבער געדאַרפט, לויט כמורנערס

מיינונג, פֿאָדערן, אַז דער געזעץ וועגן רוטאָג זאָל נישט אָננעמען קיין כאַראַקטער פֿון דיסקרימינאַציע; ס׳איז געווען אומבאַדינגט נייטיק אויפֿצוקלערן די פּראַגע דעם אַוואַנגאַרד פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס, איידער דער געזעץ וועט אָנגענומען ווערן.

די איזאָלאַציע פֿון די יידישע מאַסן האָט כמורנערן ניט אויפֿגעהערט צו באַאומרואיקן. צו דער דאָזיקער טעמע קערט ער זיך כסדר אום ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. מיט פֿאַרביטערונג שטעלט ער פֿעסט אין „שול און לעבן" (12טער מאַי, 1922), אַז פֿאַרן רוב פּוילישע אַרבעטער זיינען די קולטור־באַדערפֿענישן פֿון זייערע יידישע חברים אַ בוך הינטער זיבן שלעסער. אין דעם פֿאַקט, וואָס די פּעפּעסאָווצעס פֿלעגן אין די שטאַטראַטן שטימען קעגן סובסידיעס פֿאַר די יידישע שולן, האָט כמורנער געזען פּאָלאָניזאַטאָרישן שאָוויניזם; אַן ענלעכע דערשיינונג האָט ער אויך קאָנסטאַטירט ביי די קאָמוניסטן, וואָס האָבן עקשנותדיק באַהאַנדלט די פּאָסטולאַטן פֿון קולטור־אויטאָנאָמיע ווי „סעפּאַראַטיסטישע" אַפּיקורסות. אַנאַליזירנדיק די דאָזיקע שטימונגען, האָט כמורנער דאָך געהאָפֿט, אַז די פֿאַראייניקונג פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג וועט העלפֿן ליקווידירן די נאַציאָנאַליסטישע פֿאָראורטיילן.

אין 1922 האָט ער אין אַ סעריע אַרטיקלען געגעבן אַן איבערזיכט פֿון די אידעאָלאָגיעס פֿון פֿאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען און גרופּעס. די דאָזיקע סעריע האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן דעם 26טן מאַי אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „ווען איז אָנגעצייכנט צום לעבן, ווען צום שטאַרבן". דער מחבר גיט דאָרט אַ שאַרפֿע כאַראַקטעריסטיק פֿון די רעשטלעך „פֿאַראייניקטע", וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם „עמיגראַציע־פֿאַרבאַנד". ער שוינט דאָרט אויך ניט דעם אָפּשטאַם פֿון זייער אידעאָלאָגיע — די ריכטונג, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געהאָלפֿן צו בויען. איצט זעט כמורנער דעם יסוד פֿון עסעסיזם אין דער ניהיליסטישער באַציאונג צום גלות. „אַ מענטש, וואָס פּריידיקט היינט צו טאָג די בויטוועדיקייט פֿון עמיגראַציע — שרייבט ער — גייט... אַרום אַ פֿאַרסמטער, אַן אונטערגעשניטענער"; פֿאַר אַזאַ מענטשן איז „קיין שעפֿערישע באַהעפֿטונג מיט דער אמתער ווירקלעכקייט ניט מעגלעך." יעדער אַרטיקל פֿאַרענדיקט זיך מיטן אורטייל: „צוריק צו דער פֿאַרגאַנגענהייט איז קיין וועג ניטאָ".

אין אַנדערע אַרטיקלען דעקט כמורנער אויף די סתירות אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון די פּועלי־ציון, וואָס זיינען געצוואונגען צו „טיילן זייער ליבע צווישן ציוניסטישן קאָנגרעס און סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל". די ציוניסטישע באַוועגונג — ווייזט ער אָן —

איז אַרויסגעוואַקסן פון דער געדיכטער קליינבירגערלעכער סטיכיע, וואָס איז דעם סאָציאַליזם פרעמד. פון דעם שטאַמט די צעצווייטקייט ביי די פּ.צ., „דאָס שטענדיקע ראַנגלען זיך צווישן צוויי קעגנזעצלעכע וועלט־אַנשויאונגען און דאָס שטרעבן אויסצוגעפינען אַ סינטעזע, וואָס זאָל... ניט „שאָקירן" מיט איר ציוניסטישן פּרצוף".

כמורנערס פּאָליטישע קעגנער האָבן נאַטירלעך ניט געשוויגן. „איך ווער באַשאָסן פון אַלע זייטן — שרייבט ער דעם 19טן יולי 1922 צו זיין ברודער: ליטוואַק העצט קעגן מיר..., די „פּאַראייניקטע" אין זייער צוקונפטלאָזער „צוקונפט" טאַנצן אים נאָך..., פון די פּ.צ.־קעס איז אָפּגערעדט... הכלל, אַן אמתע בלאָקאַדע... כ'האָב אַפילו קנאַפּ חשק צו פירן פּאָלעמיק מיט זיי, בפרט ווען זיי האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון פּערזענלעכע... אָנפאַלן אָנשטאָט זאַכלעכער און אָנשטענדיקער פּאָלעמיק".

פּאָלעמיזירנדיק מיט זיינע פריערדיקע חברים, אָדער בעסער געזאָגט, מיט זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט, האָט י. כמורנער ניט געשאַנעוועט אויך יענע, וואָס ער האָט זיך מיט זיי צעשיידט ערב זיין אָפּפאָר קיין פוילן. אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק, ניט געקוקט אויף איר שאַרפן טאָן, איז ניטאָ קיין פּערזענלעכע ביטערקייט; אין דיסקוסיעס האָט זיך יוסף בכלל זעלטן דערלויבט אויף פּערזענלעכע אָנפאַלן. אין זיין אַרטיקל „די יסורים פון די יידישע סעקציעס" (23טער מאַי, 1922) מאָלט ער אַ טרויעריק בילד פון דער טעטיקייט פון די אָרגאַנען, וואָס פירן אָן מיט דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע סעקציעס, לויט אים, „לעקן ניט קיין האָניק", ווייל די קאָמפּאַרטיי איז אין תוך געבליבן געטריי אירע „איסקריסטישע" טראַדיציעס. די סעקציעס, וואָס אונטער דער אייבערפלאַך ווערן זיי צעריסן פונעם קאַמף צווישן די אויטאָנאָמיסטן און די ליקווידאַטאָרן, זיינען אַ פרעמדער קערפּער אין דעם אָרגאַניזם פון דער פּאַרטיי; זיי פירן אַ ראַכיטישע עקסיסטענץ. דאָס איז „אַ גרויסער אַפּאַראַט, אָבער אַ גולמדיקער, אָן רוח־חיים". אויך דער קאָמבונד, וואָס איז אַריין אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כלומרשט אויף אויטאָנאָמישע יסודות, איז פּאַקטיש נישט זעלבשטענדיק („אַ סוף פון אַן אָנשטעל", „פּאָלקסצייטונג", יאַנואַר 1923).

יוסף האָט ניט געגלייבט אין קיין קולטור, וואָס ווערט רעגולירט פון אויבן. ער ווייזט אָן אויף אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: אויף דער באַראַטונג פון די יידסעקציעס אין 1924 האָבן אסתר און טשעמערינסקי געמוזט אָנערקענען, אַז די יידישע אַרבעטער אין ראַטפאַרבאַנד זיינען איצטער ווייניקער אַקטיוו, ווי אין די צייטן פון דעם „קליינ־

בירגערלעכן, נאַציאָנאַליסטישן „בונד". („אין אַ פּאַרכישופטן קרייז", „פאָלקסצייטונג" נומ. 116, 1924). יוסף האָט כסדר געטענהט: די שעפּער פון קולטור זיינען די פּאָליטיש אַקטיווע מאַסן; די יידישע ווירקלעכקייט האָט ניט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין טיפּ פון אַן אומפּאַרטייאישן ראַדיקאַלן אינטעליגענט. די קליינבירגערלעכע סביבה איז געווען פּאַסיוו און קאָנסערוואַטיוו. דעריבער — האָט כמורנער געהאַלטן, אַז אויף דער יידישער גאַס זיינען די אַרבעטער־טוער די קולטור־טוער. דער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן דער העגעמאָן אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט ניט צוליב זיין אַגרעסיווקייט, נאָר צוליב דער פּאַסיווקייט פון די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. די דאָזיקע געדאַנקען האָט כמורנער אַרויסגעבראַכט אין דער פּאָלעמיק מיט דער „איניציאַטיוו־גרופּע קולטור־ליגע". („צוויי שיטות", 1טער דעצעמבער, 1922). דער מחבר באַמיט זיך צו איבערצייגן די פאָרשטייערס פון דער אומפּאַרטייאישער אינטעליגענץ, אַז אַן ענגער בונד צווישן דער קולטור־טעטיקייט און דער אַרבעטער־באַוועגונג נעמט ניט אַוועק פון זיי זייער זעלבשטענדיקייט. די געשיכטע גופא האָט פאַרבונדן די אַרבעטער־באַוועגונג מיטן קולטור־רענעסאַנס. אין אַן אויספירלעכן אַרטיקל „דער 100יאָריקער יובל פון דער יידישער פּרעסע" („פאָלקסצייטונג", 19טער יאַנואַר, 1924) פאָלגט כמורנער נאָך דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער פאָלקשפּראַך אויפן באָדן פון דער סאָציאַלער דערוואַכונג: במשך פון 100 יאָר האָט די דאָזיקע שפּראַך דורכגעמאַכט אַ גרויסע עוואָלוציע — פון אַמאָליקן פּרימיטיוון דייטשמערישן קלייַנעם זשורנאַל ביז צו דער ליטעראַטור און פּרעסע פון אונזער צייט. ער באַווייזט, אַז די פאַרבינדונג פון „יידיש" מיט „וועלטלעך", וואָס אונדזער אויער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו דעם, איז ניט קיין צופאַל. „צווישן די דאָזיקע צוויי באַגריפן עקסיסטירט אַן ענגע פאַרבינדונג וואָס די געשיכטע אַליין האָט געשאַפן. דאָס יידישע לעבן באַפרייט זיך מיט מי־און־מאַטער פון דער רעליגיעזער טראַדיציע; יידיש — דאָס איז דער סימבאָל פון אַ וואָך, וואָס מאָנט אירע רעכט, וואָס וויל זיך אָפּרייסן פון שבת". דער מחבר שטעלט פעסט: אויב ניט די גאַנצע יידישע פּרעסע איז וועלטלעך, איז אָבער די גאַנצע וועלטלעכע פּרעסע — יידיש.

דאָס קריטיקירן די טעטיקייט פון די יידישע פּאַרטייען, אָנהייבנדיק פון דער אגודה און ענדיקנדיק מיטן קאָמבונד, איז געווען איינע פון כמורנערס שטענדיקע פונקציעס. עס זיינען אָבער געווען מאָמענטן, ווען די אַטאַקעס אויף די פּאָזיציעס פון די קעגנערס פלעגן ווערן באַזונדערס אינטענסיוו. אַזאַ מאָמענט איז, למשל, געווען די וואַל־

קאַמפּאַניע צום סיום אין 1922. דער הויפּט אָביעקט פון דער אַטאַקע איז געווען דער נאַציאָנאַל־בלאָק, צו וועלכן ס'האָבן אין אָנהייב געהערט די ציוניסטן, די אגודה, דער סוחרים־פאַראיין און די פאָלקיסטן. („כלל־ישראל־בלאָק”, „פאָלקסצייטונג”, 18טער סעפּטעמבער, 1922). כמורנער דעקט אויף די אידעענלאָזיקייט פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַנטי־גלותיסטן מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם לעבן אין גלות, אָנהענגערס פון וועלטלעכקייט מיט פרומאַקעס, נאַציאָנאַליסטן מיט אַסימילאַטאָרן. „אין דעם דאָזיקן געמיש — זאָגט כמורנער — איז אגב־אורחא ניט פאַראַן קיין שום אומדערוואַרטקייט: דער יידישער מיטלשטאַנד האָט אַלע מאָל געקענט פאַראייניקן זיין ליבע צו ציון מיט פּראַקטישער אַסימילאַציע. אין אַ געוויסן זין איז דעם דאָזיקן בלאָק באַשערט געווען צו שפּילן אַ פּאָזיטיווע ראָלע: ער פירט דורך אַ שאַרפע שיידליניע צווישן צוויי מחנות: אין איין מחנה וועט זיך געפינען אַלץ וואָס איז רעאַקציאָנער און שוואַרץ אָדער אַפילו גרוי, אין דער צווייטער וועלן זיין די אַלע וואָס זעען און פאַרשטייען, אַז נאָר די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי קען באמת שיצן און באַוואָרענען זייערע אינטערעסן”. דאָס וואָס די פאָלקיסטן זיינען מיט דער צייט אַרויסגעטראָטן פונעם בלאָק האָט לויט כמורנערן געהאַט אַ קנאַפּן באַטייט. די דאָזיקע פאָרשטייערס פון דער יידישער קליינבירגערלעכער שיטה מיט זייער סענטימענט פאַר פּאַטריאַרכאַלישקייט און טראַדיציע — האָבן קיין מאָל ניט פאַרנומען קיין קאַמף־פּאָזיציע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די יידישע מאַסן — האָט כמורנער געטענהט — האָבן ניט וואָס צו דערוואַרטן פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. זיי האָבן אויך ניט וואָס צו דערוואַרטן פון די היגע קאָמוניסטן, וואָס פירן אַן ענערגישע וואַל־קאַמפּאַניע אויף דער יידישער גאַס. אין אַרטיקל „וואָס מיר וואַרפן אייך פאָר” („פאָלקסצייטונג”, 8טער אָקטאָבער 1922) רעכנט י. כמורנער אויס די חטאים פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: אומטאָלעראַנץ, דעמאַגאָגיע, גלייכגילטיקייט צו די קולטור־באַדערפענישן פונעם יידישן אַרבעטער.

די טעמע וועגן צוזאַמענאַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ און די פאָלקסמאַסן, וואָס כמורנער האָט זי שוין ניט איין מאָל געהאַט באַרירט, איז אין דער צייט פון די וואַלן געוואָרן באַזונדערס אַקטועל. דער מחבר פון אַרטיקל „מיט וועמען וועלן זיי גיין?” איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון דער אינטעליגענץ איז די אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָבער זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דער אינטעליגענץ: צו בולט איז געווען איר אָפּגעריסנקייט פון די פאָלקסמאַסן. די מאַסן — האָט ער אָנגעוויזן — פילן שטאַרק

די דאָזיקע אָפּגעפרעמדטקייט, ווייל זיי קומט אויס צו שאַפן קולטור־ווערטן כמעט ווי אָן דער הילף פון אינטעלעקטועלע כוחות. די דאָזיקע אָפּגעפרעמדטקייט שלאָגט ווייטאָקדיק אויף די אינטעליגענץ גופא, ווייל זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מין קולטורעלן נע־ונד, וואָס האָט פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו שעפּן לעבעדיקע זאַפטן פון דעם פאָלקסבאָדן.

אין אַ שפּעטערדיקן אַרטיקל „וועגן מיטלויפער און מיטלויפעריי" 22טער מאַי, 1925) אַנאַליזירט י. כמורנער אויך אַנדערע עלעמענטן פון דער אינטעליגענץ — די גרופּע יידישיסטן, וואָס פלעגט אין אַזאַ אָדער אַנדער מאָס זיין פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע פאַרבינדונג — ווייזט ער אָן — ווערט שטאַרקער אין מאָמענטן, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג גייט באַרג־אַרויף, און איז שוואַכער אין צייטן, ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז צוריקגעשטויסן. אין צייטן פון רעאַקציע פלעגט ווערן גאָר בולט דער חילוק צווישן דעם „יידישיזם" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם „יידישיזם" פון די מיט־לויפערס. פאַרן בונדיסט איז יידיש שטענדיק געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין וועלט־אַנשויאונג. אין זיין דראַנג צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע לעבן, האָט ער געקעמפט סיי מיט דער בורזשואַזער אַסימילאַציע, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די פאָלקסשפּראַך, סיי מיט די ציוניסטישע פּרואוון צו רעסטאַווירן דעם טראַדיציאָנעל־געהייליקטן לשון־קודש. דעם בונדיסט איז פרעמד די קאָנצעפּציע פון יידישיזם ווי אַ באַזונדערע דאָקטרין. אַנדערש האָט עס אויסגעזען ביי יענער גרופּע אינטעליגענץ, וואָס איז געקומען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג קודם־כל צוליב איר קאַמף פאַר יידיש. אין 1907, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון פּאָליטישער רעאַקציע, האָבן אַ סך פון אָט די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אינטעליגענטן זיך לייכט אָפּגעזאָגט פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ריינע קולטור־טרעגער. אין אונדזער צייט איז די אינטעליגענטן־גרופּע פון דעם מין — די „אומאָפּהענגיקע פּראַקציע", וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט איר אַני־מאמין אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ציש״א. אין זיין כאַראַקטעריסטיק האָט י. כמורנער אונטערגעשטראָכן, אַז מיט־לויפעריי איז בעצם אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן אָפּאָרטוניזם און טיפּיש־אינטעליגענטישע גריבלעריי אין דער סביבה פון די מיטלויפערס.

פרילינג 1924 האָט די אָנפירונג פון „בונד" געהאַט פאַר זיך אַ פּראָבלעם פון אָנטיילנעמען אין די קהילה־וואַלן. אַלע אַנדערע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך אַקטיוו געגרייט צו דער וואַל־קאַמפּאַניע. די דיסקוסיע וועגן אָנטייל אין די קהילות האָט זיך געפירט אין די בונדישע

קריזן אויפֿן פֿאָן פֿונעם פֿאַרשטאַרקטן קאַמף קעגן דער אַגרעסיווקייט פֿונעם רעאַקציאָנערן קלער אויף דער יידישער גאַס. די דאָזיקע אַגרעסיווקייט איז געוואָקסן פּאַראַלעל מיטן וואוקס פֿון שאָוויניזם און אַנטי־סעמיטיזם אין דער פּוילישער סביבה. ניט נאָר אויף דער פּראָווינץ, וואו דעם „בונד" און דעם יוגנט־בונד „צוקונפֿט" איז כסדר אויסגעקומען אָפּצושלאָגן אַטאַקעס פֿון פֿאַנאַטישע פֿרומאַקעס, נאָר אויך אין וואַרשע איז ניט דורכגעגאַנגען קיין וואָך אָן אַ צונויפֿשטויס. אָנפֿאַלן אויף יוגנטלעכע פֿאַרקויפֿערס פֿון דער שבתדיקער „פֿאָלקסצייטונג" זיינען געווען אַ שטענדיקע דערשיינונג. אין פֿעברואַר 1924 האָט דער וואַרשעווער ראַבינאַט אַריינגעלייגט אין חרם דעם בונדישן אָרגאַן. דער דאָזיקער פּרואוו אויפֿצולעבן דעם מיטלאַלטער האָט אַרויסגערופֿן אַ מאַסן־פּראָטעסט אין דער אַרבעטער־סביבה. אויף דער אַטאַקע האָט דער „בונד" געענטפֿערט מיט אַן ענערגישער פּרעסע־קאַמפּאַניע, וואָס האָט פֿאַרגרעסערט דעם טיראַזש פֿון דער צייטונג. אונטערן איינדרוק פֿון די אַלע געשעענישן איז זיך אין אַפּריל צונויפֿגעקומען דער בונדישער אַקטיוו אויף אַ באַראַטונג וועגן די קהילה־וואַלן. אַ סך דעלעגאַטן פֿון די גרויסע שטעט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן אָנטייל אין די וואַלן אויף אַ שטרענג אויסגעהאַלטענער אַנטי־קלעריקאַלער פּלאַטפֿאָרם, אָבער די מערהייט פֿון די אָנטיילנעמער — און צווישן זיי די מערהייט פֿון דער לינקער ריכטונג — האָט געשטימט קעגן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. ערב דער באַראַטונג האָט די „פֿאָלקסצייטונג" געווידמעט אירע שפּאַלטן צו דער אויספֿירלעכער דיסקוסיע, און כמורנער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל אַרטיקלען וועגן די קהילות. אין איינעם פֿון זיי באַווייזט ער: „מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די אָנגעהעריקייט צו דער קהילה איז אַ צוואַנג; דערפֿאַר טאָרן ניט די שטייער־צאָלער זיך אָפּזאָגן פֿונעם קאָנטראָל איבערן קהלה־בודזשעט. די קהלה איז סוף כל סוף אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון אַ שטאָט. אמת, לויטן געזעץ פֿירט זי אויס נאָר רעליגיעזע פֿונקציעס, אָבער מען קען קעמפֿן פֿאַר דער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון איר טעטיקייט. עס איז מעגלעך, אַז די בורזשואַזע פּאַרטייען וועלן אויך פֿאָדערן אויסצוברייטערן אירע קאָמפּעטענצן, אָבער קיינער חוץ דעם „בונד" וועט זיך ניט אַנגאַזשירן אין אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער אַנטי־קלעריקאַלער פּאָליטיק. שוין די וואַל־קאַמפּאַניע אַליין וועט געבן דעם „בונד" אַ מעגלעכקייט צו קומען מיט זיין פּראָגראַם צו אַזעלכע שיכטן פֿון דער פֿאָלקסמאַסע, צו וועלכע די פּאַרטיי האָט ביז איצט קיין צוטריט ניט געהאַט." דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופֿן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע. כמורנערס קעגנער האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אַן אוטאָפּיע

צו מיינען, אַז מען וועט קענען אַריינטראָגן אין דער טעטיקייט פון די קהילות אַ וועלטלעכן עלעמענט. איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון באַטייליקן זיך אין די קהילות איז געווען יוספס נאָענטער חבר, חיים וואַסער.

די רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג האָט נישט געהאַט קיין צוואַנג־כאַראַקטער, און דער צ.ק. פון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז די פּאַרטיי זאָל יאָ גיין צו די וואַלן. שפּעטער, ווען י. כמורנער האָט געמאַכט אַ סך־הכל פון דער וואַל־קאַמפּאַניע, האָט ער מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט (מאַי, 1924): „מיר זיינען געווען גערעכט". די ווירקלעכקייט — האָט ער געטענהט — האָט באַשטעטיקט זיינע דערוואַרטונגען; די וואַלן האָבן דעם „בונד" געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט נייע שיכטן פון פּוילישן יידנטום. איצט — האָט ער געהאַלטן — האָבן מיר ניט קיין רעכט איבערצולאָזן די דאָזיקע מאַסן אויף הפקר. די רעאַקציאָנערע קהילה דאַרף ווערן איינע פון די פּאָזיציעס פאַרן קאַמף קעגן דער רעאַקציע.

פירנדיק די קאַמפּאַניע מיט גרויסן ברען, האָט י. כמורנער געשעפּט זיינע כוחות פונעם גלויבן אין דער רעוואָלוציאָנערער מיסיע פון „בונד" אין יידישן לעבן. אין דער צייט — האָט ער געשריבן — ווען פאַר די ציוניסטן „איז דער אַלטער שטיבל הייליק, נאָר זיי וואָלטן אים געוואָלט באַדעקן מיט אַ ביסל היינטוועלטישן לאַק..., ווילן מיר אויסקערן דעם שטיבל, אַז קיין זכר זאָל פון אים ניט בלייבן. ריין און ציכטיק, ליכטיק און פריי זאָל ווערן אין יידישן לעבן..."

אַרום איז געדיכטער געוואָרן דער גראָער בין־השמשות פון פּאָליטישער רעאַקציע און עקאָנאָמישן קריזיס. אויפן פערזענלעכן פראָנט האָבן דעם שרייבער געמאַטערט די נויט און די קראַנקהייט. נאָר ווי אַ מיראַזש אין מדבר פלעגט פאַרן קעמפער, וואָס זיין כלי־זיין איז געווען די פעדער, אויפשטיין די געשטאַלט פון פאָלק — אויסגעגלייכטן אין זיין גאַנצער גרויס.

דרייצנטער קאַפּיטל

אין ברען פון דיסקוסיעס

י. כמורנערס פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שטרענגער לאָגיק; אַ געוויסנהאַפטער אָפּאָנענט האָט דעריבער געמוזט אַטאַקירן ניט אַזוי זיינע אויספירן, ווי דעם אויסגאַנגפּונקט. אין געביט פון יידישע פּראָבלעמען האָט כמורנער זיינע אַרגומענטן געבויט אויף צוויי פּרינציפּן: דאָאיקייט און זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. שרייבנדיק וועגן אַלגעמיינע פּראַגן, האָט ער שטענדיק געבויט אויף דער הנחה, אַז דער געבאָט פון דער נאָך־מלחמה־תקופה איז: פּאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס פון פּאַרשיידענע לענדער מיטן ציל ראַדיקאַל איבערצובויען די געזעלשאַפט. די פּאַר־ווירקלעכונג פון אָט דעם געבאָט, האָט ער געהאַלטן, דאַרף זיין דער יסוד פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק; ער האָט אָבער ניכטער אָפּגעשאַצט די שטערונגען, וואָס ליגן אויפן וועג צום דאָזיקן ציל. ער האָט שאַרף קריטיקירט די פּעלערן און חטאים פון ביידע אינטער־נאַציאָנאַלן; דער לייענער האָט אָבער געפילט, אַז ער שטעלט נישט קיין גלייכצייכן צווישן זיי — נישט באַוואוסטזיניק און נישט עמאָציאָ־נעל, וואָרעם זיינע פּאָליטישע אָפּשאַצונגען האָט ער געבויט אויף איין קריטעריום — אויף דער גרייטקייט צו פּאַרווירקלעכן די פּראָגראַם פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל — האָט ער באַטאָנט — איז נישט געקוקט אויף אַלע זיינע חטאים, אַן אינטער־נאַציאָנאַל פון טאַט, בעת דער צווייטער, וואָס פירט די רעפּאָרמיסטישע פּאָליטיק, זאָגט זיך אָפּ צו דערפילן זיין היסטאָרישע אויפגאַבע. דער־פּאַר איז כמורנערס קריטיק פון דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַל געווען אַן אויסערסט ליידנשאַפטלעכע. אומדערמידלעך האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די איינפלוסרייכ־סטע פּאַרטיי אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט מיט איר טאַקטיק אין מאָמענט פון געזעלשאַפטלעכן אויפברויז נישט באַוויזן איינצוהאַלטן

די מאַכט אין אירע הענט און, בכן, האָט זי פאַרהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַ צאָל אייראָפּעאישע לענדער.

די דאָזיקע פּאַרטיי — האָט ער געטענהט — וואָס האָט אין דער פאַרמלחמהדיקער עפּאָכע אָנגעזאַמלט אַזוי פיל כּחות, גייט די לעצטע יאָרן פון איין מפּלה צו דער צווייטער און זי פאַרלירט כּסדר איר אָנשפּאַר אין די מאַסן. ווייל „...די מאַסן קענען ניט באַנעמען די טיפע הכמה פון קאָמפּליצירטע פאַרלאַמענטאַרישע קאָמבינאַציעס און דריידלעך". („די פרוכט פון קאָאַליציע־פּאָליטיק", „אונזער פאָלקסצייטונג", נ' 47, 1924.) מיט גרויס פאַרביטערונג האָט כמורנער געשריבן וועגן דעם, אַז דער לאָנדאָנער, ווינער און אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן האָבן בשותּפות ניט געקענט צוקלערן קיין בעסערן ענטפער אויף דער פראַנצייזישער מיליטערישער אָקופּאַציע פון רור־געביט, ווי אַ ווענדונג צו דער פעלקער־ליגע. דאָס פאַררופן זיך אויף דער אַפּאַטיע פון די מאַסן און אויף זייער כלומרשטער אומפעאיקייט צו געמיינזאַמער פּראָטעסט־אַקציע, האָט כמורנער באַטראַכט ווי אַ מין פּחדנות. די מאַסן — זאָגט ער — דאַרף מען וועקן און רופן צו טאַט; אָנשטאָט זיך אונטערצוגעבן די דעפּעטיסטישע שטימונגען, דאַרף זיי דער אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס באַקעמפן. („גוטע רעזאָלוציעס און שלעכטע מעשים", 18טער פעברואַר, 1922).

מיט גרויס אומרו האָט כמורנער נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער בערלינער באַראַטונג פון דעם 2טן, דעם ווינער, און דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַלן. אין אַן אַרטיקל „די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ" שטעלט ער מיט ווייטאָק פעסט, אַז דער תּהום צווישןביידע לאַגערן איז זייער טיף: „דאָס זיינען צוויי אין גאַנצן אַנטקעגנגעשטעלטע שיטות — אַ שיטה פון קאָמפּראָמיסן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און אַ שיטה פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן דעם אַלטן סדר". די דאָזיקע צוויי עיקרים האָבן זיך לויט אים פאַרקערפּערט אין די צוויי רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענלעכקייטן פון די ביידע אינטערנאַציאָנאַלן — מאַקדאָנאַלד און בוכאַרין. כאַראַקטעריזירנדיק מאַקדאָנאַלדן, ווי אַ נאַאיוון און ווייכהאַרציקן אידעאַליסט, שטעלט כמורנער אים אַנטקעגן בוכאַרינען — אַ פאַנאַטיקער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אָן פּשרות, אַ זון פון אַ לאַנד וואָס שטעלט זיך עקשנותדיק אַנטקעגן דעם אָנגריף פון דער בורזשואַזער וועלט. י. כמורנער שטעלט זיך די פראַגע: וועט דער נייער פּרואוו צו פאַרשטענדיקן זיך ווערן אַן אימפּולס צו פאַראייניקונג, אָדער ער וועט נאָך מער פאַרשאַרפן דעם ברודערקריג? כמורנער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז די סתירות קענען אויסגעלעבט ווערן נאָר אינעווייניק, אין די ראַמען

פון דער אַרבעטער־באַוועגונג גופא. „די פראַגע — שרייבט ער — שטייט דאָך אַזוי: ביז דער היסטאָרישער שטרייט צווישן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און רעפאָרמיזם וועט געלייזט ווערן, צי זאָל מען לאָזן די אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם אומבאַהאָלפענעם צושטאַנד, אין וועלכן זי געפינט זיך איצט, אָדער מען מוז שטרעבן צו מאַקסימום איינהייטלעכקייט און געמיינזאַקייט, פירנדיק דעם אידעאישן קאַמף אין די ראַמען פון אָט דער איינהייטלעכקייט?"

די בערלינער קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל: די פאָרשטייערס פון דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג צונויפצורופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס. אין „אַ בריוו פון בערלין" דערקלערט כמורנער דעם דאָזיקן באַשלוס אַזוי. אין צענטער פון דער פאָליטיק פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל שטייט דער פאַרביסענער קאַמף קעגן קאָמוניזם; „די דאָזיקע פיינטשאַפט ...פאַרשטעלט פאַר זייערע אויגן די גאַנצע ערנסטקייט פון דער סיטואַציע אין וועלכער די אַרבעטערשאַפט געפינט זיך."

אין עטלעכע חדשים אַרום איז דעם מחבר פון יענע שורות אויסגעקומען איבערצולעבן אַ נייע אַנטוישונג: אין די רייען פון די דייטשע „אומאָפּהענגיקע", וואָס האָבן זיך פריער געהאַט צעבונטעוועט קעגן דעם רעפאָרמיזם, האָבן זיך איצט באַוויזן טענדענצן פון צוריקגיין צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מוטער־פּאַרטיי. אין זיין אַרטיקל „די דייטשע אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי אויפן שיידוועג" שטעלט כמורנער פעסט, אַז דער מיקראָב פון זעלבסטליקווידאַציע האָט זיך שוין לאַנג געהאַט באַזעצט אין דער דאָזיקער גרופּע. די ווידער־פאַראייניקונג — פאַרזיכערט ער — וועט זיין אַ קאַפּיטולאַציע, ווייל די פירער פון דער ס.ד. פּאַרטיי וועלן דאָך אויך ווייטער פאַרבלייבן רעפאָרמיסטן אין דער טעאָריע און אָפּאָרטוניסטן אין דער פּראַקטיק. די דאָזיקע טאַקטיק וועקט אַ שטאַרקן אומרו גראַד איצט, אין אַ צייט פון אָנגריף פון רעאַקציע, וואָס זיין דראָענדיקער סימפּטאָם איז געווען דער מאָרד פון ראַטענאַו.

אין זיין סך־הכל פון יאָר 1923 קומט כמורנער צום אויספיר, אַז ביידע פליגלען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פירנדיק אַ דיאַמעטראַל־קעגנזאַצלעכע פּאָליטיק, האָבן גורם געווען שווערע קלעפּ פאַר דער פאַראייניקונג. אין 2טן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך קלאָר אָנגעצייכנט אַ טענדענץ פון צעברעקלונג: ער ווערט בהדרגה פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישן צונויפנעם פון פּאַרטייען, וואָס יעדע פון זיי קלערט קודם־כל וועגן אירע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן (אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל זיינען די פראַנצייזישע און די בעלגישע פּאַרטייען, וואָס

האָבן געגעבן זייער הסכמה צום ווערסאַלער טראַקטאַט). פונקט אַ פאַרקערטע אָבער אַ ניט וויניקער געפערלעכע עוואָלוציע מאַכט דורך דער קאָמינטערן: ער ליקווידירט בכלל יעדע נאַציאָנאַלע איניציאַטיוו. דער סטאַטוט, וואָס דער פערטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט אָנגענומען אין דעצעמבער 1924, נעמט צו ביי די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער יעדער מעגלעכקייט פון זעלבשטענדיקער טעטיקייט און רעדוצירט זיי צו דער מדרגה פון קעמערלעך אין אַ מאָנאָליטישער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרטיי. אַ האַלב יאָר נאָך דעם שרייבט כמורנער אין זיין אַרטיקל „דער נייער קער אויף לינקס" („פאָלקסצייטונג", נ' 162, 1924), אַז דער פינפטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, וואָס זיין וויכטיקסטער פונקט איז געווען זינאָוויעווס רעפעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, האָט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן די צענטראַליסטישע טענדענצן און די עקסטרעמע קעגנערשאַפט לגבי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. דער דאָזיקער קורס — האַלט דער בונדישער פובליציסט — איז אַן אַזאַרטשפּיל, אין וועלכער מען שטעלט אַלץ אויף דער מינדערהייט פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט. דאָס איז באַזונדערס געפערלעך אין מאָמענט, ווען מען מוז, פאַרקערט, אומבאַדינגט שטעלן אויף דער מערהייט; די וואַקסנדיקע אַגרעסיווקייט פון דער בורזשואַזיע פאָדערט קאָאָרדינירטע אַרויסטרעטונגען פון די באַזונדערע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, לפּחות פון צייט צו צייט.

כמורנער האָט געוואָרנט: „מיר שטייען פאַר דער רעאַלער סכנה פון ברודערקריג אין די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט". די ווירקלעכקייט האָט באַשטעטיקט די ערגסטע פאָרויסזעונגען: דער קאַמף קעגן „בונד", ווען די קאָמוניסטן האָבן דערקלערט פאַר אַ סאָציאַלפאַררעטערישע אָרגאַניזאַציע, האָט אויף דער יידישער גאַס אָנגענומען די פאָרעם פון אַן אידעישן און פיזישן טעראָר. מיט טיפן צאָרן באַשרייבט כמורנער די דאָזיקע נייע תקופה פון צווישן־פאַרטייאישע באַציאונגען: „נידערטרעכטיקע מעטאָדן פון קאַמף, העסלעכע פאַשקווילן, הויפנס אומצוכט, וואָס מוזן אַרויסרופן עקל..." מיט וואָס פאַר אַ ווייטאָק האָט געמוזט שרייבן די דאָזיקע ביטערע ווערטער דער מענטש, וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם גאַנצן פייער פון זיין נשמה דער אידעע פון איינהייטלעכן פראָנט!

אין זיין יערלעכן איבערבליק רופט כמורנער אָן דאָס יאָר 1924 **„אַ יאָר פון צערונענע אילוזיעס און שווערע פאַרלוסטן". אָנהייב יאָר 1924** איז געשטאָרבן לענין. כמורנער האָט זיך אָפּגערופן אויף לענינס טויט מיט אַן אַרטיקל, וואו ער כאַראַקטעריזירט דעם פאַרשטאָרבענעם,

ווי אַ מענטש פון איין אידעע; גלייכצייטיק שטרייכט ער אונטער זיין אויסערגעוויינלעכע בויגעוודיקייט, אַ בויגעוודיקייט פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנערן סטראַטעגיקער. „טעאָריע און פּראַקטיק — שרייבט ער — זיינען פאַר לענינען ניט קיין צוויי באַזונדערע געביטן. דאָס זיינען בלויז צוויי מיטלען וואָס דינען איין ציל. ער ווענדט אָן די ביידע מיטלען גלייכצייטיק. ער שאַפט און שלייפט כסדר דאָס טעאָרעטישע געווער, טובלענדיק עס אין די כוואַליעס פון פּראַקטישן לעבן. און ער איז שטענדיק מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער טאָגטעגלעכער קאַמפּס־פּראַקטיק, דערהייבנדיק זי צו דער מדרגה פון אַ קוואַל, פון וואַנען מען דאַרף און מען קאָן שעפּן טעאָרעטישע אויפקלערונג". דאָס אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „נאָך לאַנגע יאָרן וועלן סאָציאַליסטן פון גאָר דער וועלט, סיי אָנהענגער סיי קעגנער, זיך לערנען אויף לענינס ווערק".

אָנהייב ווינטער 1924 שטייט כמורנער אין פייער פון פּראַקציאָנעלער דעבאַטע. די פּאַרטיי האָט זיך געגרייט צום דריטן צוזאַמענפאָר. זינט דעם לעצטן צוזאַמענפאָר זיינען אַריבער דריי יאָר. במשך די דאָזיקע יאָרן, וואָס זיינען געווען רייך מיט געשעענישן, איז אין דער בונדישער סביבה פאָרגעקומען אַן אידעישער קער; ס'האָט זיך געביטן די כוחות־פאַרהעלטעניש צווישן די פּראַקציעס. דריי מיטגלידער פון דעם צ.ק., דעלעגירט דורך דער לינקער ריכטונג, זיינען נאָך פאַרן 3טן צוזאַמענפאָר אַריין אין דער איינסער־פּראַקציע, און דאָס האָט באַאיינפלוסט די דיסקוסיעס. אויפן סדר היום פונעם צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען די דעבאַטע וועגן צוויי טעזן — פון די צענטריסטן און פון דער לינקער פּראַקציע. במשך עטלעכע וואָכן האָט מען אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס געפירטליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס איבער די טעזן: די פאָרשטייערס פון יעדער פּראַקציע האָבן פאַרטיידיקט זייערע פּראָגראַמען. צו די נסיעות אויף דער פּראָווינץ האָט מען מאָביליזירט די גאַנצע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. אויף כמורנערס חלק זיינען אויסגעפאַלן די גרויסע אָרגאַניזאַציעס; זיין אָפּאָנענט איז כמעט אַלע מאָל געווען ה. ערליך. די דאָזיקע נסיעות האָבן געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט אויף אַ האַרטער באַנק אין וואַגאָן פון דריטן קלאַס פלעגן די געסט פון וואַרשע אַריינפאַלן אין ענגע, אָנגעהיצטע, שטאַרק אָנגעריכערטע פּאַרטייאישע לאָקאַלן. ווי אַלע מאָל בעת אַ נערוועזער אָנשטרענגונג האָט כמורנער געריכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און געהאַט אָפטע אָנפאַלן פון הוסטן. קיין אָפּרו האָט ער נישט געהאַט אויך נאָך זיין צוריקקומען קיין וואַרשע. אין דער רעדאַקציע האָט געהערשט אַ נערוועזע אַטמאָספערע; סיכסוכים

אויף שריט און טריט, און גראַד נישט נאָר צוליב די פּאָליטישע חלוקי־דעות; פון צייט צו צייט פלעגט ה. ערליך מאַכן ביטערע פאַרוואָרפן זיין שכן ביים רעדאַקציע־טיש, אַז ער איגנאָרירט די וואָרענונגען פון די דאָקטוירים און גראָבט סיסטעמאַטיש אונטער זיין געזונט...

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, סוף דעצעמבער 1924. די צענטראַלע דעבאַטע האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. די גרונט־געדאַנקען פון דער טעזע פון די צענטריסטן זיינען געווען: זינט דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט זיך די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע שטאַרק געביטן. אין ליכט פון די נייע געשעענישן האָט זיך די שטעלונג פון דער אַמאָליקער מערהייט אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. די דאָזיקע מערהייט איז בשעתו געווען גרייט אָנצונעמען די פּראָגראַם און טאַקטיק פון קאָמינטערן און האָט אָפּגעוואָרפן בלויז זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן; **עס איז אָבער קלאָר, אַז די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען אַן** אָרגאַנישער טייל פון זיין טאַקטיק. די עיקרדיקע חסרונות פון דעם וועלט־קאָמוניזם — סעקטאַנטישקייט, צענטראַליזם און אַ נייגונג צו פּוטשיזם — שליסן אויס די מעגלעכקייט, אַז דער „בונד" זאָל אַריינטרעטן אין 3טן אינטערנאַציאָנאַל. אמת, ס'איז פאַר אונדז נישט אָננעמבאַר אויך די אָפּאָרטוניסטישע טאַקטיק פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער מיר דאַרפן שטרעבן איינצוהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־מאַסן וואָס שטייען הינטער לאָנדאָן און אַמסטערדאַם. אונדזער ציל דאַרף דערביי זיין אַן אינטערנאַציאָנאַל פון רעוואָלוציאָנערער איינהייט.

דער רעפערענט פון דער לינקער פראַקציע האָט פאַרטיידיקט אַן אַנדער קאָנצעפּציע. דער אויסגאַנגפּונקט פון דער בונדישער טאַקטיק — האָט ער געהאַלטן — דאַרף בלייבן דער פּרינציפּ וואָס עס האָט אָנגענומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר: דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פון רעוואָלוציאָנערער טאַט. די פאָדערונג פון שפּאַלטונג, וואָס מיר האָבן אָפּגעוואָרפן אויפן דאַנציגער צוזאַמענפאָר, האָט ניט געטראָגן קיין פּרינציפּיעלן כאַראַקטער, נאָר אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלן, און דעריבער האַלטן מיר זי פאַר אַ צייטווייליקע דערשיינונג. צייטווייליק זיינען אויך די מעטאָדן פון פּוטשיזם; פאַר אונדז איז וויכטיק נישט אַזוי די מעטאָדן ווי דער ענדציל — דער סאָציאַלער איבערבוי פון דער וועלט. דעריבער איז דער רעפאָרמיזם פאַר אונדז נישט אָננעמבאַר. דער לאָזונג „רעוואָלוציאָנערע איינהייט" איז ניט קלאָר. די מעכאַנישע צונויפפאָרונג פון לאָנדאָן מיט מאָסקווע איז אַן אוטאָפּיע: מען קען ניט פאַראייניקן אין איין באַוועגונג אַנ־

הענגערס פון אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע און אירע פּאַרבײַסענע קעגנערס. די אויפגאַבע פון „בונד" אין איצטיקן מאָמענט דאַרף זײַן — זוכן אַ פאַרבינדונג מיט יענע פּאַרטייען וואָס שטייען נאָענט צום 3טן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער זיינען אין אים ניט פאַרטראָטן. די דאָזיקע פאַראייניקונג דאַרף שטרעבן צו רעאָרגאַניזירן דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל אויפן יסוד פון אמתן דעמאָקראַטישן צענטראַליזם.

די רעפעראַטן האָבן אַרויסגערופן הייסע דעבאַטעס. אויך כמורנער האָט זיך אין זיי באַטייליקט. ביי דער אָפּשטימונג האָט די רעזאָלוציע פון די צענטריסטן געקריגן 30 שטימען; די רעזאָלוציע פון דער לינקער פראַקציע — 26. די כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער פּאַרטיי האָט זיך געענדערט אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן צוזאַמענפאָר, אָבער דער איבערוואָג פון דער מערהייט איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ קליינער. נאָך דער אָפּשטימונג האָט די לינקע פראַקציע געמאָלדן, אַז זי באַטראַכט די אָנגענומענע רעזאָלוציע פאַר אַ „שווערע אָפּנייגונג פון דער ביזאיצטיקער פרינציפּיעלער ליניע פון דער פּאַרטיי"; די פראַקציע האָט בדעה אויך ווייטער „אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי מיט אַלע פּאַרטייאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע מיטלען צו קעמפן דערפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך צוריק שטעלן אויף די פריערדיקע אויסגעפּרואוווטע רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס".

די אַנדערע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן צוזאַמענפאָר, האָבן אויך אַרויסגערופן חלוקי־דעות, אָבער שוין ניט לויט דער פראַקציאָנעלער ליניע. כמורנער האָט זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע וועגן אָנטייל פון „בונד" אין די קהילות. ער האָט געשטימט מיט דער מערהייט פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געפאָדערט אויסניצן די קהילה־טריבונע אויף צו פאַרטיידיקן דעם פרינציפּ פון וועלטלעכקייט און אַנטיקלעריקאַליזם.

פערצנטער קאַפּיטל

דאָס פּאָליטישע טאָגבוך

די דיסקוסיע איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט אויך נאָכן צוזאַמענפאָר ניט אויפגעהערט צו פאַרנעמען די שפּאַלטן פונעם פּאַרטייאישן אָרגאַן; די ווירקלעכקייט האָט נאָר מיט דער צייט אַרייַנגעפלאָכטן אין איר נייע טעמעס. די פּובליציסטן פון דער „פאָלקס־צייטונג" האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אויפן מערב און אויפן מזרח. י. כמורנערס סעריע אַרטיקלען „דער נעפּ אין רוסלאַנד און וואָס באַוויַזט ער" (זומער 1925) איז געווען אַן ענטפער ה. ערליכן אויף זיין אַנאַליז פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט באַטייט ליקווידאַציע פונעם מיליטערישן קאָמוניזם, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. ה. ערליך האָט אינעם דאָזיקן שאַרפן קער געזען אַ באַוויַז, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אין רוסלאַנד געקומען צו פרי. כמורנער איז מיט דעם נישט מסכים געווען. ער האָט אָנערקענט, אַז די סיטואַציע אין אָקטאָבער 1917 איז געווען אַ קאָמפּליצירטע; אָבער די געשיכטע — האָט ער געטענהט — איז ניט אַזוי ברייטהאַרציק, אַז מען זאָל קענען אַלע מאָל מאַכן די רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו אָפּהענגיק פון גינסטיקע באַדינגונגען. נעפּ — האָט ער געהאַלטן — איז נישט קיין דעזערציע פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, דאָס איז ניט קיין קאַפּיטולאַציע פאַרן קאַפּיטאַליזם, נאָר די אומפאַרמיידלעכע ליקווידאַציע פון דער פּראַקטיק פון מיליטערישן קאָמוניזם. די דאָזיקע פּראַקטיק, וואָס האָט אַזוי ווייטאָקדיק געטראָפן דאָס שטאָטישע קליין־בירגערטום און אויך דעם מיטעלן און אָרעמען פּויער, האָט אָפּגעלעבט איר צייט. דער לאָזונג „בונד מיטן דאָרף" מיינט ניט, אַז די קאָמוניסטן האָבן בדעה זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּויערישער פּאַרטיי; זיי האָבן בלויז פאַרשטאַרקט זייער אויפמערקזאַמקייט צו די נויטן פונעם פּויערטום. באַפרייט פון געוויסע באַגרע־

ניצונגען, איז די קאַפּיטאַליסטישע סטיכיע אַזוי לאַנג נישט געפערלעך, ווי לאַנג זי געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון דער אַרבעטער־מאַכט. כמורנער גיט אָבער צו, אַז דער דאָזיקער קאָנטראָל מוז זיין אַ פּאַקטישער און ניט נאָר אַ פאָרמעלער; בלויז דער פאַקט פון דער עקסיסטענץ פון אַן אַרבעטער־רעגירונג איז נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם: דאָס האָט אונדז באַוויזן דער ביישפּיל פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד, וואו די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער מלוכה, האָבן זיך ניט דערצידירט צו נאַציאָנאַליזירן אַפילו די שווער־אינדוסטריע.

צווישן די נייע דערשיינונגען אינעם לעבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען איינע, וואָס מיט איר האָט זיך כמורנער גאָר שטאַרק איבערגענומען: דאָס איז געווען דער פּלאַן צו שאַפן יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד. ווי נאָר דער דאָזיקער פּראָיעקט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער סאָוועטישער פּרעסע, האָט כמורנער אויף דעם תיכף רעאַגירט מיטן אַרטיקל „אַ שטיק לעבעדיקע ווירקלעכקייט" („פאָלקס־צייטונג", נ' 188, 1925). דער מחבר מיינט, אַז די פאַרווירקלעכונג פונעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט שטעלט פאָר אַן איבערבראָך־מאָמענט אין לעבן פון רוסישן יידנטום, אַן איבערשטעל פון זיין עקאָנאָמיע אויף נייע רעלסן. די איבערצייגונג, אַז ס'איז אומבאַדינגט נייטיק צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן, איז געווען איינער פון די עיקרים פון יוסף לעשטשינסקיס וועלטבאַנעם אין די צייטן ווען ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער ס.ס.; דער דאָזיקער אידעע איז ער געבליבן געטריי אויך נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעריסן מיטן טעריטאָריאַליזם. די פּערספּעקטיוו פון שאַפן אַ יידישן אַגראַר־פּראָלעטאַריאַט אין דרום־רוסלאַנד האָט אים באַפליגלט מיט נייע האָפענונגען. אין אַ פּאָלעמיק מיט נאָמבערגן האָט ער אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז די קרימער קאָלאָניזאַציע האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער אידעאָלאָגיע פון עסעסיזם. („תחית המתים פון ס. ס. — צו דער קרים־דעבאַטע", „פאָלקסצייטונג" נ' 217, סעפּטעמבער 1925.) דער עסעסיזם — האַלט כמורנער — וואָס איז אַ לייבלעכער ברודער פון ציוניזם, איז אַרויסגעוואַקסן פון דער אַנטי־גלותדיקייט. זיין תוך איז אַ קאָנצענטרירטע „יציאת־גלות", בעת די קרימער קאָלאָניזאַציע באַטייט גאָר, אַז יידן „שלאָגן גאַנץ טיפע וואָרצלען דווקא אין דעם גלות־באָדן". פאַר כמורנערן איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז דער דערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציע וועט געבן אַ קלאַפּ די ציוניסטישע אילוזיעס. אין אַ פּאָלעמיק מיט גרינבוימען, וואָס האָט אין דער קרימער קאָלאָניזאַציע געזען „ציוניזם אָן ציון" און אַ זיג איבער דער בונדישער „באָדנלאָזיקייט",

האָט כמורנער געשריבן: נאָך עטלעכע אַזעלכע „זיגן" — און דער ציוניזם וועט בלייבן אָן אַרבעט. גריגבוים, לויט כמורנערס מיינונג, מאַכט אַ גרויסן טעות: דער תוך פון ציוניזם איז דאָך ניט „באָדנדיקייט" און ניט די גלאָריפיקאַציע פון ערדאַרבעט, נאָר די אידעע פון קיבוץ־גליות; און די דאָזיקע אידעע האָט קיין שום שייכות ניט מיט קאָלאָניזאַציע.

אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן כמורנערס פּאָלעמיק וועגן דער קאָלאָניזאַציע מיטן פּויליש־ייִדישן קאָמוניסטישן אָרגאַן „מאָרגן". דער „מאָרגן" האָט געזען אַ סתירה אין דעם, וואָס דער בונדישער שרייבער האַלט די קאָלאָניזאַציע פאַר אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג און אין דער זעלבער צייט קריטיקירט ער שאַרף די פּאָליטיק פון די יעווסעקציעס. אויף דעם האָט כמורנער געענטפערט („קלאָץ־קשיות און קלאַצלאָגיק", 19טער נאָוועמבער, 1926), אַז דער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער פּאָליטיק פון די יעווסעקציעס. די יעווסעקציעס האָבן קיין שום השפּעה ניט געהאַט אויף דער אָרגאַניזאַציע פון די קרימער קאָלאָניעס; פאַרקערט, ערשט די פּראַקטיק פון דער קאָלאָניזאַציע האָט געצוואונגען טייל יעווסעקעס זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער ראָל פון אויטאָנאָמיע אין לעבן פון די ייִדישע מאַסן. אין זיין בראָשור וועגן די קאָלאָניעס הייבט טשעמעריגסקי אָן „צו ריידן אַלץ מער בונדיסטיש". כאַראַקטעריסטיש איז אויך קאַליגינס דערקלערונג אויפן צוזאַמענפאָר פון „געזערד", אַז די קאָלאָניזאַציע וועט העלפן די ייִדן „איינהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום". כמורנער אַליין האָט אין דעם פעסט געגלייבט און ער האָט אויך געפּרואווט איבערצייגן אין דעם זיין ברודער, וואָס האָט זיך צום קרימער פּראָיעקט באַצויגן סקעפּטיש.

גאָר אָפט פיגורירט די טעמע „קרימער קאָלאָניזאַציע" אין יוספס בריוו פון איטאַליענישן קוראָרט נערווי, וואו ער האָט אין 1925 פאַרבראַכט לויט דער פאַראָרדנונג פונעם דאָקטאָר עטלעכע חדשים. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער לונגען־ספּעציאַליסט אין וואַרשע גרשון לעווין ניט אויפגעהערט צו מאָנען, אַז יוסף זאָל איבעררייסן די אַרבעט און אַרויספאָרן אין שווייצאַריע אָדער איטאַליע. יוסף האָט עקשנותדיק אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּלאַן צוליב מאַנגל פון געלט און מאַנגל פון צייט. לסוף איז דאָך געלונגען צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע נסיעה. אויפן וועג האָט זיך יוסף אָפּגעשטעלט אין בערלין און דאָרט באַזוכט אַ גרויסן ספּעציאַליסט. דער דאָקטאָר האָט פונעם פּאַציענט אויסבאַהאַלטן דעם רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג, אָבער דעם ברודער האָט ער געזאָגט דעם ביטערן אמת. אָנווייזנדיק אויף די גרויסע פלעקן

פון די רענטגען־פאָטאָגראַפיעס, האָט ער באַמערקט, אַז מיט אַזעלכע לונגען קען מען לאַנג ניט לעבן...

אין נערווי האָט דער גאַסט פון צפון געמוזט וואַרטן וואָכן אויף אַ וואַרעמען וועטער. דער פרילינג איז גראָד געווען אַ קאַלטער און אַ רעגנדיקער. אָבער ווען ס׳האָט זיך, אונטער די שטראַלן פון דער זון, צעגליט דער ים, און דער איטאַליענישער לאַנדשאַפט האָט גענומען שפּילן מיט אַלע פאַרבן, האָט זיך יוסף דערפילט אַ סך בעסער. גאַנצע שעהן האָט ער ליגנדיק אויף דער וועראַנדע, געקוקט אויף די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן ווי ווייסע שעפּסנפעל אויפגעטויכט פון דער בלויקייט פון ים; די וואַרעמע לופט, אַ ריינע און אַ שמעקנדיקע ווי וויין, האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די קראַנקע לונגען, און ס׳איז יוספן געוואָרן גרינגער צו אָטעמען. אָבער זיין אינערלעכן אומרו האָט די שיינע נאַטור ניט געקענט איינשטילן. יוספס געדאַנק האָט זיך כסדר אומגעקערט קיין פּוילן. דעם 25טן יולי שרייבט ער צום ברודער: „אַט קומט אין פּוילן פאָר אַ דעקלאַסירונג פון דער יידישער באַפעל־קערונג... עס ווירקן סיי אָביעקטיווע סיבות, סיי סוביעקטיווע — די באַוואוסטזיניק־אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. און מען שטייט ווי פאַר אַ וואַנט... מיר רעאַגירן מיט מיטינגען, פּראָטעסטן, אָבער ס׳שטיקט אַ מוראדיקע מאַכטלאָזיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט...” די דאָזיקע פעסימיסישע שטימונגען האָבן צוגעהאָלפן, אַז די קרימער קאָלאָניזאַציע זאָל זיך אין יוספס מוח פונאַנדערשפּילן מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן...

נאָכן לאַנגן אָפּרו האָט זיך יוסף ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער וואַרשעווער האָרעוואַניע. ווען דעם, אַז ער זאָל, אין הסכם מיטן דאָקטאָרס אָנווייזונגען, פאַרקירצן זיין אַרבעטסטאָג, האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. „מיר זיינען געציילטע מענטשן — גיט ער דעם ברודער צו פאַרשטיין — און מיר ווערן ממש צעריסן”. די פיבער־דיקע אַטמאָספער אין דער רעדאַקציע פון פּאַרטיי־אָרגאַן איז געווען זיין סטיכיע, אָבער ניט איין מאָל האָט ער געפילט שטאַרקע מידקייט. „אַ מאַסע מענטשן אויף צו ריידן, און קיין איינער ניט אויף צו שוויגן צוזאַמען” — שרייבט ער אין אַ מינוט פון אומעט. און באמת, ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר שטילן טראַכטן אין דער קאָכיקער אַט־מאָספער פון דער רעדאַקציע, וואו יעדער איינער האָט ממש פיזיש געפילט דעם הויכן דרוק פון דער עפּאָכע, וואו די ידיעות פון אַלע עקן וועלט פלעגן זיך פאַרוואַנדלען אין אינטימע פערזענלעכע איבער־לעבונגען. יוספס נערוון זיינען געווען אין אַ צושטאַנד פון פערמאַ־

נענטער אָנשטרענגונג, זיינע אַרטיקלען זיינען פול געווען מיט ווייטאָג און צאָרן. זיינע קורצע לייטאַרטיקלען „פון טאָג צו טאָג" און די לענגערע פובליציסטישע עסייען אין די פרייטיקדיקע נומערן פון דער צייטונג זיינען געווען אַ פּאָליטישער טאָגבוך פון דער עפּאָכע.

אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון „בונד" האָט מען געפירט די דיסקוסיעס ניט דווקא לויט אַ פּראַקציאָנעלער ליניע. אַ גרויסע דעבאַטע האָט אַרויסגערופן וויקטאָר אַלטערס פּראָיעקט צו שאַפן אַ יידישע מאַסן־פּאַרטיי לויטן מוסטער פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם אָנטייל פון די יידישע מאַסן אין קאַמף פאַר אַן אַרבעטער־רעגירונג. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געדאַרפט אַרומנעמען דעם „בונד", די פּועלי־ציון, די האַנטווערקערס און אומפּאַרטייאישע האָרעפּאַשניקעס. לויט אַלטערס פּלאַן, האָבן געזאָלט עלימינירט ווערן די פראַגן, וואָס רופן אַרויס חלוקי־דעות, כדי זיך צו קענען פאַראייניקן אויפן באָדן פון געמיינזאַמער טאַקטיק אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן.

אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פאָלקסצייטונג" אין יאַנואַר 1926 האָט כמורנער שאַרף קריטיקירט דעם דאָזיקן פּלאַן. אַלטערס קאָנצעפּציע — מיינט כמורנער — וואָלט געבראַכט צו דעם, אַז איז דער קאַטעגאָריע „פּריוואַטע ענינים" זאָל מען אַרייננעמען די פּרינציפּן פון ציוניזם אָדער — ברייטער גענומען — אַנטי־גלותדיקייט. דאָס וואָלט געהייסן אָפּזאָגן זיך פון קאַמף קעגן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן וואָס זיינען אַזוי שטאַרק אין דער קליינבירגערלעכער סביבה. „נייטראַליזם" לגבי דעם קליינבירגערטום — האָט כמורנער געהאַלטן — איז דערלאָזבאַר נאָר דעמאָלט, ווען די סאָציאַליסטן זיינען שוין ביי דער מאַכט אָבער ניט אין אַ צייט, ווען מען שטייט נאָך אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג. אין פּאָליטיק קריגט מען קיין זאַך ניט אומזיסט . אונדזערע שותפים וואָלטן אונדז געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, וואָס מיר וואָלטן ניט געקענט אָננעמען אָן שאָדן פאַר אונזער אַרבעט. ניט אַלע מאָל איז וויכטיק נאָר דער ציל; דער וועג צום ציל קען זיין ניט ווייניקער וויכטיק.

אין די יאָרן 1925־1926 שרייבט כמורנער גאַנץ אָפט וועגן דער פּאָליטיק פון די פּוילישע רעגירנדיקע קרייזן; ער האָט זי שטענדיק כאַראַקטעריזירט ווי אַ פּאָליטיק פון באַנקראָטשיקעס. ניט געקוקט אויף די אָפטע ענדערונגען אינעם פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל, האָט זיך דער פּרצוף פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט ווייניק געביטן: די מאַכט איז במשך פון יאָרן געלעגן אין די הענט פון די רעכטע און צענטער־פּאַרטייען. די אַגראַר־רעפאָרם איז נאָך אַלץ געווען באַהאַלטן אונטערן

טישטוך און אין פּרט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג האָט מען זייער ווייניק אויפגעטאָן. דער עקאָנאָמישער קריזיס איז מיט זיין גאַנצער לאַסט געפאַלן אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן. אין 1925 האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן אָבער גאָר שנעל פאַרלאָזן די רעגירונג נאָכדעם ווי די פאַרצווייפלונג פון די מאַסן האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אין ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטסלאָזע אין קאַליש, לובלין און וולאָצלאַוועק. אין לאַנד האָט זיך גענומען זאַמלען אויפרייסשטאָף. דער אויפרייס גופא איז אָבער געקומען אומגערעכטערהייט ניט פון אונטן, נאָר גאָר אין די שפּיצן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט און האָט אָנגענומען אומדערוואַרטע פאָרמען.

דער הינטערקוליסן־קאַמף פאַר מאַכט וועלכן ס'האָבן געפירט די מיליטערישע קרייזן מיט דער רעגירנדער קאָאַליציע האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צו די פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די טיפענישן פון די פאָלקס־מאַסן. און דאָך, ווען אין מאַי 1926 זיינען פּילסודסקיס מיליטערישע אָפּטיילונגען אַרויף אויף דער פּראַגער בריק און דערקלערט, אַז די רעגירונג איז געפאַלן, האָבן די הערצער פון די וואַרשעווער אַרבעטער גענומען האַסטיקער קלאַפּן. מען האָט געהאָפט, אַז ס'קומט אַ נייע תקופה. דריי טעג האָבן געדויערט פאַרביסענע שלאַכטן אין צענטער פון שטאָט צווישן פּילסודסקיס חיילות און די אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געבליבן געטריי דער רעגירונג; און פּילסודסקי האָט געזיגט. ס'איז נישט לייכט געווען צו ענטפערן אויף דער פראַגע — צוליב וואָס האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט אויף די וואַרשעווער גאַסן, אָבער דער פאַקט, אַז די באַנקראָטירטע קאָנסערוואַטיווע רעגירונג איז געפאַלן, האָט אַרויסגערופן אַן אויפלעבונג.

די יידישע אַרבעטער האָבן זיך מיטגעפרייט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע; אָבער שוין די ערשטע דערקלערונגען פון דער נייער מאַכט האָבן אָפּגעקילט זייער ענטוזיאַזם. פּילסודסקי האָט אָפן כאַראַקטעריזירט די מאַי־איבערקערעניש, ווי „די רעוואָלוציע אָן רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענצן". ער האָט נישט געפילט, אַז די דאָזיקע ווערטער צעקלאַפּן די האָפענונגען פון די פּוילישע מאַסן, אויסגעמאַטערטע פון קריזיס: די דאָזיקע מאַסן האָבן קודם כל געוואַרט אויף „רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענצן". גאָר אין גיכן איז די סאָציאַלע פּאָליטיק פון דער נייער רעגירונג געוואָרן פולשטענדיק קלאָר; איר תוך איז באַשטאַנען אין געווינען פאַר פּילסודסקיס לאַגער די כוחות, וואָס אויף זיי האָבן זיך ביז איצט אָנגעשפּאַרט די ענדעקעס — די שליאַכטע און די מאַגנאַטן פון דער אינדוסטריע.

די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן נישט געקענט לייכט זיך אָפּזאָגן פון די אילוזיעס געבוירענע אין די טעג פון דער מאַי־איבערקערעניש: ווי ס׳זאָל ניט זיין, איז דאָך אין שפּיץ פון דער דאָזיקער איבערקערעניש געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די רייען פון פּ.פּ.ס. שפּעטער איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג פון דער מערהייט פּאַרטיי־מיטגלידער, די שפּאַלטונג, די אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע. אַנדערש האָבן רעאַגירט די בונדישע קרייזן: „די פאָלקסצייטונג״ האָט ניכטער אָפּגעשאַצט דעם כאַראַקטער פון דער נייער רעגירונג שוין אויפן סמך פון אירע ערשטע דעקלאַראַציעס. אין אַ סעריע אַרטיקלען האָט כמורנער שאַרף קריטיקירט די נייע מאַכט, געבויט אויפן אויטאָריטעט פון איין מענטש. פּילסודסקיס דעמאַגאָגישע אָנפאַלן אויף פּאַרטייאישקייט און זיינע אומקלאָרע צוזאָגן צו געבן דעם לאַנד „אַ רעגירונג פון אָרנטלעכע מענטשן״ האָבן — לויט כמורנערן — עדות געזאָגט וועגן אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט און אידעענלאָזיקייט. ס׳איז נישט מעגלעך — דערקלערט ער — אַז אַ רעוואָלוציע זאָל נישט האָבן קיין רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענצן; די מאַי־איבערקערעניש איז ניט געווען קיין מאַסן־אויפשטאַנד, ס׳איז געווען אַ מיליטערישער בונט. די „קאָנסעקווענצן״ וועלן נאָך קומען, אָבער נישט פון אויבן, נאָר פון אונטן...

אַנאַליזירנדיק די פּאָליטישע סיטואַציע האָט כמורנער דעמאַסקירט די טאַקטיק פון די יידישע דעפּוטאַטן אין סיים, וואָס האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען באַהאַנדלט נאָר יידישע פראַגן און מורא געהאַט צו באַרירן די אַלגעמיינע רעגירונגס־פּאָליטיק. ווייזט אויס — האָט ער געשריבן — אַז זיי האַלטן די אַלגעמיינע פראַגן פאַר אַ „גוֹיישע זאַך״ און זיי פאַרגעסן וועגן דער גורל־געמיינשאַפט פון די פּוילישע פאָלקסמאַסן און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אויפן 4טן מערץ 1928 זיינען באַשטימט געוואָרן נייע וואַלן. אין אַ ריי אַרטיקלען כאַראַקטעריזירט כמורנער די אייגנאַרטיקע סיטואַציע, וואָס האָט זיך אין פּוילן געשאַפן נאָך דער מאַי־איבערקערעניש. דער קאַמף פאַר מאַכט שפּילט זיך ניט אָפּ אויף דער קלאַסנליניע, נאָר אין די ראַמען פון איין און דעם זעלבן קלאַס. די וויכטיקסטע צדדים אין דעם קאַמף, די ענדעקעס און די סאַנאַציע, שיידן זיך אונטער איינער פונעם צווייטן ניט לויט זייער סאָציאַלן כאַראַקטער, נאָר לויט דער מדרגה פון זייער קאָנסערוואַטיווקייט, לויט זייער טאַקטיק און מעטאָדן. נאָר אַ גרויסע און אַקטיווע אַרבעטער־ און פּויערים־אָפּאָזיציע אין סיים וואָלט געקענט אויסגלייכן די ליניע פון דער פּוילישער פּאַ־

ליטיק. זאָלן אָבער די וואַלן ניט ברענגען מיט זיך אַזאַ רעזולטאַט, איז דער פּראָצעס פון פאַשיזירן דעם רעזשים אומפאַרמײדלעך.

דער אינטערעס צו די געשעענישן אין פּוילן האָט דעם פּובליציסט נישט געשטערט זיך צוהערן, ווי אַלעמאָל, מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס ס'קומט פאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. זומער 1926 האָט ער אַ סך געשריבן וועגן דעם שטרייק פון די ענגלישע קוילן־גרעבערס, כאַראַקטעריזירנדיק דעם דאָזיקן שטרייק ווי אַן אַרויספאָדערונג צו דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. ווען דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט, האָט כמורנער מיט פאַרביטערונג פעסטגעשטעלט, אַז פון די אַנדערע לענדער איז ניט געקומען קיין אונטערשטיצונג; דער קוילנשטרייק האָט ניט דערוועקט קיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין די אייראָפּעישע אַרבעטער־מאַסן. מיט ווייטאָקדיקן אומרו טראַכט ער וועגן דעם, אַז די אייראָפּעישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופה פון „קליינע עניניםֿ” און לאָזט איבער דעם סאָציאַלן איבערבוי פאַר דער אומבאַשטימטער צוקונפט. ער האָט אויך געטראַכט אַז אין זיין אייגענער פּאַרטיי האָבן זיך גענומען שטאַרקן די דאָזיקע טענדענצן. כמורנער האָט קיין מאָל נישט נעגירט דעם גרויסן ווערט פון טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. דער וואוקס פון דער צאָל בונדישע ראַטמענער אין רעזולטאַט פון די וואַלן, די טעטיקייט אין די קהילות און אין דער שול־אָרגאַניזאַציע, דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט — דאָס אַלץ האָט ער געהאַלטן פאַר וויכטיק און אומבאַדינגט נייטיק. ער האָט אַליין אָפּגעגעבן אַ סך ענערגיע די פאַרשיידענע געביטן פון דער דאָזיקער טעטיקייט. אָבער זיינע אָפּשאַצונגען האָט ער שטענדיק באַזירט אויף דער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלטער היעראַרכיע פון אידעען. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק מיט באַזונדערער שאַרפקייט אין זיין אַרטיקל אין יובל־נומער פון דער „פאָלקסצייטונג”, אָקטאָבער 1927. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער אַרטיקל: עס האָט אין אים געפעלט דער געוויינלעכער יובל־פּאַטאָס. אין די טעג, ווען די אויגן פון כמעט אַלע פּאַרטיי־זשורנאַליסטן זיינען געווען געווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט, האָט כמורנער ניט פאַרבאָרגן זיין אומרו וועגן הייַנט און זיין זאָרג פאַרן מאָרגן פון זיין פּאַרטיי. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז במשך פון זיינע דרייסיק יאָר עקזיסטענץ האָט דער „בונד” אָנגעזאַמלט אַ גרויסן אוצר ענערגיע, אָבער דווקא די דאָזיקע דערגרייכונגען לייגן אַרויף אויף דער פּאַרטיי זי לאַסט פון אחריות. דווקא דערפאַר, ווייל די אַרבעט פון „בונד” ווערט וואָס אַ מאָל פילזייטיקער און ווערט אַזוי ענג אַריינגעפלאָכטן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער יידישער גאַס, דאַרף

מען שטרעבן צו דעם, אַז יעדער טראָט זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט. אין פּאַרטייאישן לעבן קענען זיין מאָמענטן, ווען מען הערט אויף צו „זען דעם וואַלד צוליב די ביימער״; אַזעלכע אָפּנייגן זענען געפּערלעך. אין טאָג פון יובל — האָט כמורנער באַטאָנט — דאַרף אונדז קלאָר ווערן דער וועג, וואָס פירט פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט.

פופצנטער קאַפּיטל

שווערע יאָרן

די סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן זיינען אין יוסף לעשטשינסקיס לעבן געווען באַזונדערס שווערע. פּערזענלעכע זאָרגן און געזעלשאַפטלעכער אומרו האָבן זיך ענג פאַרקניפּט, און ס׳איז אים אַלץ שווערער געוואָרן אויפצוהאַלטן זיין אַרבעטס־פעיקייט. עס האָט אים ווייטער געמאַטערט די אומזיכערקייט פון דער מאַטעריעלער לאַגע. יעדער חודש פלעגט זיך ענדיקן מיט אַ דעפיציט, און בלויז די כסדרדיקע הילף פונעם ברודער יעקב פלעגט פאַרשטאָפּן די לעכער פונעם בודזשעט. יוסף האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם, אַז זיין ברודער — אַליין אַ זשורנאַליסט — האָט געדאַרפט במשך פון אַ רייי יאָרן זאָרגן פאַר צוויי משפחות, אָבער אָן דער דאָזיקער הילף איז ער בישט געווען אין שטאַנד זיך אַן עצה צו געבן. און די פיזישע שוואַכקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער. ווי אַלע מאָל האָט יוסף טרויעריק געוויצלט זיך איבער זיין קראַנקהייט און צום ברודער זיינעם, וואָס האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די לעצטע דיאַגנאָזן, האָט ער געשריבן: „מיינע לונגען זיינען געגליכן צו יענע אויסגעטראָטענע שטוב שקראַבעס, אין וועלכע ס׳פּילט זיך גוט נאָר דער בעל־הבית — אַ זייטיקער, אַז ער דערזעט זיי, בפרט צום ערשטן מאָל, פאַרקרימט ער מיט דער נאָז“. די דאָזיקע וויצן האָבן אָבער קיינעם ניט געקענט אָפּנאַרן. מיט שרעק האָבן די נאָענטע געזען, ווי דער טובערקולאָז טוט זיין צעשטערנדיקע אַרבעט. טיפע פאַרצווייפלונג שרייט אַרויס פונעם בריוו וואָס יוספס פרוי האָט דעמאָלט געשריבן צו זיין ברודער: „יוסף איז ערנסט קראַנק, און דאָס שרעקלעכסטע אין דעם איז, וואָס ער מאַכט זיך גאָר ניט־וויסנדיק... ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן אַזוי ניט געהוסט ווי איצטער; אין דער פרי קלאָגט ער זיך, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו אָטעמען — עס פעלט אים אויס לופט“. זי באַשרייבט זיין שטייגער לעבן: „געוויינטלעך פאַרברענגט ער דעם גאַנצן טאָג, פון 10 אין דער פרי ביז כמעט צוועלף ביי נאַכט, אין דער פאַרשטיקטער,

אָנגערייכערטער רעדאַקציע; נאָר אויף מיטאָק מאַכט ער אַן איבער־רייס. די לעצטע צוויי וואָכן איז נאָך צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע צוגעקומען: אַ פּלענום פון דער פּאַרטיי, אַ פּלענום פון ציש״אָ, אַ פּלענום פון דער „קולטור־ליגע" און נאָך עטלעכע זיצונגען און באַראַטונגען." „איך קען דאָך יוספן — שרייבט זי — קיין איין זיצונג האָט ער ניט פאַרפעלט און צו קיין איינער פון זיי האָט ער ניט פאַרשפּעטיקט... איך פיל, אַז יוסף גייט צו גרונט, און טיילמאָל ווער איך אַזוי פאַרצווייפלט, אַז איך רייס זיך די האָר פון קאָפּ".

פאַליע לעשטשינסקי האָט אַליין אויך געקרענקט. ס'האָבן איר געפּייניקט שטאַרקע אָנפאַלן פון גאַלשטיינער. נאָך יעדער אַזאַ אָנפאַל האָבן די דאָקטוירים איר געהייסן דורכגיין אַן אָפּעראַציע. אויסגעמאַטערט פון די ווייטאָקן, פלעגט זי מסכים זיין. אָבער ווי נאָר דער טערמין פון דער אָפּעראַציע האָט זיך גענומען דערנענטערן, האָט זי געפונען אַן אויסרייד אויף אָפּצולייגן. יוסף איז ניט געווען בכוח אַנטקעגנצושטעלן זיך דער פּרוּוּ זיינער: איר מורא פאַר דער אָפּעראַציע האָט אים אויך אָנגעשטעקט...

דאָס לעבן פון די צוויי מידע און קראַנקע מענטשן איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער צוזאַמענגעבונדנקייט.*) אין איר ראַנגלען זיך מיט דער נויט האָט זיך פאַליע קיין מאָל ניט געפילט אַליין: יוספס זאָרג און צערטלעכקייט האָבן איר אַרומגערינגלט ביז זיינע לעצטע טעג. מיט אומעט פלעגט ער טראַכטן, אַז פאַליעס גורל איז נאָך שווערער ווי זיינער: ער האָט געקאָנט פאַרגעסן ביי דער אַרבעט וועגן פּערזענלעכע צרות, — זי האָט אַזאַ מעגלעכקייט ניט געהאַט. שטאַרק האָט זיי צונויפגעבונדן אויך די זאָרג פאַר דער טאָכטער; דאָס לעבן האָט זיי אַוועקגעשטעלט פאַר אַ קאָמפּליצירטער פּראָבלעם, ווען גאַליאַ האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די גימנאַזיע.

אַ לעבעדיקע, אַ פּעיקע, פול מיט טעמפּעראַמענט, האָט דאָס מיידל קוים געקענט שלום מאַכן מיט דער נויט; אַלץ אין איר האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער פּיינלעכער סתירה אין איר היים: מיט זייער הייסער מסירת־נפשדיקער צוגעבונדנקייט האָבן אירע עלטערן ניט געקענט איר געבן יענע פּשוטע, טאָג־טעגלעכע באַקוועמלעכקייטן וואָס אירע חברטעס איז דאָס אַזוי גרינג אָנגעקומען. דעם טאַטן אירן האָט דאָס צייטנווייז געפירט צו פאַרצווייפלונג. „איך בין גרייט אויף די ווענט צו קריכן און איר ניט לאָזן אַזוי פילן דעם טעם פון נויט

---

*) פאַליע לעשטשינסקי האָט געענדיקט איר לעבן אין היטלערס קרעמאַטאָריע.

שוין אין די יונגע יאָרן, אין פרילינג" — שרייבט ער אין אַ שווערער מינוט; אָבער ענדערן דעם שטייגער לעבן האָט ער ניט געקענט. אַ פאַררייטלטע, אַ פריילעכע, אַן אויפגעהייטערטע פונעם שמועס מיט הברטעס, פלעגט גאַליע נאָך דער שול אַרויפלויפן אויפן פערטן שטאָק, — אָבער איר געלעכטער האָט באַלד זיך פאַרלאָשן; זי האָט דערזען דעם טאַטנס אויסגעמאַטערטן, ווי מיט אַש באַשאָטענעם פנים, די פאַרזאָרגטע מאַמעס אויגן און דעם גרויען אַרום. אויף איר שטייגער איז זי געווען צוגעבונדן צום טאַטן, אָבער אין עגאָצענטריש־קייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די יונגע, האָט זי זיך ניט צו פיל פאַרטראַכט איבערן פאָטערס געפילן. און יוסף האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט גלייבן, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען זיין יונגע טאָכטער וועט פאַרשטיין, אַז גייסטיקע נאָענטקייט צווישן עלטערן און קינדער איז מער ווערט איידער באַקוועמלעכקייטן... נאָך ביז ניט לאַנג איז ער געווען איבערצייגט, אַז אין זיין היים וועט ניט קומען צו קיין קאָנפליקט צווישן די דורות, אַ קאָנפליקט וואָס האָט פאַר־כמאַרעט זיין אייגענע יוגנט. און ס'איז טאַקע צווישן אים און זיין טאָכטער קיין מאָל ניט פאָרגעקומען קיין אָפענער קאַמף. אָבער ס'האָט זיך געשאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ניט ווייניקער פיינלעך — אַ מין אָפּגעפרעמדקייט. ווער ווייסט — אפשר איז יוספן אין זיינע איינזאַמע שעהן ניט איינמאָל געקומען אויפן רעיון, אַז צווישן גלויבן אין תורת משה און גלויבן אין סאָציאַליזם איז אַ סך אַ קלענערער מהלך ווי צווישן גלויבן און אומגלויבן... ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געקעמפט פאַר נאָענטקייט מיט דער טאָכטער, אָבער דאָס לעבן האָט אים כסדר צוגעשטעלט מניעות. ווען גאַלאָטשקע האָט אין די עלטערע קלאַסן גענומען לערנען די קלאַסיקער פון דער פוילישער ליטעראַטור, האָט דער פאָטער אַן אומעטיקער געקלערט, ווי גוט וואָלט **געווען זיך צו טיילן מיט איר מיט געדאַנקען וועגן טורגעניעוון און** טאָלסטאָיען... אין זיינע זעלטענע פרייע מינוטן האָט ער פאַר איר געלייענט אויפן קול קולבאַקס לידער, פרצעס און שלום־עליכמס דער־ציילונגען. אָבער אַזעלכע מינוטן זיינען וואָס אַ מאָל געוואָרן זעלטע־נער: די טאָכטער פלעגט זעלטן פאַרברענגען די אָוונטן אין דער היים. אין די איינזאַמע, שטילע שעהן פון דער נאַכט, אַן איינגעבוי־גענער איבער אַ כתב־יד, האָט יוסף מיט אומרו זיך איינגעהערט אינעם קלאַנג פון טריט אויף די שטיגן; ביטערע געדאַנקען האָבן אים גע־שטערט אין זיין אַרבעט. „דאָס איז מיין וואונד איצט, מיין גרעסטע זאָרג — שרייבט ער צום ברודער — האַלקע זאָל עפּעס ווערן". מיט יעדן יאָר איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן זיין אומרו: „אַזאַ ביטערער

פאַרדרוס, וואָס... איר פרילינג פאַלט אויס פונקט דעמאָלט, ווען עס הייבט זיך אָן אונדזער האַרבסט. איך וויל אַזוי מיטמאַכן גאַלאָטשקעס צייטפאַרטרייב מיט איר, מיט איר קרייז, אויף איר שטייגער — עס גייט ניט. און דאָס זעלבע איז, אַז איך פּרוביר זי מצרף זיין צו מיין „מנין" — ס׳באַקומט זיך ווידער ניט דאָס, ניט גאָר נאַטירלעך, אָנגעצויגן. און דער רעזולטאַט — עפּעס אַ וואַנט צווישן טאַטעס און קינדער. צוויי דורות — און פאַרפאַלן".

דער דאָזיקער ציטאַט איז אַ טייל פון אַ בריוו פון 22טן נאָוועמבער 1931; דער בריוו איז, ווי דער שרייבער גופא איז מודה, אויסגעהאַלטן „אין אַ כל־נדרי־טאָן". יוסף האָט געשריבן די דאָזיקע שורות אין איינעם פון די אָוונטן, ווען די איינזאַמקייט האָט אים שוין גאָר שטאַרק צוגעדריקט. עפּענענדיק פאַרן ברודער דאָס צעווייטיקטע האַרץ, האָט ער ניט געזאָרגט וועגן פאָרעם, און אויך ניט וועגן לאָגיק. עס האָט זיך ביי אים, ניט ווילנדיק, אַרויסגעריסן: „ס׳איז גוט וואָס די פאַרהאַוועטקייט לאָזט ניט לאַנג פאַרהאַלטן זיך אויף די פּרוכטלאָזע פילאָזאָפישע נאָכקלערעגישן, וואָס פאַראַליזירן דעם ווילן... איך פיל, אַז ס׳איז גוט, וואָס איך האָב ניט קיין צייט און ניט קיין געלט. אַנדערש וואָלט דער אומעט געהאַט איבער מיר אַ ווייט גרעסערע שליטה..." אָבער שוין מיט עטלעכע שורות וויטער נעמען קלינגען אַנדערע, מער געוויינטלעכע טענער: „דער דלות איז מיר דערעסן, מוראדיק דערעסן! ער מאַכט פאַליען קראַנק און ער דראָט צו פאַרקריפּלען גאַלאָטשקעס לעבן, צו צעקאַליעטשען איר גאַנצע צוקונפט. און איך בין הילפלאָז, אַז נאָר די נעגל צו בייסן, פאַרפרעסן די ציין און שוויגן, ווי איך טו עס מיינסטנס".

אין משך פון יאָרן איז דער איינציקער מיטל קעגן די „כל־נידרי־שטימונגען" געווען די אַרבעט; ניט אומזיסט האָט יוסף, בענקענדיק נאָך אָפּרו, גלייכצייטיק אַ ביסל מורא געהאַט פאַר דער אָפּרו־צייט. אין איינעם פון זיינע אָטוואָצקער בריוו דערציילט ער דעם ברודער, אַז ער האָט זיך פאַרבעסערט אין געזונט, און ער גיט דערביי צו: „אַ צרה מיט מיר. רו איך — אַזוי באַפאַלן מיך די אַלע שדים... וואָס האָבן בעת דער אַרבעט קיין צוטריט ניט צו מיר".

סוף צוואַנציקער יאָרן האָט זיך די לאַגע געביטן: די אַרבעט האָט שוין מער ניט באַפרייט פון אומרו, זי האָט נאָר דעם אומרו פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. די ענדערונגען אין דער אָרטיקער און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן יוספן שטאַרק באַאומרויקט. אין ביידע אינטערנאַציאָנאַלן זיינען געוואַקסן יענע טענדענצן וואָס האָבן, לויט אים, צו נישט געמאַכט די האָפענונג

אויף אַ פאַראייניקטער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך פאַרשטאַרקט דער איזאָלאַציאָניזם און דער צענטראַליזם. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די אומטאָלעראַנץ לגבי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און לגבי דער אָפּאָזיציע אין דער אייגענער פאַרטיי. אין אַן אַרטיקל „די געפאַר פון אַלע געפאַרן" (17טער דעצעמבער, 1927) קריטיקירט כמורנער שאַרף די נייע קאָמוניסטישע מעטאָדן פון קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע. אַנשטאָט אידעישער פּאָלעמיק מיט די מענטשן וואָס טראַכטן אַנדערש, רייסט מען זיי אַרונטער און מען פאַרשוואַרצט זיי דאָס פּנים פאַר די מאַסן. אַזאַ פּאָליטיק — וואָרנט כמורנער — וועט זיכער פירן צו אידעישער פאַרגליווערטקייט אין די פאַרטייען פון קאָמינטערן.

עטלעכע געשעענישן האָבן באַזונדערס דעמאָנסטרירט די געפערלעכע טענדענצן אין דער פּאָליטיק פוןביידע אינטערנאַציאָנאַלן. כמורנערס אַרטיקלען וועגן דעם האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפקייט און זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט עמאָציע. אַזאַ מין געשעעניש איז געווען די אַרויסשיקונג פון ל. טראָצקי מחוץ די גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס'האָט פאַר כמורנערן אויסגעזען אומגלויבלעך, אַז מען האָט געקענט אַנווענדן אַזעלכע מיטלען קעגן איינעם פון לענינס מיטקעמפערס, קעגן איינעם פון די שעפערס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. „צי קען גאָר זיין — שרייט ער אויס — אַ מער פאַרניכטנדיקער אורטייל פאַר דעם רעזשים, וועלכן סטאַלין פירט מיט אַזאַ ריקזיכטלאָזיקייט אין דער גרויסער ראַטן־מלוכה, און וועלכן דער קאָמינטערן פירט אַדורך מיט דער זעלבער ריקזיכטלאָזיקייט אין די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון אַלע לענדער?" כמורנער אַליין האָט זיך באַצויגן קריטיש צו אַ סך פון טראָצקיס קאָנצעפּציעס; ער האָט געהאַלטן, אַז טראָצקי האָט זיך נישט באַפרייט פון די אילוזיעס פונעם מיליטערישן קאָמוניזם; אָבער פּאָליציייאישע שטראָף פאַר אַן אידעאישן אָפּנייג — דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן אַ טיפן ווידערגעפיל.

מיט ניט ווייניקער צאָרן שרייבט כמורנער אין עטלעכע חדשים אַרום וועגן אַ געשעעניש, וואָס האָט אילוסטרירט די דעמאָראַליזאַציע אין שויס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער אָנפירנדיקער פאַרטיי פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אין 1929 האָט מען אויפן באַפעל פון בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאָליציי־פּרעזידענט צערגיבעל פונאַנדערגעטריבן אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אין טאָג פון 1טן מאַי. אונטער דער ווירקונג פון די שטימונגען וואָס האָבן געהערשט אין דער קאָאַליציע־רעגירונג האָט זיך צערגיבעל דערלויבט אָפּצוטרעטן פון דער לאַנגיאָריקער טראַדיציע פון דער דייטשער

אַרבעטער־באַוועגונג; ער האָט פאַרבאָטן די אַרבעטער צו דעמאָנסטרירן דעם 1טן מאַי. די מיטגלידער פון דער ס.ד. האָבן קעגן זייער ווילן זיך אונטערגעגעבן דעם פאַרבאָט, אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך מאַסנווייז געלאָזט איבער די גאַסן. האָט די פּאָליציי געעפנט אויף זיי אַ ווילדע שיסעריי; ס'זיינען געווען צענדליגער דערהרגעטע און הונדערטער פאַרוואונדעטע. כמורנער האָט געפילט: דאָס פאַרגאָסענע בלוט אין טאָג פון אַרבעטער־יום־טוב שרייט: ס'איז אַן אילוזיע צו גלויבן, אַז דער אָנטייל פון סאָציאַליסטן אין אַ רעגירונג מיינט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז ביי דער מאַכט. מיט אַ נייעם טראַגישן ביישפּיל האָט די ווירקלעכקייט פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז סאָציאַליסטן וואָס טרעטן אַריין אין אַ קאָאַליציע מיט בורזשואַזע פאַרטייען, מוזן זיך סוף־כל־סוף אָפּזאָגן פון דער אייגענער ליניע און מוזן אויספירן די דירעקטיוון פון זייער קלאַסן־שונא.

פאַרשנדיק די געשעענישן אויפן מערב, איז כמורנער געקומען צום אויספיר, אַז די פאַרטייען פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל זינקען אַלץ טיפער אין זומפּ פון רעפאָרמיזם. דעריבער האָט אים נאָך מער באַאומרואיקט דער געדאַנק, וואָס אין זיין אייגענער פאַרטיי שטאַרקן זיך די טענדענצן פון אַ דערנענטערונג מיט דער פּ.פּ.ס. און מיט די רעפאָרמיסטישע פאַרטייען פון מערב. די „איינסערס", די פאַרשטייערס פון דער מערהייט אין דער פאַרטיי, האָבן קאַטעגאָריש געלייקנט, אַז אין דער בונדישער פּאָליטיק זאָלן האָבן פאָרגעקומען עיקרדיקע ענדערונגען. אָבער כמורנער איז באַשטאַנען דערויף, אַז אין די דיסקוסיעס פאַרן 4טן צוזאַמענפאָר האָבן געקלונגען נייע טענער, וואָס זיינען מסוגל אַרויסצורופן זאָרג פאַרן גורל פון דער פאַרטיי. „אין דער אמתן — שרייבט ער — איז עס אַ שטרייט וועגן דער נשמה פון דער פאַרטיי, וועגן איר רעוואָלוציאָנערן גייסט, און דערפאַר איז מען ניט נאָר באַרעכטיקט, נאָר מען מוז רעדן וועגן טענדענצן" („נאָך אַ מאָל וועגן טענדענצן", 23 נאָוועמבער, 1928).

ערב דעם צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין די ערשטע טעג יאַנואַר 1929, האָט מען געפירט לייַדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. זינט דעם פריערדיקן צוזאַמענפאָר זיינען אַוועק פיר יאָר רייך אין געשעענישן. דער באַריכט האָט געמאָלן אַ בילד פון גרויסן וואוקס פון דער פאַרטיי. פאַר די עטלעכע יאָר האָט זיך די צאָל מיטגלידער פאַרטאָפּלט, און דער טיראַזש פון דער צייטונג האָט זיך פאַרפירפאַכט; ס'איז געוואָקסן די צאָל ראַטמענער אין די שטאָטראַטן, קראַנקן־קאַסעס, און קהילות; ס'זיינען אויפגעקומען נייע פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס. דער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט

באַשליסן, אין וועלכער ריכטונג צו ווענדן דעם אויסגעוואקסענעם כוח פון דער פּאַרטיי, און וואָסער ראָליע זאָל דער „בונד" שפּילן אין דער אָרטיקער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די דאָזיקע טעמע איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן אין די צוויי רעפעראַטן, וואָס זיינען געווען די אַקס פון צוזאַמענפאָר. דער תמצית פון ה. ערליכס רעפעראַט איז געווען אַזאַ: דער אַנאַליז פון דער פּאָליטישער סיטואַציע אויף וועלכן דער „בונד" האָט געבויט זיין סטראַטעגיע אין די פריערדיקע יאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט קיין ריכטיקער. די פּאַרטיי איז אַרויס פון דער הנחה, אַז די מלחמה האָט צעטרייסלט די יסודות פון קאַפּיטאַליזם און אַז די אַנטוויקלטע לענדער פון אייראָפּע שטייען אויף דער שוועל פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער איצט איז קלאָר געוואָרן, אַז אין משך פון דער לעצטער צייט האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם געשטאַרקט און ער האָט זיך סטאַביליזירט. אויך אין פּוילן סטאַביליזירט זיך דער קאַפּיטאַליזם אונטער די פליגלען פון דער סאַנאַציע, און די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג באַשטייט אין קאַמף מיטן דאָזיקן רעזשים. אָט דעם קאַמף דאַרפן מיר פירן צוזאַמען מיטן לינקן בלאָק אין סיים.

עס איז צייט — האָט דער רעפערענט געזאָגט — צו רעווידירן די ביז איצטיקע שטעלונג פון דער פּאַרטיי. אין 1921 איז אונדזער אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע זיך צונויפגעפאַלן מיט דער קאָמוניסטישער. אָבער איצט האָט דער גאַנצער „בונד" אָן אונטערשייד פון פראַקציע, זיך געשטעלט אויף אַן אַנדער פּאָזיציע. אונדזער נאַטירלעכער שותף אין איצטיקן מאָמענט איז דער לינקער פליגל פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל. אין פּוילן קען מען זיך ניט באַגיין אָן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט דער פּ.פּ.ס., ניט געקוקט אויף איר אָפּאָרטוניסטישער טאַקטיק; דער „בונד" מוז דאָך סוף־כל־סוף אַרויס פונעם צושטאַנד פון איזאָלאַציע. אָבער די „צווייערס" שרעקן זיך אומזיסט. דער „בונד" איז געווען און ער בלייבט אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי.

י. כמורנער האָט קריטיקירט די עיקרדיקע טעזיסן פון ה. ערליכס רעפעראַט; ער האָט געהאַלטן, אַז זיין אויסגאַנגפּונקט איז אַ פאַלשער. די נאָענטקייט צווישן „בונד" און קאָמינטערן איז געשאַפן געוואָרן ניט אויפן באָדן פון דער אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע; זי איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ געמיינזאַמער אידעישער פּלאַטפאָרמע. נאָך דער מלחמה האָט זיך שאַרף אָנגעצייכנט די ליניע פון צעטיילונג: פון איין זייט זיינען געשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, די אָנהענגערס פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, און פון דער צווייטער זייט — די רעפאָרמיסטן, די פעטישיסטן פון דעמאָקראַטיע. דאָס אָרט

פון בונד איז אין דעם ערשטן לאַגער. במשך פון די לעצטע יאָרן האָט זיך טאַקע די פּאָליטישע סיטואַציע געענדערט; אָבער אַזעלכע ענדערונגען פאָדערן נאָר אַן ענדערונג אין דער טאַקטיק און ניט אין דער פּרינציפּיעלער איינשטעלונג. דער פאַקט גופא, אַז דער קאַפּי־טאַליזם סטאַביליזירט זיך, איז נאָך ניט גענוג אויף צו ענדערן אונדזער באַציאונג צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אָדער צו דעמאָ־קראַטיע. די רעפאָרמיסטן האָבן אויך ניט איינמאָל געביטן זייער טאַקטישע ליניע; איינס איז אָבער זיכער: דער רעפאָרמיזם האָט צוגעהאָלפן סטאַביליזירן דעם קאַפּיטאַליזם און איצטער ווערט די דאָזיקע סטאַביליזאַציע אַ מקור פון רעפאָרמיסטישע שטימונגען.

די פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ זיגזאַגיקע; זיין רעוואָ־לוציאָניזירנדיקע ווירקונג איז במשך די לעצטע יאָרן געוואָרן אָפּגע־שוואַכט. אָבער אויב מען האַלט נאָך אַלץ, אַז מיר לעבן אין אַ תקופה פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, טאָר מען די אַלטע בריקן ניט אויפרייסן; מען טאָר ניט בויען קיין נייעם בריק צום רעפאָרמיזם. מען לייגט אונדז פאָר אַ דערנעענטערונג מיטן לינקן פליגל פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. ס'איז דאָך אָבער קלאָר, אַז דורכן דאָזיקן פליגל וועלן מיר זיך אַריינגיסן אין דיזיקן ים פון רעפאָרמיזם. אין עקזעקוטיוו פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל ווערן אַלע באַשלוסן אָנגענומען איינשטימיק. ביים אָפּשאַצן די פעלקער־ליגע אָדער קאָאַליציע־פּאָליטיק איז קיין שום חילוק ניטאָ צווישן אָטאָ באַוערן *) און מעקדאָנאַלדן. מיט זייערע איצטיקע מעטאָדן גיסן טאַקע די קאָמוניסטן וואַסער אויף דער רע־פאָרמיסטישער מיל. אָבער די לינקע פראַקציע אין „בונד" האָט סיסטע־מאַטיש און מיטן פולן מויל קריטיקירט דעם קאָמינטערן; און דאָס קען מען ניט זאָגן וועגן דער טאַקטיק פון די „איינסערס" לגבי דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל.

צום סוף פון זיין רעפעראַט האָט כמורנער געוואָרנט, אַז אין דער טענדענץ צו אַ דערנעענטערונג מיט פ.פּ.ס. שטעקט אַ גרויסע געפאַר. בלי ספק, איזאָלאַציע איז שלעכט, אָבער מען דאַרף איר ניט שטעלן אַנטקעגן סתם איינהייט, בפרט נאָך ווען די דאָזיקע איינהייט איז ווייט ניט קיין זיכערע; ווי שטענדיק, וועט אויף הנחות מוזן גיין דער שוואַכערער צד. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די פּ.פּ.ס. איז קודם־כל אַ מלוכה־פּאַרטיי. איר שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע קען דער „בונד" בשום אופן ניט אַקצעפּטירן.

*) ערליך האָט זיך אין זיין רעפעראַט פאַררופן אויף דעם, וואָס כמורנער האָט הויך געשעצט אָטאָ באַוערס ווערק.

ביידע רעפעראַטן האָבן אַרויסגערופן אַ לאַנגע און הייסע דיסקוסיע, און כמורנער האָט ווידער אַמאָל געמוזט פאָרמולירן און פאַרטיידיקן זיין שטעלונג. די כוחות־פאַרהעלטעניש אויפן צוזאַמענפאָר זענען פאַר קיינעם ניט געווען קיין איבעראַשונג: פאַר דער רעזאָלוציע פון די „איינסער" האָבן געשטימט 53 דעלעגאַטן; פאַר דער רעזאָלוציע פון די „צווייער" — 42.

אין תוך האָבן די „צווייער" ניט געהאַט קיין גרונט זיך מצער צו זיין. די לינקע פראַקציע האָט זיך אויפן צוזאַמענפאָר געהאַלטן אייניק און פעסט. די מינדערהייט איז אין דער פאַרטיי געבליבן אַ ווירקנדיקער כוח, און די „איינסער" האָבן נאָך דערווײַלע קיין פראַקטישע אויספירן פון זייער שטעלונג ניט געמאַכט; פאַר אַ באַלדיקן אַרייַנטריט אין 2טן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אויפן צוזאַמענפאָר אַרויסגעזאָגט נאָר וויקטאָר אַלטער. און דאָך האָט כמורנערן ניט אָפּגעלאָזן די שווערע שטימונג. נאָך ערב דעם צוזאַמענפאָר האָט ער געשריבן צום ברודער: „די שטימונג... איז ביי מיר ניט קיין געהויבענע — אונזער עולם רוקט זיך אויף רעכטס, איך קאָן זיך ניט מיטרוקן, און ס'איז מיר צו מאָל אַזוי שווער, ניט אויסצוהאַלטן". און ער האָט טרויעריק צוגעגעבן: „דו וועסט מיר, צום באַדויערן, אויך ניט מיטפילן".

די חלוקי־דעות מיט די חברים „איינסער" האָבן כמורנערן פאַרשאַפט ניט ווייניק עגמת־נפש, אָבער אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק האָט ער זיך נישט געפילט אַליין; די גאַנצע לינקע פראַקציע האָט געקעמפט מיט אים האַנט ביי האַנט פאַר די פרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אַ געפיל פון איינזאַמקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט בלויז דאַמאָלסט, ווען ער האָט אין די בריוו צו זיין ברודער יעקב באַרירט דעם תוך פון זייערע חלוקי־דעות. יוסף וואָלט אַ סך געגעבן פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו טיילן מיטן ברודער אַזוי ווי אין אַמאָליקע יאָרן, מיט אַלע זיינע עיקרדיקע געדאַנקען און געפינען ביי אים פאַרשטענדניש, אָבער מיט דער צייט ווערט דאָס אַלץ שווערער. יעקב לעשטשינסקיס אַרטיקלען וועגן רוסלאַנד אין דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" האָבן כמורנערן שטאַרק ווי געטאָן, און ער האָט מיט זיין געוויינטלעכער אויפריכטיקייט געשריבן צום ברודער: „ניט דער איינהאַלט איז אַלע מאָל אַזוי מסוכן, ווי דער טאָן דיינער, וועלכער איז אין אָט די אַרטיקלען תמיד אַן אויפרייצנדיקער.... אָדער אַמאָל פול מיט שאָדנפרייד... איך באַדויער זייער, וואָס דו לייענסט ניט די ווינער „אַרבעטער־צייטונג", דעם עסטרייכישן „קאַמף" — עס וואָלט דיך אפשר באַוואויגן צו רעווידירן אַ ביסל דיין שטעלונג אין אָט דער פראַגע... לייענט מען דיך וועגן רוסלאַנד, מוז מען האָבן דעם איינ־

דרוק, אַז דאָס איז ביי דיר אַ קראַנקער פונקט. און דאָס זעלבע מיט מיר: דאָס איז, אויב דו ווילסט, מיין קראַנקער פונקט. איך קאָן... אַלץ באַגרייפן, אַחוץ: ווי קאָן אַ סאָציאַליסט רודפן (מיט טאַט, צי מיט דער פעדער) ראַטן־רוסלאַנד! מען מעג קריטיקירן, מען דאַרף קיין זאַך נישט פאַרשווייגן — אָבער תמיד דאַרף זיך פילן, אַז עס שרייבט אַן אייגענער, פון זעלבן אַרבעטער־לאַגער. ליידער איז עס ניט אַזוי ביי אַלע סאָציאַליסטן, און אויך צו מיין ווייטאָק (באמת ווייטאָק!) ביי דיר ניט".

אַזעלכע בריוו האָבן יוספן אַ סך געקאָסט; קיין זאַך האָט ער ניט געקענט איבערלעבן בלויז אויף האַלב. מיט קראַנקע לונגען און מיט אַ פאַרוואונדעטער נשמה איז ער געגאַנגען אַנטקעגן נייע נסיונות, וואָס דאָס לעבן האָט פאַר אים געגרייט.

זעכצנטער קאַפּיטל

איינהייט אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט

די אַרבעט פון „בונד" ווערט מיט יעדן יאָר מער פאַרצווייגט; אין דער זעלבער מאָס וואַקסט אויך און פאַרצווייגט זיך די טעטיקייט פון די אָנפירנדיקע פאַרטיי־טוער. די צאָל פלענומס און אַנדערע זיצונגען, אויף וועלכע עס האָט זיך אַזוי ביטער געקלאָגט פּאָליע לעשטשינסקי אין אירע בריוו, איז מיט דער צייט נאָך אויסגעוואַקסן, און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט איז פאַר כמורנערן געווען בלויז אַ צוגאָב צו זיין שטענדיקער פּובליציסטישער אַרבעט.

כמורנער איז געווען איינער פון די בעסטע זשורנאַליסטן אין דער פאַרטיי; ער האָט געזאָרגט וועגן דער פאָרם פון זיינע אייגענע אַרטיקלען און האָט אויסגעצייכנט רעדאַגירט דאָס שרייבן פון די אַנדערע. זיינע קלאָרע, לאָגישע געדאַנקען פלעגט ער אַריינפּאַסן אין לאַקאָנישע זאַצן, און ער האָט געפאָדערט אַזאַ אופן שרייבן אויך ביי זיינע מיטאַרבעטער. אָן רחמנות מעקט ער אויס די געקינצלטע אויסדרוקן, איבערחזרונגען, דייטשמעריזמען און רוסיציזמען אין די פאַרטיי־ און שול־אויסגאַבן, און ס׳פאַרשאַפט אים באַזונדערע עגמת־נפש, ווען אַ לערער פון פאָלקשול באַהערשט ניט גענוג די פאָלקס־שפּראַך. פון זיך אַליין פאָדערט ער נאָך מער ווי פון די אַנדערע; ער שלייפט מיט התמדה יעדן זאַץ זיינעם.

אין אָקטאָבער 1927 האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער בונדישער אָרגאַן „אונדזער צייט". יוסף איז אַריין אין דער רעדאַקציע און האָט אויף זיך גענומען דאָס שרייבן פּאָליטישע איבערזיכטן: אין יעדן העפט האָט ער געגעבן אַ פּאָליטישן סך־הכל אין דער רובריק „פון חודש צו חודש". זיין ערשטער אַרטיקל איז געווען געווידמעט דעם צענטן יאָרצייט פון ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט; זייער טראַגישן טויט שטעלט ער פאָר ווי אַ סימבאָל פון דער ירידה פון דער רעוואָ־לוציע אין דייטשלאַנד. די הויפּט־טעמע פון די שפּעטערדיקע אַרטיק־לען איז די פּראָבלעם „איינהייטלעכער פראָנט". אין יעדן איבערזיכט

פּאָלעמיזירט דער מחבר מיט רעפאָרמיסטן און מיט קאָמוניסטן. ער ווייזט דערביי, אַז די קריטיק פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע טרעפט ניט אין ציל, ווייל די דאָזיקע פּרעסע באַקעמפט נישט דעם רעאַלן רעפאָרמיזם, נאָר זיינס אַן אומגעלומפּערטע קאַריקאַטור.

כמורנער האָט געווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער ליטעראַרישער רובריק פון „אונדזער צייט". אין 1928 איז ער אַריין אין דער רעדאַקציע פון דעם ליטעראַרישן אָרגאַן „ביכער־וועלט", אַרויסגעגעבן דורך דער „קולטור־ליגע". אין זיינע אַרטיקלען וועגן קולטור־ענינים טראָגט ער אַריין דעם זעלבן ברען, ווי אין די פּאָליטישע דיסקוסיעס. פּאָלעמיזירנדיק מיט ניימאַנען, דעם מיטאַרבעטער פון „היינט", קריטיקירט ער דעם ריין־עסטעטישן צוגאַנג צו ליטעראַרישער שאַפונג („ביכער־וועלט", נומ. 2). די ליטעראַטור — האַלט ער — אָרגאַניזירט דעם שטאָף איריז — די ווירקלעכקייט — אויף אַ באַשטימטן אופן און דורך דעם אָרגאַניזירט זי דעם באַוואוסטזיין פון די לייענערס. אַ דאַנק דעם ווערט זי אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג. די ליטעראַטור דאַרף זיך אָריענטירן נישט אויף דעם סתם־לייענער, ווי דאָס פאָדערט ניימאַן, נאָר אויף דעם מאַסן־לייענער. אין נאָמען פון דאָזיקן לייענער באַקעמפט כמורנער דעם אַבסטראַקטן יידישיזם, וואָס איז אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; ער דערמאָנט, אַז די באַוועגונג פאַר יידיש און אויף יידיש איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַשטימטער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן סכום געזעלשאַפטלעכע אידעען. דער פּרינציפּ „יידיש איז אַלץ" טוט אַ בערישע טובה דעם קאַמף פאַר יידיש גופא.

כמורנערס שטרענג־מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו קולטור־פראַגן איז ניט אַלע מאָל געווען אָננעמבאַר אויך פאַר מענטשן, וואָס זיינען אים אידעיש נאָענט געווען. מיט טיפן גלויבן, אַז דער צוגאַנג איז אַ ריכטיקער, פּרואווט כמורנער איבערצייגן זיין פריינד משה זילערפאַרב („ביכער־וועלט", נומ. 7, 1929), אַז דער אַרבעטער־קלאַס שטעלט פאָר דעם איינציק שעפערישן כוח אין יידישן לעבן. ער „פאַרקערפּערט אין זיך די טענדענצן פון דער קומענדיקער אַנטוויקלונג, און דעריבער איז ער דער היסטאָריש באַרופענער העגעמאָן און טאָןגעבער אויך אין אונדזער קולטור־באַוועגונג". מ. זילבערפאַרב האָט דערזען אין דער דאָזיקער שטעלונג „שעדלעכע אילוזיעס". ער האָט נישט נעגירט די ראָל פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער קולטור־אַנטוויקלונג און ער איז מסכים געווען מיט פּרצן, אַז „עברי־טייטש איז געוואָרן אַ יידישע שפּראַך ערשט דאַן, ווען עס באַווייזט זיך דער יידישער אַרבעטער"; אָבער זילבערפאַרבן האָט געשראָקן די פער־

ספּעקטיוו פון איזאָלאַציע פון אַרבעטער־קלאַס און זיין אָפּגעריסן־ווערן פון אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאַפט. כמורנערן איז פרעמד געווען אַזאַ געפיל; ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון די פאָלקסמאַסן, און אויב די אינטעליגענץ וויל זיין שעפעריש, דאַרף זי זיך ווענדן מיטן פנים צום אַרבעטער־לאַגער. „שיין־גייסטעריי" — האָט ער גע־טענהט — מיינט אין דער אמתן נאַרן זיך אַליין. אירע אָנהענגער פירן אויך אויס אַ באַשטימטע „סאָציאַלע באַשטעלונג". שיין־גייסטעריי איז אַ פסעוודאָנים פון אומקלאָרקייט און פאַרווישטקייט פון „סאָציאַלע מחיצות", און דאָס ליגט אויף דער אינטערעסן־ליניע פון אַ באַשטימ־טער געזעלשאַפטלעכער שיטה. „די שייכות צווישן דעם קינסטלער און דער געזעלשאַפט — שרייבט ער — איז ניט אַזוי לייכט אויפ־צודעקן, ווי ביי אַ פאָליטישן טוער... ...אָבער די שייכות איז פאַראַן". אונדזער לעבן איז פול מיט סאָציאַלע קאָנפליקטן, און אַ קינסטלער דאַרף האָבן אַ באַציאונג צו דעם מאַטעריאַל, איבער וועלכן ער אַרבעט. אין דעם זין קען מען האַלטן, אַז דער באַגריף „פרייער קינסטלער" איז אַן אילוזאָרישער.

כמורנער האָט זיך אָפט אומגעקערט צו דער דאָזיקער טעמע. ער האָט דערביי כסדר באַטאָנט, אַז די מאַסן־באַוועגונג האַמעוועט ניט דעם וואוקס פונעם יחיד; זי איז אַ נאַטירלעכע סביבה, אין וועלכער עס וואַקסן און גדייען קרעפטיקע יחידישע נאַטורן. מאַרקסיזם פאַר־לייקנט ניט די ראָל פון יחיד, ער ווייזט בלויז אָן די באַדינגונגען אין וועלכע דער יחיד קען אַרויסווייזן זיינע אינדיווידועלע כוחות.

זיינע געדאַנקען וועגן קולטור־אַרבעט פלעגט כמורנער אַרויס־ברענגען אויך אין „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור". אין די אַרטיקלען וועגן שול־וועזן און וועגן אַזעלכע קולטור־דערשיינונגען, ווי ייוואָ און יידישע ענציקלאָפעדיע (אגב, וועגן די ביידע פאָלעמיזירט ער מיט זיין ברודער יעקב און וואַרפט אים פאָר די טענדענץ צו „בורגפרידן" אין יידישן לעבן), איז זיין ליניע שטרענג אויסגעהאַלטן: ער האַלט, אַז סאָציאַלע קאָנפליקטן דאַרף מען ניט פאַרטושן, נאָר פאַרטיפן — אויפן קולטור־געביט פונקט אַזוי ווי אין פאָליטיק. די דאָזיקע דאָגמאַ־טישקייט האָט ניט צעשטערט אינעם פאַרטייאישן פובליציסט דעם פיינעם ליטעראַרישן חוש און די טיף־עמאָציאָנעלע באַציאונג צו לי־טעראַטור. יידישע שרייבער, וואָס האָבן ניט איין מאָל קריטיקירט זיינע בליקן, האָבן דאָס געוואוסט און געשעצט. זיי האָבן אים כסדר גע־ווילט אין דער פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין.

דאָס אַריינטרעטן פון „בונד" אין די קהילות האָט געשאַפן פאַר

כמורנערן נייע פּליכטן; ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער וואַרשעווער קהילה. אַלס אַ „דאָזאָר", האָט ער נישט נאָר געפירט שאַרפע פּרינציפּיעלע וויכוחים מיט די פאָרשטייערס פון דער בורזשואַזיע און אָרטאָדאָקסיע, נאָר ער האָט אויך געקעמפט פאַר פּראַקטישע מאָסמיטלען, אין וועלכע די יידישע אָרעמקייט איז געווען טיף פאַראינטערעסירט. און מיט ניט־אויסשעפּלעכער געדולד און אויפמערקזאַמקייט פלעגט ער אויסהערן די פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו אים מיט זייערע זאָרגן.

נאָך ב. מיכאַלעוויטשעס טויט, האַרבסט 1928, ווערט כמורנער דער פאָרזיצער פון ציש״א, און זיין צוזאַמענגעבונדנקייט מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע ווערט נאָך ענגער. באַלד נאָך זיין קומען קיין וואַרשע איז כמורנער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער ציש״א; במשך פון יאָרן האָט ער געפירט אַ ברייט פאַרצווייגטע אַרבעט פאַר צענטראַליזירן דאָס יידיש שול־וועזן. ווען ער האָט צוליבן מאַנגל אין צייט פאַרלאָזן זיין סעקרעטאַר־אַמט, האָט ער ווייטער געדינט דער ציש״א מיט זיין פעדער. די אויפגאַבע איז נישט געווען קיין לייכטע: ער האָט געמוזט כסדר אַלאַרמירן וועגן די מאַטעריעלע שוועריקייטן און וועגן די פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף די פאָלקשולן. די סאַנאַציע האָט סיסטעמאַטיש פאַרפאָלגט די ציש״א און האָט אָפן פּראָטעזשירט די תרבות־שולן, וואָס האָבן ניט געטראָגן קיין פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער און ניט געשטערט דעם פּראָצעס פון פּאָלאָניזירן די יידישע יוגנט.

אין אָקטאָבער 1931 האָט די ציש״א זיך אָפּגערופן אויף די פאַרשטאַרקטע אַדמיניסטראַטיווע רעפּרעסיעס מיט אַן איינמאָליקער אויסגאַבע „אונדזער רוף". אויף דער ערשטער זייט איז געווען געדרוקט כמורנערס אַן אַרטיקל, וואָס האָט געטראָגן אַ דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער. דער מחבר האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז די פאַרפאָלגונגען וועלן נאָך פאַרשטאַרקן די אַקטיווקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און איר בונד מיט די מאַסן. „מיר וועלן יעדע געשלאָסענע שול — דערקלערט ער — מאַכן פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ קרעפטיקער שול־באַוועגונג... ...מיר וועלן גראָבן גרויסע און טיפע אָקאָפּעס אַרום די שולן. מיר וועלן זיי אַרומרינגלען מיט אַ מויער פון שוץ און סימפּאַטיע פון וואָס ברייטערע מאַסן... מיר וועלן נאָך ענגער פאַרבינדן דעם שול־קאַמף מיטן אַלגעמיינעם באַפרייאונגס־קאַמף פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן". די שול־טעטיקייט איז געווען פאַר כמורנערן אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט פּאָליטיק; דאָס האָט אָבער ניט פאַרשמעלערט אירע

ראַמען — דאָס האָט גיכער אויסגעברייטערט די ראַמען פון דער פּאָליטיק.

פון אַלע זייטן קומען ידיעות, וואָס מאַכן דעם דופק פונעם פּאַרטיי־זשורנאַליסט האַסטיקער צו שלאָגן. אין יאָר 1929 איז די יידישע געזעלשאַפט צערודערט צוליב די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע. כמורנער האָט זיך אָפּגערופן אויף זיי מיט אַ סעריע צייטונגס־אַרטיקלען, וואָס זיינען שפּעטער דערשינען אין פאָרם פון אַ בראָשור אונטערן נאָמען „וואָס לערנען אונז די געשעענישן אין פּאַלעסטינע". ער שטעלט פעסט, אַז די נייע פאַקטן באַשטעטיקן זיינע פריערדיקע פּראָגנאָזן. שוין לאַנג האָט ער אָנגעוויזן, אַז אין תוך פון ציוניזם ליגט אַ סתירה צווישן צוויי פאַקטאָרן — צווישן דעם מיסטישן דראַנג צום לאַנד פון די אָבות און דער פּראַקטישער טעטיקייט אונטער די פליגלען פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק. באַלפורס דעקלאַראַציע — האַלט ער — איז ניט מער, ווי אַ שאַך־צוג אין דער סטראַטעגישער שפּיל פון ענגלאַנד אין נאָענטן מזרח. קיין צווייפל, אַז ענגלאַנד וועט זיך ניט קריגן מיט דער אַראַבישער וועלט, כדי צו העלפן פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע טרוימען. דער נאַציאָנאַליזם, וואָס וואַקסט אַלץ מער אין דער אַראַבישער סביבה, שאַפט שינאה לגבי דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, אָבער אַ סך שטאַרקער ברענט די שינאה צו דעם ציוניזם; די אַראַבער האַלטן, אַז די ענגלישע אָקופּאַציע איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, בעת די ציוניסטן פּרוּוון צו שאַפן אַ סטאַבילע יידישע מערהייט. דאָס פאַררופן זיך אויף דער קולטור־טרעגערישער טעטיקייט פון די יידישע קאָלאָניסטן האַלטן די אַראַבער פאַר נישט איבערצייגנדיק; אַלע אָקופּאַנטן פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון קולטורטרעגער. און היינט צו טאָג — קאָנסטאַטירט כמורנער — איז די ביטערע ווירקלעכקייט פון פּאַלעסטינע — בערג מיט מתים אויף ביידע זייטן.

אַנאַליזירנדיק די טעטיקייט פון די ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען, האָט כמורנער באַטאָנט, אַז זיין קריטיק איז געווענדט נישט קעגן זייער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, נאָר קעגן זייער דעסטרוקטיווער אַרבעט אין גלות, ווייל „נאָר אין דעם אַבסאָלוטן אומגלויבן אינעם גלות שעפּט דער ציוניזם זיין פאַרצווייפלטן גלויבן אין פּאַלעסטינע".

די יידישע קאָמוניסטישע פּרעסע האָט זיך אָפּגערופן אויף כמורנערס בראָשור אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן: זי האָט אין איר דערזען קאַפּיטולאַציע פאַרן ציוניזם...

כמורנער האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער

אידעאָלאָגיע במשך פון אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ — אין אָנהייב ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און שפּעטער — ווי איר אויפמערקזאַמער פאָרשער. נישט איין מאָל האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע: צי האָט דער ציוניזם עוואָלוציאָנירט פאַר די דרייסיק יאָר? זיין ענטפער איז געווען, אַז די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך אין איר תוך ווייניק געביטן. דעם דאָזיקן געדאַנק אַנטוויקלט ער אין זיין אַרטיקל „ווי מיט 30 יאָר צוריק" („פאָלקסצייטונג", 21 אַפּריל, 1933), וואָס איז געשריבן אונטערן איינדרוק פון בן־גוריונס אַ רעפעראַט. די פועלי־ציון, רעכטע און לינקע — ווייזט דער מחבר אָן — האָבן שטענדיק נעגירט די עקזיסטענץ פון אַ סתירה צווישן „דאָ" און „דאָרטן". בן־גוריון האָט באַשטעטיקט דעם פאַקט פון דער דאָזיקער סתירה. די דאָמינירנדיקע נאָטע אין זיין רעדע איז געווען זיין איבערצייגונג אין דער מינדערווערטיקייט פון יעדער גלות־אַרבעט און יעדן גלות־קאַמף.

צו דער טעמע „דאָ" און „דאָרטן" קערט זיך כמורנער אום, ווען ער אַנאַליזירט די אַלטע טעאָריע פון „צוויי פלאַכן", וואָס איז געווען אַמאָל די באַזע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. ס'איז אוממעגלעך — שטעלט ער פעסט — צו דערפילן אין דער זעלבער צייט צוויי פונקציעס, וואָס ציען יניקה פון קעגנזעצלעכע קוואַלן. בעת די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אָנערקענט בלויז דעם „דאָרטן", האָבן די ס.ס.אָוצעס און „פאַראייניקטע" אַזוי לאַנג אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון „דאָ", ביז דער „דאָרטן" איז פאַרשוואונדן, און זיי זיינען אַריין אין „בונד". אין די רייען פון פועלי־ציון הערשט צעטומלטקייט: די רעכטע האַלטן דעם „דאָרטן" פאַרן וויכטיקסטן טייל פון זייער אַרבעט, די לינקע זוכן אַ סינטעז. קיין סינטעז איז אָבער ניט מעגלעך: ציבחט מען פייער אין די הערצער פאַר פּאַלעסטינע, לעשט מען דערמיט גופא דאָס פייער פון לעבן אין אונדזערע ישובים.

אין אויגוסט 1933 איז כמורנער געפאָרן קיין פּראָג, ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָלקסצייטונג", אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. זיינע איינדרוקן האָט ער סומירט אין די אויספירלעכע באַריכטן. דער קאָנגרעס איז געווען לויט זיין מיינונג אַ גרויער, אַן איינטאָניקער, אָן שום הויפּט־אידעע, אָן אַ חוש פאַר דער הייַנטיקער ווירקלעכקייט. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר ממש אומגלויבלעך: דער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף דער ראָל פון אַ נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט, האָט זיך קוים אָפּגערופן אויף די גורל־פראַגן פון יידישן לעבן אין דער היטלער־צייט. באַזונדערס האָט כמורנערן אויפגעבראַכט דער פאַקט,

וואָס די רעזאָלוציעס האָבן פאַרשוויגן דעם באָיקאָט פון דייטשע סחורות.

דאָס אייגנאַרטיקסטע אין כמורנערס אַרבעט איז געווען — גאַנצ־קייט אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די עיקרדיקע פּרינציפּן, וואָס זיינען פאַר אים געווען אַ געבאָט פון שכל, אַן אימפּעראַטיוו פון געוויסן און אַן עמאָ־ציאָנעלע רעאַקציע אויף דער ווירקלעכקייט פון דער עפּאָכע. פאַר מענטשן, וואָס זייערע לעבנס־פּרינציפּן גייען אַדורך אַזאַ דרייפאַכיקן פילטער, דראָט ניט קיין געפאַר פון דאָקטרינערישקייט. זייער אידעאישע קאָנסעקווענטקייט ווערט אַן אויסדרוק פון זייער אינערלעכער גאַנצקייט.

זיבעצנטער קאַפּיטל

קעגן דעם שטראָם

דער אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן איז געווען פאַרן „בונד" אַ תקופה פון שאַרפסטע אינערלעכע קאָנפליקטן. די פּאָלעמיק צווישן די „איינסער" און די „צווייער" אין דער פּרעסע און אויף די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען איז געוואָרן אַלץ לייַדנשאַפטלעכער. איר הויפּט־טעמע איז געווען דער פּראָיעקט אַז דער „בונד" זאָל זיך אָנשליסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". מיט גרויס אויפרעגונג האָט כמורנער געוואָרנט זיינע חברים קעגן דעם אָנשלוס. ער האָט דערמאָנט, אַז אין 1921 האָט דער „בונד" זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין קאָמינטערן, ווייל ס'האָט אים געדראָט די געפאַר פון זעלבסטליקווידאַציע; איצטער — האָט כמורנער געהאַלטן — דראָט דעם „בונד" די זעלביקע געפאַר, ווייל אַלע פאַרטייען וואָס זיינען אַריין אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן פאַרלוירן זייער פּנים. ניטאָ אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע קיין אָרט פאַר פּראַקציעס, און די וויכוחים פירט מען בלויז אויף דער ליניע פון מלוכה־אינטערעסן.

דער צוזאַמענפאָר איז געווען באַשטימט אויף יוני 1930. אויפן סדר־היום איז געשטאַנען בלויז איין פּונקט — די פּראַגע וועגן דעם אָנשלוס. נעמענדיק אין אַכט די כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער פּאַרטיי, האָט מען געקאָנט פאָרויסזען דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג. כמורנער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער אומרואיק. ער שרייבט צו זיין ברודער: „מען מוז אַנטוויקלען אַקטיוויקייט ביז דעם צוזאַמענפאָר. רואיק? ווי קען מען זיין רואיק? עס גייט דערצו, אַז מיט יעדער וואָך וועט מסתמא ווערן אומרואיקער... באַלד וועט זיך אָנהויבן די דיסקוסיע, די שריפטלעכע און די מינדלעכע צוגלייך. פאַרשטייסט מסתמא אַליין, אַז ביליק קאָסט מיך די גאַנצע מעשה ניט."

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט צוויי טעג — דעם 1טן און דעם 2טן יוני. ער איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פונעם לאָדזשער שטאָט־

ראַט, וואָס איז געווען דעקאָרירט מיט רויטע פענער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. די גאַלעריע איז געווען פול געפּאַקט. אין דער אויסערלעך יום־טובדיקער אַטמאָספער האָט מען געפילט אַן אומגעווינטלעכע נערוון־שפּאַנונג. דער תמיד רואיקער און איינגעהאַלטענער ח' נח האָט געעפנט די ערשטע זיצונג מיט אַ רעדע, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן זיין אומרואיקייט. ער האָט דערביי ציטירט מעדעמס פּאַטעטישע ווערטער: „מיטן „בונד" אַפילו אין גהינום". די פאָרשטייער פון דער לינקער ריכטונג האָבן שוין אין אָנהייב אונטערגעשטראָכן זייער באַציאונג צום צוזאַמענפאָר; זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין זיין פּרעזידיום. ווען מען האָט צווישן אַנדערע באַגריסונגען פאָרגעלייענט די טעלעגראַמע פון דעם פּאַריזער ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן די „צווייער" דעמאָנסטראַטיוו אַפּלאָדירט, און פון די רייען פון די „איינסער" זיינען געפאַלן עטלעכע צווישנרופן. די אַטמאָספער איז געוואָרן הייס: ס'איז געהאַנגען אין דער לופטן די דראָונג פון אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס.

באַלד אין אָנהייב פון דער דיסקוסיע האָבן די אָנהענגער פון דער „טעזע צוויי" פאָרגעלייגט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל זיך דערקלערן פאַר אַ קאָנפערענץ, וואָס וועט נישט אָננעמען קיין ענדגילטיקן באַשלוס אין דער פראַגע וועגן אינטערנאַציאָנאַל. אַזאַ וויכטיקער באַשלוס — האָבן זיי געטענהט — קען אָנגענומען ווערן בלויז מיט אַ קוואַליפיצירטער מערהייט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז כמעט אַ העלפט פון די חברים האַלטן דעם אַריינטריט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַר אַ פאַרגוואַלטיקונג פון זייער געוויסן, דאָס מיינט שאַפן אַ מין „אויסנאַם־צושטאַנד" פאַר דער מינדערהייט אין דער פּאַרטיי. די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אָבער ניט געלאָזט איבערצייגן: מען האָט דערקלערט דעם צוזאַמענפאָר פאַר אַ באַפולמעכטיקטן. די „צווייער" זענען אַרויס אויף אַ באַראַטונג.

די צווייטע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דעקלאַראַציע פון די „צווייער", פאָרגעלייענט דורך כמורנער. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל, ווען ער איז פּאַמעלעך אַרויפגעטראָטן אויף דער טריבונע. ער איז געווען נאָך בלאַסער, ווי געוויינטלעך, און די בלאַסקייט האָט אונטערגעשטראָכן דעם פיבער־גלאַנץ פון זיינע אויגן, טיף־איינגעפאַלענע נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט. די דעקלאַראַציע האָט פעסטגעשטעלט: „דער ענין אינטערנאַציאָנאַל איז אַן ענין פון דעם וועג צו סאָציאַליזם. די פּאַרטיי האָט אין משך פון יאָרן קלאָר פאָרמולירט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל מוז געבויט ווערן אויף אַ פעסטן רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן יסוד... די גאַנצע פּאַרטיי האָט געהאַט

אַ נעגאַטיווע באַציונג צום רעפאָרמיסטישן וועג און פאַרוואָרפן יעדן געדאַנק וועגן אַריינטרעטן אין דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע אָריענטאַציע האָט געגעבן כוח דער פאַרטיי אַריבערצוטראָגן דעם צו־שטאַנד פון געצוואונגענער איזאָלאַציע. אָבער צוליב אַ רייע סיבות — איינע פון זיי איז געווען די טאַקטיק פון קאָמינטערן — האָט דער רע־פאָרמיזם אין די לעצטע יאָרן באַוויזן צו באַהערשן אידעיש און אָרגאַ־ניזאַציאָנעל די מערהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין רוב לענדער. ליידער זייַנען די חברים איינסער אויך נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איצט זייַנען זיי גרייט צו קאַפּיטולירן פאַרן רעפאָרמיזם. דער פאָרשלאַג פון אָנשלוס איז אַ וויטערדיקער עטאַפּ אין דער רעוויזיע פון די פרינציפּיעלע פּאָזיציעס, וואָס די איצטיקע מערהייט האָט אָנ־געהויבן אויפן 3טן צוזאַמענפאָר. דאָס וועט האָבן אַן אָפּקלאַנג ווייט איבער די רייען פון „בונד", ס'איז אַ ניצחון פון רעפאָרמיסטישן לאַגער. אַזאַ באַשלוס טאָר ניט אָנגענומען ווערן מיט אַ קליינער מערהייט. דערפאַר האַלט די לינקע פראַקציע פאַר אוממעגלעך איר אָנטייל אין צוזאַמענפאָר. זי זעט אין דער טאַקטיק פון דער מערהייט דעם ווילן צו דערשטיקן די לינקע ריכטונג. די פראַקציע דערקלערט, אַז זי וועט אין וואָרט און שריפט ווייטער קעמפן פאַר אירע אָנשויאונגען".

איינער פון די דעלעגאַטן פון די „צווייער" באַשרייבט די דאָזיקע סצענע אויף אַזאַ אופן: *) „די דעקלאַראַציע פון די לינקע דעלעגאַטן איז אויסגעהערט געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר ביי אַ טויטער שטילקייט אין זאַל און ביי אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג. דאַכט זיך, מען הערט, ווי הערצער קלאַפּן. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ דראַמאַטיזם, וועלכער לאָזט זיך ניט באַשרייבן מיט קיין פעדער. ח' כמורנער ענדיקט לייענען די דעקלאַראַציע. די לעצטע... לאָזונגען קלינגען ווי אַ פייער־לעכע שבועה. „זאָל לעבן דער „בונד"! זאָל לעבן דער רעוואָלוציאָ־נערער סאָציאַליזם" — רופט אויס צום לעצטן מאָל ח' כמורנער אַראָפּגייענדיק פון דער טריבונע, און ווי דורכגעשפּיזט דורך אַן עלעק־טרישן שטראָם שטעלן זיך אויף אַלע לינקע דעלעגאַטן פון די ערטער, און עס הילכט פון זייערע ברוסטן אַרויס „די שבועה" — אַן אָנזאָג, אַז זיי פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר, אָבער בלייבן מיטן „בונד".

אין זיין ענטפער האָט זיך ה. ערליך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיין אויפרעגונג. ער האָט דערקלערט, אַז אַ פאַרטיי־מענטש, וואָס פאָלגט נאָך די פראַקציע אָנשטאָט זיך אונטערצוואַרפן דעם

---

*) פּ. שוואַרץ, „דער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש", „קעגן שטראָם", וואַרשע, 1930, אויגוסט.

באַשלוס פון דער פּאַרטיי־מערהייט, באַגייט אַ פאַרברעכן לגבי דער פּאַרטיי. נאָכדעם ווי ער האָט באַנוצט אַ שאַרפן אויסדרוק, וואָס האָט באַליידיקט די דעלעגאַטן־„צווייער", האָבן זיי פאַרלאָזט דעם זאַל.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע באַראַטונגען. צוועלף אַ זייגער ביי־נאַכט איז ה. ערליך געקומען צו די „צווייער". ער האָט דערקלערט, אַז ער ציט צוריק זיינע שאַרפע ווערטער, וואָס זיינען געווען אַרויס־געזאָגט אין פייער פון פּאָלעמיק, און ער בעט זיינע לינקע חברים, זיי זאָלן אַ טראַכט טאָן וועגן זייער ווייטערדיקער טאַקטיק אויף אַ רויקן און חברישן אופן.

עס האָבן זיך שוין געוויזן איבער די לאָדזשער דעכער די ערשטע זון־שטראַלן, ווען די דעלעגאַטן פון דער לינקער ריכטונג האָבן זיך אומגעקערט אינעם זאַל פון צוזאַמענפאָר. ח' וואַסער דערקלערט אין זייער נאָמען: זיי האָבן געוואָלט אונטערשטרייכן דורך זייער דעמאָנ־סטראַטיוון אַוועקגיין, אַז זיי נעמען ניט אויף זיך קיין אחריות פאַר אַ פאַטאַלן באַשלוס פונעם צוזאַמענפאָר; זיי האָבן אָבער ניט געקלערט וועגן פאַרלאָזן אין אַט דעם קאַמף דעם באָדן פון דער פּאַרטיי. זיי פאָדערן קאַטעגאָריש פון דעם צוזאַמענפאָר אַ הסכם אויף אַרויסגעבן זייער אייגענעם זשורנאַל.

אין זיין שלוס־וואָרט האָט ה. ערליך אונטערגעשטראָכן, אַז די פראַגע, וואָס האָט ביי אַנדערע פּאַרטייען ניט איין מאָל געפירט צו אַ שפּאַלטונג, האָט ניט באַוויזן צו צעשטערן די טראַדיציאָנעלע אייני־קייט פון „בונד"; דער צוזאַמענפאָר זאָגט עדות, אַז דעם „בונד" קען מען נישט ברעכן.

י. כמורנער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע. ווי אַ האַמער האָט געקלאַפּט אין זיין מוח דער ביטערער געדאַנק: צען יאָר פון קאַמף האָבן ניט געבראַכט צום זיג פון די אידעען, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די איינציק ריכטיקע. אָבער ניט ער אַליין, און ניט זיינע מיטקעמפער האָבן ניט געטראַכט וועגן אָפּטרעטן פון זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבן דאָך דערקלערט אויפן צוזאַמענפאָר, אַז זיי האָבן בדעה צו פירן אַ קאַמף אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי „אין וואָרט און שריפט". זייער ערשטער שריט איז געווען — שאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן.

אין אויגוסט 1930 איז אַרויס דער ערשטער נומער פונעם זשור־נאַל, וואָס האָט געטראָגן דעם אויסדרוקפולן נאָמען „קעגן שטראָם". כמורנער איז געוואָרן זיין הויפּט־רעדאַקטאָר; די מיטאַרבעטער זיינען געווען ח. וואַסער, ל. האָדעס, ל. פיינער, פ. שוואַרץ, שרה, ל. אַלער און אַנדערע. די עיקרדיקע טענדענצן פון דעם זשורנאַל זיינען געווען

פאָרמולירט אינעם לייט־אַרטיקל, אָנגעשריבן דורך ל. פֿיינערן. דער מחבר האָט מעלאַנכאָליש קאָנסטאַטירט: „דעם אַרבעטער־קלאַס איז אַ פּנים באַשערט אַדורכצוגיין אַ לאַנגן מדבר פון רעפאָרמיזם, ביז ער וועט אין זיך גרויסער מערהייט אַרויף אויף... רעוואָלוציאָנערע שליאַכן... דעריבער — רעפאָרמיזם איז דער הויפּט־פּיינט".

דער גרעסטער טייל פון ערשטן נומער „קעגן שטראָם" איז געווען געווידמעט דעם לאָדזשער צוזאַמענפאָר. אין זיין אַרטיקל „נאָך לאָדזש" האָט כמורנער דערקלערט: די פאַרטיי איז ניט קיין אַריטמעטישע סומע פון פראַקציעס, זי איז אַן אָרגאַנישע אייגהייט. די אינערלעכע דעמאָקראַטיע איז דער יסוד פון אַ נאָרמאַלן פאַרטיי־לעבן. דער באַשלוס וועגן אָנשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן סמך פון אַריטמעטיק. די מערהייט פונעם צוזאַמענפאָר האָט איגנאָרירט די וויכטיקסטע פראַגע: צי דראָט ניט דער אָנשלוס צו צעשטערן די באַדינגונגען פון נאָרמאַלן צוזאַמענלעבן אינעם „בונד"? די רעזאָלוציע פון דער מערהייט איז אַ קלאַפּ פאַר דער פאַרטיי. אָבער די „צווייער" דאַרפן ניט אַריינפאַלן אין קיין שום רעזיגנאַציע: זיי דאַרפן פּראָפּאַגירן זייערע אידעען מיט אַ פאַרטאָפּלטער ענערגיע. כמורנער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיטן צוזאָג, אַז זיינע חברים וועלן ווי פריער „שאַנעווען דעם גרונט־געבאָט פון דעם פאַרטיי־לעבן — געשלאָסנקייט אין טאָט", אָבער — האָט ער צוגעגעבן — „פּונקט אַזוי מוז געשאַנעוועט ווערן דער צווייטער כלל: פרייהייט פון וואָרט פאַר און נאָך דעם טאַט. געשלאָסענע האַנדלונג, אָבער פרייע באַהאַנדלונג... עס איז דער לעבנס־תנאי... פאַר דער גאַנצער פאַרטיי".

קורץ נאָך דעם צוזאַמענפאָר האָט די פאַרטיי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דעמאָנסטרירן „די געשלאָסנקייט פון טאַט"; אַלע כוחות זיינען געווען מאָביליזירט פאַר דער קאַמפּאַניע צו די סיים־וואַלן.ביידע ריכטונגען האָבן סאָלידאַריש געאַרבעט מיט גרויסן ברען. אין משך פון דער קאַמפּאַניע האָט דער „בונד" געקראָגן אַ מעגלעכקייט פונאַנדערצואוויקלען זיין פּראָגראַם פאַר דער ברייטסטער אוידיטאָריע און באַוויזן, אַז ער באַשיצט די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. די וואַל־פאַרזאַמלונגען האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם; פונדעסטוועגן האָט די פאַרטיי ניט באַוויזן אַריינצופירן אין סיים קיין איין דעפּוטאַט. יוספן האָט דאָס פאַרשאַפט גרויס פאַרדרוס. באַלד נאָך די וואַלן שרייבט ער צו זיין ברודער: „אַלע אַרבעטער פילן זיך ווי באַליידיקט... פון אַ באַהאַלטענעם כוח, וועלכער האָט זיי, אַ מחנה פון 20 טויזנט מאַן, אָפּגעשיקט אַהיים מיט גאָרנישט. ...ס'איז ניט צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ס'האָט אומעטום געהערשט... און דאָ קומען צו בכלל

רעיונות וועגן דעם גורל אונדזערן, ווען מען איז איזאָלירט פון אַלע לאַנד־כוחות... מיטן שכל פאַרשטייען מיר, אַז די קאַמפּאַניע האָט אונדז אומגעהויער פיל געגעבן, מיר זיינען אין איר אויסגעוואַקסן מער, ווי ס'האָט זיך געחלומט... און דאָך באַגט אַזאַ פּאַרדרוס, „...ניט גובר צו זיין...״

די וואַלן האָבן נאָך אַ מאָל דעמאָנסטרירט די איזאָלאַציע פונעם „בונד״, וואָס האָט יוסעפן שטענדיק פאַרשאַפט עגמת־נפש. ער באַמערקט מעלאַנכאָליש אין „קעגן שטראָם״: „נאָך לאָדזש, ווי פאַר לאָדזש, אונדזער אַרמיי איז געבליבן אַליין...״ ניט ער אַליין, און ניט זיינע מיטקעמפער האָבן ניט געשאַצט צו הויך די באַדייטונג פון סיים אינעם לעבן פון פוילן. זיי האָבן פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי בייטיקט זיך אין אַ טריבונע, כדי צו לאָזן הערן איר פּראָטעסט קעגן דעם רעזשים אויפן גאַנצן שטח פון לאַנד. די פּאַרטיי־פּרעסע האָט ניט געקאָנט ווערן אַזאַ מין טריבונע. די צענזור האָט ממש געווילדעוועט; די זייטן פון דער „פאָלקסצייטונג״ זיינען געווען פול מיט גרויסע ווייסע פלעקן, מיט ספּעציעלן אייפער האָט די צענזור געשטערט אַלע פּרואוון צו פּראָטעסטירן אין דער „פאָלקסצייטונג״ קעגן דער באַרבאַרישער אָפּרעכענונג פון דער רעגירונג מיט די טוערס פון „צענטראַלעוו״, וועלכע מען האָט אַריינגעוואָרפן אין דער בריסקער פעסטונג. כמורגער האָט שוין לאַנג פאָרויסגעזאָגט די פאַשיזירונג פונעם סאַנאַציע־רעזשים; איצט, ווען זיין פּראָגנאָז האָט זיך באַשטעטיקט, האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דאָס צו באַווייזן אין שריפט.

ער האָט ווייטער געשריבן פאַר דער „פאָלקסצייטונג״ און אַנדערע אויסגאַבן, אָבער זיין ליבלינג־אַרבעט איז געוואָרן דאָס שרייבן פאַר „קעגן שטראָם״; דאָ האָט ער געקאָנט רעדן מיט אַ פולער שטימע וועגן די זאַכן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע און עיקרדיקסטע. די אַרטיקלען אונטערן נאָמען „פּרימאַ און סעקונדאַ״ (יאָרן 1931 און 1933) און „אונדזער וועג״ (נאָוועמבער 1933) האָבן געגעבן אַ גענויעם אַנאַליז פון דעם שאַרפן וועלט־קריזיס, וואָס איינער פון זיינע סימפּטאָמען איז געווען דער וואוקס פון פאַשיזם.

אין דעם ציקל „פּרימאָ און סעקונדאָ״ פּרואווט דער מחבר פעסטצושטעלן דעם ריכטיקן כראָנאָלאָגישן גאַנג פון די געשעענישן. ס'איז אַן אָנגענומענער כלל — שרייבט ער — אַז די שפּאַלטונג אין די רייען פונעם אַרבעטער־קלאַס איז געווען די הויפּט־סיבה פון אַלע זיינע מפּלות. די געשיכטע אָבער לערנט אונדז, אַז דער בראשית פון דער קראַנקהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאַטירט זיך פון דעם רע־

פאַרמיסטישן זינדפאַל פון אַ צאָל פאַרטייען. פרימא איז געווען דער דאָזיקער קער און נאָך דעם איז געקומען די שפּאַלטונג, אויך אין דער פּראַקטישער פּאָליטיק מאַכט מען אַ פאַטאַלן פעלער, ווען מען איגנאָרירט די „פרימא און סעקונדא״. וועגן דעם זאָגן עדות די באַשלוסן פון בונדישן 5טן צוזאַמענפאָר. מען האָט ניט געטראַכט, אַז ווען מען וויל שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַראייניקונג, דאַרף מען פריער קומען צו אַ הסכם וועגן אַ געמיינזאַמער פּאָליטיק. פריער — אַ פּאָליטישע איניקייט, און נאָך דעם — איר אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם. דער אויספיר איז אַזאַ: די אויפגאַבע היינט צו טאָג איז ניט דער אַריינטריט פונעם „בונד״ אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אים אידעאָלאָגיש פרעמד, נאָר אַן איינהייטלעכער פראָנט פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פאַרטייען, וואָס פאָדערט ניט פון זיינע באַשטאַנד־טיילן קיין שום אידעאָלאָגישע קרבנות.

דער אַרטיקל „אונזער וועג״ פאָרמולירט דעם תמצית פון די וויכוחים צווישן די רעפאָרמיסטן און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. בשעת די לעצטע האַלטן די היינטיקע דעמאָקראַטיע פאַר אַ געווער פון בורזשואַזער קלאַסן־הערשאַפט, זעען די רעפאָרמיסטן אין איר דעם איינציקן אינסטרומענט פון סאָציאַלער אומגעשטאַלטונג. מיטן פולן מויל פראָפאַגירט דעם דאָזיקן פּרינציפּ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי אין דייטשלאַנד. די עסטרייכישע סאָציאַליסטן דערקלערן דורך זייער הויפּט־טעאָרעטיקער אָטאָ באַוער, אַז די פאַרטיי קען זיין געצוואונגען אַנצואווענדן רעוואָלוציאָנערע מיטלען, אויב דער דעמאָקראַטישער וועג וועט זי אַריינפירן אין אַ בלינדער גאַס. אָבער אָטאָ באַוער — האַלט כמורנער — מאַכט אַ טעות: דער, וואָס איז צוגעוואוינט צו די מעטאָדן פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, פאַרלירט די פעאיקייט צו גיין אויף רעוואָלוציאָנערע וועגן. מיר האָבן דאָך פאַר זיך דעם ביישפּיל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; איצט איז זי שוין ניט אין שטאַנד אויפצונעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט היטלערן.

אין זעלבן נומער פון „קעגן שטראָם״, וואו ס׳איז דערשינען דער דאָזיקער אַרטיקל, לייקנט זיך מחבר קאַטעגאָריש אָפּ די דערקלערונג פון א. ליטוואַקן אין דעם אַמעריקאַנישן „וועקער״, אַז „כמורנער איז אַנטלאָפן פון סאָוועט־רוסלאַנד״. ער שטעלט פעסט, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן מיטן וויסן און הסכם פון הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד״ אין אוקראַינע.

די אַרטיקלען פון דעם קעמפערישן לינקן זשורנאַל האָבן כסדר אַרויסגערופן פּאָלעמיק. מען האָט באַשולדיקט די פּובליציסטן פון

„קעגן שטראָם" אַז זיי שאַפן „אַ צווישנוואַנט" אין דער פּאַרטיי. כמורנער האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די צווישנוואַנט שאַפט זיך ניט דאַן ווען די אָפּאָזיציע איז פריי אין אירע אַרויסטרעטונגען, נאָר דאַן, ווען זי איז פאַרשטומט.

הייסע וויכוחים וועגן „קעגן שטראָם" זיינען פאָרגעקומען אויך אויפן פּלענום פון צ.ק. פון „בונד" אין יוני 1933. די „איינסער" האָבן געהאַלטן, אַז דער אָפּאָזיציע־אָרגאַן איז ניט נייטיק, ווייל זיינע מיטאַרבעטער האָבן אַ פולע מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען אין דער „פאָלקסצייטונג" און „אונזער צייט". די „צווייער" האָבן געטענהט, אַז „קעגן שטראָם" איז געוואָרן אומבאַדינגט נייטיק, נאָך דעם, ווי כמעט אַ העלפט פון דער פּאַרטיי איז געצוואונגען זיך אונ־טערצוואוואַרפן די באַשלוסן, וואָס זיינען פאַר איר ניט אָננעמבאַר. „קעגן שטראָם" — האָבן זיי אָנגעוויזן — איז ניט קיין טעאָרעטישער זשורנאַל, נאָר אַ קאַמפּס־אָרגאַן; ער גיט אַ מעגלעכקייט אָפּן אויסצו־לעבן די קעגנזאַצן, וואָס עקזיסטירן אין דער פּאַרטיי.

„קעגן שטראָם" האָט געהאַט שוועריקייטן ניט נאָר צוליב דער אָפּאָזיציע פון די „איינסער"; די צענזור האָט אים כסדר פאַרפאָלגט און אַרויסגעוואָרפן אַ מאָל טיילן פון אַרטיקלען און אַ מאָל די אַר־טיקלען אין גאַנצן. איין נומער (סעפּטעמבער 1933) איז געוואָרן קאָנ־פיסקירט. די מאַטעריעלע שוועריקייטן האָבן אויך געשטערט רעגולער אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל. די מיטאַרבעטער האָבן געמאַכט פאַר־צווייפלטע באַמיאונגען צו פירן די אַרבעט אָן איבעררייס, אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. איין מאָל איז מען געווען געצוואונגען אָפּצו־שטעלן דעם „קעגן שטראָם" אויף אַ האַלב יאָר צייט.

אין זיינע לעצטע אַרטיקלען באַהאַנדלט כמורנער גאַנץ אָפט די פּראָבלעם פון פאַראייניקונג פון קליינע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. די דאָזיקע פאַראייניקונג דאַרף ניט לויט זיין מיינונג פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון אַ 4טן אינטערנאַציאָנאַל, ווי דאָס לייגן פאָר עטלעכע טראָצקיסטן. זי דאַרף בלויז שאַפן אַ מין פאַרבינדונג צווישן די גרופּירונגען, פאַר וועלכע ס'איז ניטאָ קיין אָרט נישט אין צווייטן און נישט אין 3טן אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז דער „בונד" דאַרף זיין בתוכם.

דער נאָמען פון כמורנערס אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אַ האַלב יאָר פאַר זיין טויט, — „צוריק צו קראָקע און דאַנציג" — קלינגט ווי אַ צוואה פון אַ זעלנער, וואָס פילט אַז באַלד וועט ער אַרויסגעריסן ווערן פון די רייען פון זיינע קאַמפּס־חברים.

אכצנטער קאַפּיטל

די לעצטע טעג

זעלטן ווען במשך פון זיין לעבן איז יוסף לעשטשינסקי געווען אַזוי אַקטיוו, ווי אין די לעצטע חדשים פאַרן טויט. עס האָט זיך געדוכט, אַז פילנדיק די נאָענטקייט פון סוף, האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע כוחות כדי צו רעאַליזירן דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן וויכטיקסטן און עיקר־דיקסטן. דער רעזולטאַט פון זיין געראַנגל מיט דער אומהיילבאַרער קראַנקהייט איז געווען שוין געחתמעט פון לאַנג, אָבער דער אינערלעכער פייער האָט זיך צעברענט באַזונדערס שטאַרק פאַרן אויסלעשן זיך.

און די צייט איז געווען אַ גרויזאַמע. דער אָנגריף פון נאַציזם אין דייטשלאַנד איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ ברוטאַלער; זיין שאָטן האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די אַרומיקע לענדער. כמורנער האָט געפילט: קיין מאָל האָט די שפּאַלטונג אין אַרבעטער־קלאַס ניט געדראָט מיט אַזעלכע פאַטאַלע קאָנסעקווענצן, ווי איצט, אין די טעג וואָס ער האָט גערופן „די היסטאָרישע ימים־נוראים". די דאָזיקע שטימונג האָט אים דיקטירט דעם אַרטיקל „שעדיקער", וואו ער קריטיקירט שוין אין דעצעמבער 1931 באַזונדערס שאַרף די קאָמוניסטישע טאַקטיק („פאָלקסצייטונג"). ער ווייזט אָן, אַז „אַ צוזאַמענשלוס צווישן דער ראַטן־מאַכט און דער גרויסער אייראָפּעישער אַרבעטער־באַוועגונג — דאָס וואָלט געווען אַ פאַקט פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג... יעדער סאָציאַליסט אָדער קאָמוניסט... מוז צו אים שטרעבן... ווער עס טוט פאַרקערט, ...דער פאַרדינט דעם נאָמען שעדיקער". דער ראַטן־פאַרבאַנד — זאָגט כמורנער — איז טיף פאַראינטערעסירט אין דער הילף פון אייראָפּעישן פּראָלעטאַריאַט. די פאָרמולע „דעמאַסקירן די פירער און פאַראייניקן זיך מיט די מאַסן" איז ניט בלויז שעדלעך, נאָר אויך אומזיניק, ווייל די פירער און די מאַסן זיינען איינס, און ס'איז נישט מעגלעך צו שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די מאַסן אַליין. דעם רעקאָרד אין דער שעדיקונג־קאַמפּאַניע שלאָגן די יידישע

קאָמוניסטן. ס׳זעט אויס, אַז מיט זייערע ברוטאַלע אָנפאַלן אויפן „בונד” פּרוּוון זיי פאַרטויבן די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט נאָך זייער בונדישער פאַרגאַנגענהייט.

כמורנער מיינט דאָ די אַרטיקלען אין די לעצטע נומערן פון „עמעס”, וואו מען האָט אַטאַקירט מיט אַ ספּעציעלער ווילדקייט דעם לינקן פליגל פון „בונד”. דאָס וואָרט איז אגב ניט געווען דאָס איינציקע געווער אינעם דאָזיקן קאַמף; די טעראָריסטישע אַקטן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געצוואונגען דעם בונדישן פּובליציסט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקן דעם ביטערן אמת, אַז די יידישע קאָמוניסטן באַהאַנדלען דעם „בונד” ניט ווי אַן אידעיישן קעגנער, נאָר ווי אַ קלאַסן־שונא. „דער פאַשיזם — שרייבט ער מיט אויפרעגונג — קאָן נאָר אָנקוועלן, צוזעענדיק, ווי אַרבעטער מיט אַרבעטער קיילן זיך, ווי מען פאַרוואַנדלט פאַראיינען אין יאַטקעס, ווי מען מאַכט פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אַן אַרענע פון העסלעכע געשלעגן און מערדע־רייען”.

כמורנער האָט אין די דאָזיקע טעג אַזוי ווי פאָרויסגעפילט די קומענדיקע וועלט־קאַטאַסטראָפע. די הייַנטיקע צייט — שרייבט ער — איז ענלעך צו דער תקופה פון פאַר דער מלחמה. די עקסיסטענץ פון אַ פילמיליאָניקער אַרמיי אַרבעטסלאָזע זאָגט עדות וועגן אַ טיפן קריזיס. און אויב די מלחמה האָט געפירט צום ערשטן עטאַפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועט דער עקאָנאָמישער קריזיס פירן צום צווייטן עטאַפּ. אָבער כדי צו פאַרווירקלעכן דעם געבאָט פון דער עפּאָכע דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס זיין פאַראייניקט. סקעפּטיקער האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע פּערספּעקטיוו איז אַן אוטאָפּיע; כמורנער אָבער איז טיף איבער־צייגט, אַז „אין דער אוטאָפּיע ליגט דער גורל פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג” („אַן אַלט־נייע פראַגע”, „פאָלקסצייטונג”, 8טן יאַנואַר 1932).

דער זיג פון נאַציזם האָט געגעבן אייניקע מאַרקסיסטן אַן אימפּולס צו רעווידירן די יסודות פון זייער וועלט־באַנעם. כמורנער האָט צו זיי ניט געהערט. אין זיין אַרטיקל, געווידמעט דעם פופציקסטן יאָר־צייט פון מאַרקסן, ווייזט ער אָן, אַז די ווירקלעכקייט האָט באַשטע־טיקט די פּראָגנאָזן פון דעם מחבר פון „קאַפּיטאַל”. רעפאָרמיסטן האָבן געפּרוּווט „אויסבעסערן” מאַרקסן, אָבער דער היטלעריזם האָט אונדז געצוואונגען אומצוקערן זיך צו אונדזער אַלטן לערער. דאָס לעבן באַ־ווייזט די אילוזאָרישקייט פון די רעפאָרמיסטישע קאָנצעפּציעס פון פרידלעך אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם און פון ווירטשאַפטלעכער דע־מאָקראַטיע. מאַרקס וואָלט ניט געוואָרן צעטומלט צוליב דעם צייט־

ווייליקן טריומף פון פאַשיזם; ער האָט פאָראויסגעזען אַז סאָציאַליזם וועט געבוירן ווערן אין שווערע לײדן" („פאָלקסצייטונג", 17טן מערץ, 1933).

צווישן די פּראָבלעמען, וואָס כמורנער באַהאַנדלט אין זײַנע אַרטיקלען פון די דרייסיקער יאָרן, איז די וויכטיקסטע די קאַפּיטולאַציע פון די דייטשע אַרבעטער פאַרן היטלעריזם. דער זיג פון נאַציזם — האַלט ער — האָט געשאַפן אַ נײַע סיטואַציע אין אייראָפּע. אָבער די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך ניט געענדערט: פון נאָסקען צו וועלסן גייט אַ גראָדע ליניע. באַנקראָטירט האָט אויך די ק.פ.ד. „דאָס אַלץ קען פירן צו דער אויסברייטערונג פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע גרופן און צו דער אידעאָלאָגישער רעוויזיע אין ביידע אינטערנאַציאָנאַלן" („די טראַגעדיע פון דייטשלאַנד", „קעגן שטראָם", 1933, נומ. 4־3).

מיט גרויס אומגעדולד האָט כמורנער געוואַרט אויף סימנים פון דערוואַכונג אין דער אַרבעטער־סביבה; די ידיעה וועגן דעם ווינער אויפשטאַנד האָט ער אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. אין זײַן לייטאַרטיקל „מאַסע און יחיד" רעדט ער מיט התפּעלות וועגן דעם העראָיזם פון די ווינער שוץ־בונדיסטן. און פאַר אים איז קלאָר: דעם וואונדערבאַרן מוט און מסירת נפש שעפּן זיי פון דער מאַסן־באַוועגונג פון וועלכער זיי זענען אַרויסגעוואַקסן.

דער ווינער אויפשטאַנד איז געווען ווי אַ שטורעם, וואָס רייניקט אָפּ די אַטמאָספער. כמורנער האָט געפילט אַ שטאַרקן חשק מער וועגן דעם צו שרײַבן, ווען אים האָט געטראָפן אַ פּערזענלעכער קלאַפּ. ס'איז געשטאָרבן זײַן אַלטער פרײַנד משה זילבערפאַרב. זײַן טויט האָט דערוועקט אין כמורנערס זכרון בילדער פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. אין דעם אַרטיקל „דער דור גייט אַוועק" („פאָלקסצייטונג", 23טן מערץ, 1934) געזעגנט ער זיך ניט בלויז מיטן נאָענטן פרײַנד, נאָר אויך מיטן גאַנצן דור, וואָס איז געווען דער שעפער פון דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין יידישן לעבן. אייניקע פון די פאָרשטייערס פונעם דאָזיקן דור — דערמאָנט ער — האָבן אָנגעהויבן פון די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און האָבן דערנאָך געלערנט צו פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלקסלעבן; אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעהויבן פון נאַציאָנאַליזם, האָבן זיך דערנאָך צוזאַמענגעשטויסן מיט די רעאַלע סאָציאַלע נויטן פון די יידישע מאַסן. כמורנער כאַראַקטעריזירט זײַנע מיטצײַטלער, ווי אַ דור „וואָס איז געשטאַנען אויף דער הויך פון דער צײַט, געווען רײַך אין שעפערישע קרעפטן און האָט אין אַ גרויסער מאָס... זײַנע פּאָטענצן רעאַליזירט".

דער שרייבער פון יענע שורות האָט געפילט, אַז אין גיכן וועט קומען אַ צייט אויך פאַר אים אַוועקצוגיין... ניט ווייניק פעסימיסטיש געשטימט זיינען געווען די דאָקטוירים. זיי האָבן געפאָדערט, אַז יוסף זאָל ענדגילטיק פאַרלאָזן וואַרשע און זיך באַזעצן אין אָטוואָצק. האָט מען אַריבערגעטראָגן דאָס באַשיידענע האָב און גוטס פון קאַרמעליצקע גאַס אין אַ קליינער דאָרפישער וואוינונג. אין אָטוואָצק האָט זיך יוסף ניט געפילט איינזאַם: נאָענטע חברים און פריינד פלעגן כסדר קומען פון וואַרשע; אַ גרויסע פרייד האָט אים פאַרשאַפט דער שטענדיקער קאָנטאַקט מיטן ברודער און זיין משפחה, וואָס האָבן נאָכן זיג פון היטלעריזם זיך צייטווייליק באַזעצט אין פוילן.

יוסף האָט אין אָטוואָצק אַ סך געשריבן און אויך געפונען צייט פאַר איבערזעצונגען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן; זיין לעצטע אַרבעט אין דעם געביט איז געווען דאָס בוך „פאַשיזם" פון איגנאַצי סילאָנע. ער האָט באַוויזן צו געפינען צייט אויך פאַר אַנדערע ענינים. אינעם זעלבן שטעטעלע, פול מיט לונגען־קראַנקע, אין איינעם פון די הילצערנע הייזקעס, איז געלעגן אַ שווער קראַנקער דער יונגער חבר לייבל אָלשאַנעצקי, אַן אַקטיווער „צוקונפט"־טוער. יוסף פלעגט פאַרברענגען גאַנצע שעהן ביי זיין בעט, פלעגט פאָרלייענען פאַר אים צייטונגען, דערציילן פאָליטישע נייעס. און אָפט מאָל פלעגט ער זיצן שווייגנדיק און האַלטן אין זיינע הענט די הייסע האַנט פון דעם חולה, און אָלשאַנעצקי האָט שוואַך געשמייכלט צו אים מיט אויסגעטריקנטע ליפּן. מיט אַ שווער האַרץ האָט יוסף נאָך עטלעכע וואָכן באַגלייט אויפן בית־עולם דעם יונגן חבר, וואָס איז ערשט ניט לאַנג פול געווען מיט ברויזנדיקער ענערגיע. יוספס מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק: באַלד קומט מיין ריי...

זיין אַרבעט איז פון דעסטוועגן געגאַנגען אָן איבעררייס. אַ לאַנגן אַרטיקל ווידמעט ער דעם אַנאַליז פון דער נייטראַליסטישער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין די צוויי קאָמוניסטישע אָרגאַנען — אין סאָוועטישן „עמעס" און אין וואַרשעווער „פריינד" („ווען די פּראַקטיק איז צעקריגט מיט דער טעאָריע", „פאָלקסצייטונג", 16טן נאָוועמבער, 1934). י. כמורנער האַלט, אַז די דאָזיקע פּאָזיציע איז ניט אויפריכטיק און סתירותדיק. דער פאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע שרייבער האָבן אָנערקענט פאַר פּאָזיטיוו ביידע טענדענצן אין סאָוועטישן יידנטום — סיי די נאַציאָנאַלע און סיי די אַסימילאַטאָרישע — האָט לויט כמורנערס מיינונג עדות געזאָגט וועגן דער אינטעלעקטועלער אומבאַהאָלפנקייט און צעטומלטקייט פון די קאָמוניסטישע זשורנאַליסטן. די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט דעם מחבר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַר־

מולירן צום ערשטן מאָל די געדאַנקען, וואָס זיינען געוואָרן דער יסוד פון זיין רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". זיין אויסגאַנג־פונקט איז געווען די פעסטשטעלונג אַז צוליב דער פערספעקטיוו פון סאָציאַלער רעוואָלוציע דאַרף מען באַהאַנדלען די פּראָבלעם פון אויטאָנאָמיזם אַנדערש, ווי ביז אַהער. „פאַר דער מלחמה — שרייבט כמורנער — האָבן זיך אַלע אָן אויסנאַם סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גערעכנט מיט דער פערספעקטיוו פון אַ לאַנג דויערנדיקער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונגס־פאַזע פון דער בירגערלעכער מלוכה... נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע... איז געווען איינער פון... די מיטלען אויף צו באַוואָרענען אַ וואָס נאָרמאַלערע, דעמאָקראַטישסטע געשטאַלטיקונג פון די צווישן־נאַציאָנאַלע באַציאונגען אין די ראַמען פון דער מלוכה, און בשעתו איז אָט דער לאָזונג געווען... באַרעכטיקט. אָבער היינט... די דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונגס־פאַזע האַלט ביי גסיסה. אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער געשיכטע שטייט איצט: ...די קאַפּיטאַליסטיש־פאַשיסטישע מלוכה אָדער די פּראָלעטאַרישע. איז מער קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר לאָזונגען, וואָס האָבן אַלס ציל צו פאַרפאָלקאָמען דעם דעמאָקראַטישן בוי פון דער מלוכה... וואָס שייך דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, איז זי אַזוי אין גרונט אַנדערש, אַז מעכאַניש אַריבערצוטראָגן אויף איר דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע קאָן מען אַוודאי ניט..., אָבער עס בלייבט אין פולער קראַפט דער פּרינציפּ גופא פון אויטאָנאָמיזם".

דער זומער 1934 האָט געבראַכט אַ געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ פאַטאַלן איינפלוס אויף יוספס פיזישן צושטאַנד: ער איז געוואָרן אַרעסטירט. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דער אויספאָרשונג־תפיסה אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע גאַס. אין דער זעלבער קאַמער זיינען געזעסן נאָך דריי אַרעסטירטע — יוספס חבר פּינחס שוואַרץ און צוויי לינקע פּועלי־ציון — זרובבל און נ. בוקסבוים. די באַדינגונגען אין דער קאַמער זיינען געווען שרעקלעכע: די אַרעסטירטע האָבן פאַרבראַכט די נעכט אויף דער שמוציקער צעמענטענער פּאָדלאָגע. ווען ה. ערליך האָט געפּרואווט אויסצוגעפינען וועגן דער סיבה פונעם אַרעסט, האָט דער שעף פון דער דעפענסיווע רונגע געענטפערט, אַז די אַרעסטירטע זיינען קאָמוניסטישע אַגענטן, וואָס מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין „בונד" און אין פּ. צ. כדי צו שאַפן דאָרטן קעמערלעך. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן וואַרשיינלעך מוזן דורכגיין אַ ספּעציעלע „שולע". דאָס איז געווען אַ וואונק, אַז עס דראָט זיי די אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג אינעם גרויזאַמען קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. פאַר יוספן וואָלט אַזאַ פאַרשיקונג באַטייט אַ טויט־אורטייל.

אַ דאַנק די ענערגישע באַמיונגען, זיינען אין גיכן אַלע אַרעסטירטע געוואָרן באַפרייט; צו אומגלויבלעך האָט געקלונגען די ווילדע מעשה, אויסגעטראַכט דורך פּאָליציי־אַגענטן. אָבער אַפילו דער קורצער אַרעסט האָט געהאַט פאַטאַלע קאָנסעקווענצן פאַר יוספס געזונט: ער איז אַרויס פון דער תפיסה אַ פיזיש צעבראָכענער.

ווי געווייטלעך, האָט ער אָנגעהויבן דעם יאָר 1935 מיט אַ פּאָליטישן סך־הכל; קיינער האָט דעמאָלט נאָך ניט חושד געווען, אַז דאָס איז זיין לעצטער יערלעכער איבערזיכט. אין זיין קורצן אַנאַליז פון די געשעענישן אין יאָר 1934 האָבן אומדערוואַרטערהייט געקלונגען האָפערדיקע טענער: דער יאָר האָט מיט זיך געבראַכט ניט בלויז די נצחונות פון נאַציזם, נאָר אויך דעם אויפשטאַנד אין ווין, די אַרויסטרעטונגען פון די שפּאַנישע אַרבעטער, דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין פראַנקרייך און דעם מעכטיקן דראַנג צו איינהייט ביי די פראַנצייזישע אַרבעטער, דעם דראַנג וואָס האָט געבוירן דעם פאָלקס־פראָנט.

נאָך סוף 1934 האָט די פּאַרטיי אָנגעהויבן זיך גרייטן צום 6טן צוזאַמענפאָר. דאָס מאָל האָט יוסף ניט גענומען קיין אָנטייל אין די דיסקוסיעס; ער האָט געוואָלט איינהיטן זיינע כוחות פאַרן צוזאַמענפאָר גופא.

דער צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהייב 1935, איז ניט געווען ענלעך צו די פריערדיקע: די אַטמאָספער איז געווען ווייניקער געשפּאַנט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד" אין פוילן האָבן די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פאַרנומען אַ צווייט־ראַנגיקן אָרט אין דעם סדר־היום. אין צענטער פון דעם צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען די נאַציאָנאַלע פראַגע. די דעלעגאַטן האָבן אָנגעהויבן די דאָזיקע דיסקוסיע מיט אַ געוויסן אומרו: די לעצטע געשעענישן האָבן גשטאַרקט אין דער יידישער געזעלשאַפט עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, און מען האָט מורא געהאַט, אפשר זיינען זיי אַריינגעדרונגען אויך אין דער אַרבעטער־סביבה. די דיסקוסיע האָט אָבער באַוויזן, אַז אין דער פּאַרטיי זיינען ניטאָ קיין עיקרדיקע חלוקי־דעות אין דער יידישער פּראָבלעמאַטיק, הגם עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע ניואַנסן אין געדאַנק.

אַ גאַנצן טאָג האָט מען געווידמעט דער באַהאַנדלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער הויפּט־רעדנער איז געווען כמורנער — מיט זיין רעפעראַט „פּראָבלעמען פון יידישן מאַסן־לעבן". דער רעפעראַט האָט פעסטגעשטעלט: די יידישע גאַס געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון צוויי גרונט־פאַקטן: 1) באַנקראָט פונעם פּרינציפּ פון יידישער

גלייכבאַרעכטיקונג און 2) קריזיס פון דעמאָקראַטיע. אַמאָל איז דער „בונד" אַרויס פון דער הנחה, אַז די דעמאָקראַטיזירונג פון פּאָליטישן לעבן שאַפט אַ פעסטן באָדן פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס האָט געפּלאַצט. אין אַ ריי לענדער האָט די דעמאָקראַטיע געבראַכט אַ טיילווייזע פאַרבעסערונג פון דער יידישער רעכטלעכער און קולטורעלער לאַגע, און אויך געוויסע קולטור־נאַציאָנאַלע רעכט; איצט אָבער האָט זיך דאָ אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון ליקווידירן דאָס אַלץ און אויך דער פּראָצעס פון עקאָנאָמיש אַרויסשטויסן די יידן. דער קאַפּיטאַליזם רייסט אַראָפּ אַלע זיינע דעמאָקראַטישע שלייערן, און ער ליקווידירט אויך די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. עס איז מער קיין האָפענונג ניטאָ, אַז אין די לענדער פון די יידישע מאַסן־ישובים, ווי פּוילן, לעטלאַנד, ליטע, זאָלן איצט געשאַפן ווערן יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. פּונקט ווי ס'איז אוממעגלעך צו לייזן אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען די פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט, איז אויך אוממעגלעך צו לייזן די פּראָבלעמען פון יידישן קולטור־לעבן. דער ענטפער אויף די אַלע פּראָבלעמען איז אַרבעטער־מאַכט אויפן אָרט פון פאַשיזם. אָבער דאָס איז צוקונפט־מוזיק. דערווייל איז די מאַסע צעמישט. מען רעדט וועגן אויסוואַנדערונג. אָבער מאַסן־אויסוואַנדערונג איז אַן אוטאָפּיע. וואָלט עס ניט געווען קיין אוטאָפּיע, וואָלט איך געהאַט דעם מוט דאָס צו אָנערקענען. עס איז ניט מעגלעך צו גיין מיט ביידע וועגן — סיי מיטן וועג פון רעוואָלוציע און סיי מיטן וועג פון עמיגראַציע. די צוויי וועגן זיינען ניט קיין פּאַראַלעלע, זיי קרייצן זיך. מיר באַקעמפן ניט די עמיגראַציע, וועלכע איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מיר דאַרפן באַקעמפן די עמיגראַציאָניסטישע אילוזיעס.

דער רעפערענט האָט געגעבן אַ קורצן אַנאַליז פון דער ביראָבידזשאַן־פּראָבלעם. די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע — האָט ער געזאָגט — איז אין ראַטן־פאַרבאַנד אין תוך אַן אַנדערע, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. ביראָבידזשאַן ווי אַ יידישע טעריטאָריע איז נאָר אַ פּרוואו פון אַ נייער נאַציאָנאַלער איינאָרדנונג. אמת, עס איז ניט זיכער, צי דער סטימול צו לעבן אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה וועט זיין גענוג שטאַרק כדי צו באַוועגן די מאַסן צו עמיגרירן קיין ביראָבידזשאַן. אָבער דעם פּרוואו גופא דאַרף מען האַלטן פאַר פּאָזיטיוו.

דעם נייטראַליזם האָט כמורנער כאַראַקטעריזירט ווי אַ וועג צו אַקטיווער אַסימילאַציע, וועלכע מוז באַקעמפט ווערן דורך אַן אַקטיווער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט. דער

אַלטער לאָזונג פון קולטורעל־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע קאָן ניט זיין אַקטועל אין די נייע באַדינגונגען, מען דאַרף אָבער איינהאַלטן אין זיין גאַנצן פאַרנעם דעם אויטאָנאָמיזם. עס איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן — און דאָס מוז געפינען אַן אָפּשפּיגלונג אין בוי פון אַ געזעריקער אָרגאַניזאַציע. בכלל גענומען, גייען די אייגנאַרטיקייטן אַריבער די ראַמען פון בלויזער קולטור. אויטאָנאָמיזם איז אַ גילטיקער פּרינציפּ סיי פאַר דער איצטיקער, סיי פאַר דער סאָציאַליסטישער תקופה.

צום שלוס פון זיין רעפעראַט האָט כמורנער זיך אַרויסגעזאָגט קעגן באַשלוס אַרויסצוטרעטן פון די קהילות. דער „בונד״ פירט דאָרטן — האָט ער געטענהט — אַ קעמפערישע פּאָליטיק. דאָרט טרעפן זיך בונדיסטן מיטן קלאַסן־שונא, פון דאָרטן קענען זיי רעדן צו די ברייטע מאַסן. אויב מען באָיקאָטירט ניט קיין שטאָט־ראַט, קיין סיים, ווי רעאַקציאָנער זיי זאָלן ניט זיין, דאַרף מען אויך ניט באָיקאָטירן די קהילות.

מען האָט אויסגעהערט דעם רעפעראַט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט; ער האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקן מיינונגס־אויסטויש. בעת דער דיסקוסיע איז צווישן אַנדערע געווען אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז די קאָנצעפּציע פון ביראָבידזשאַן, אַלס אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן צענטער וואָס וועט פאַרשפּרייטן זיין איינפלוס אויף די יידישע מאַסן פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד, איז אַ מין גלותדיקער אחד־העמיזם. דער צוזאַמענפאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פראַגן, וואָס זיינען באַרירט אין דעם רעפעראַט, זיינען וויכטיקע און עיקרדיקע; מען האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ דיסקוסיע וועגן זיי אין דער פּרעסע און נאָך דעם צונויפרופן דעם פּאַרטיי־ראַט כדי זיי נאָך אַ מאָל צו באַהאַנדלען.

ניט געקוקט אויף זיין אַלץ וואַקסנדיקער שוואַכקייט האָט יוסף זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבעט נאָכן צוזאַמענפאָר; ער האָט ווייטער געשריבן אַרטיקלען, געאַרבעט פאַר דער ציש״א; אין טאָג פון 1טן מאַי האָט ער אַנטייל גענומען אין דער דעמאָנסטראַציע און אין דעם גרויסן מיטינג. מיט אַ האַרציקער געזעגענונגס־רעדע האָט ער באַגלייט צום קבר דעם יונגן חבר אַבראַשע וויינער.

ווען אָנהייב יוני האָבן די דאָקטוירים קאַטעגאָריש געהייסן יוספן ליגן אין בעט, האָט ער באַלד דערפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, אָבער מיט קיינעם האָט ער וועגן דעם ניט גערעדט. בלויז איין מאָל, ווען ער איז געבליבן אַליין מיט ח. וואסערן, וואָס פלעגט פאַרברענגען לאַנגע שעהן ביי זיין בעט, האָט ער אים געבעטן צו זאָרגן פאַר גאַליען, ווען דאָס וועט ווערן נייטיק. ליגנדיק מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור,

האָט ער געהאַלטן אין איין איבערצייגן זיין פרוי און טאָכטער, אַז זיין צושטאַנד פאַרבעסערט זיך. פון צייט צו צייט האָט ער שטיל געבעטן: „עפנט אַלע פענצטער... ס'איז אַזאַ שיינער טאָג"...

אין יענע לעצטע טעג האָבן די משפחה־מענטשן און פריינד אַרומגערינגלט יוספן מיט צערטלעכקייט און זאָרג. די חברים וואָס פלעגן אים כסדר מבקר חולה זיין, האָבן אים דערציילט פּאָליטישע נייס, פאָרגעלייענט צייטונגען. אָפט זיינען געקומען די מיטאַרבעטער פון דער „צישאָ", און יוסף האָט מיט אַ שוואַכער שטימע געגעבן זיי לעצטע עצות. ה. ערליך באַשרייבט אין זיין נעקראָלאָג זייערע לעצטע באַגעגענישן: „זיצנדיק ביי זיין קראַנקן־בעט, האָב איך אים אינפאָרמירט וועגן די לעצטע נייס אין דער איראָפּעאישער באַוועגונג. מיט גליענדיקע פּון היץ אויגן האָט זיך יוסף צוגעהערט און אויסגעפרעגט, ער האָט געוואָלט וויסן נאָך און נאָך, און ס'איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער ווייטיק צו הערן דעם טיפן און פיינלעכן זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון יוספס ברוסט: „און איך מוז דאָ ליגן אַ קראַנקער אין בעט..."

זיין גסיסה איז געווען אַ לאַנגע און אַ פּיינלעכע. די לעצטע צוויי מעת־לעת האָט ער כמעט גאָרניט גערעדט; ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן טויט. בלויז אויף איין מינוט האָט ער געעפנט זיינע ליפּן, אויסגעטריקנטע פון היץ, און שטיל אַ זאָג געטאָן: „פאַרפאַלן, איך מוז גיין"... דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. ער איז געשטאָרבן ביינאַכט דעם 30טן יולי 1935.

יוספס קערפּער, אַן אויסגעפייניקטן דורך דער גרויזאַמער קראַנקהייט, האָט מען אַריבערגעפירט אין פּאַרטיי־לאָקאַל אויף פּזשעיאַזד 9. אונטער די רויטע פענער, איינגעהילט אין שוואַרצן, האָט דער פאַרשטאָרבענער אויסגעזען ווי פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. די נאָענטע חברים האָבן געהאַלטן וואַך טאָג און נאַכט, און פאַר ביי דעם אָרון האָבן זיך אָן אַ סוף געצויגן רייען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק טאָן צום לעצטן מאָל אויף די פאַרשלאָסענע בלאַסע ליפּן, אויף דעם הויכן שטערן, וואו דער לעצטער געדאַנק איז פאַרגליווערט געוואָרן.

די לוויה איז פאָרגעקומען דעם 1טן אויגוסט. פון אַלע עקן לאַנד זיינען געקומען דעלעגאַציעס. פאַמעלעך האָט זיך באַוועגט איבער די גאַסן, אונטער דער ברענענדיקער זון, דער צענטויזנטקעפּיקער עולם. די יידישע אָרעמקייט פון סמאָטשע, פּאַוויע, אָסטראָווסקע, וואָס האָט באַגלייט צום בית־עולם דעם גוף פון יוסף לעשטשינסקי, האָט געפילט, ווי גרויס עס איז דער פאַרלוסט...

מען האָט אויסגעגראָבן דעם קבר לעבן ב. מיכאַלעוויטשעס מצבה. די נאָענטע מענטשן האָבן זיך געזעגנט מיטן פאַרשטאָרבענעם, אַראָפּשלינגענדיק די טרערן. ה. ערליך האָט דערקלערט: „זיין גאַנץ לעבן איז פול געווען מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם. הגם ער איז אַמאָל געגאַנגען ניט מיט אונדזער וועג, אויף וועלכן ער איז אַרויף מיט 15 יאָר צוריק, מיר טיילן זיך פון דעסט וועגן ניט מיט קיינעם מיטן ח׳ יוסף. זיין גאַנץ לעבן געהערט צו אונדז״.

* * *

די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט מיט יוספן צוזאַמען במשך לאַנגע יאָרן, האָבן געפּרואווט אַ קוק טאָן אויף צוריק, באַנעמען דעם פאַרלוסט. אין דעם טרויער־נומער פון „פאָלקסצייטונג״ האָט ה. ערליך געשריבן וועגן די באַציונגען צווישן דעם פאַרשטאָרבענעם און דער פאַרטיי־סביבה. ער האָט פעסטגעשטעלט: די חלוקי־דעות צווישן אים און דער מערהייט פון דער פאַרטיי, ווי ליידנשאַפטלעך זיי זיינען ניט געווען, „האָבן אין דער מינדסטער מאָס ניט אָפּגעשוואַכט די פריידלעכקייט און די האַרציקייט פון אונזערע קעגנזייטיקע באַציאונגען. ווייל פאַר אונדזער יוספן האָט די פאַרטיי אַלע מאָל באַדייט — אַ ברודערשאַפט פון מענטשן, וואָס קעמפן מיט ליידנשאַפט פאַר אמת״. ה. ערליך האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די קלאַנגען, אַז די פאַרטיי האָט געשטערט יוספן צו ברענגען צום אויסדרוק זיינע „נאַציאָנאַלע״ בליקן אין דער יידישער פראַגע. ס׳האָט געקאָנט זיין — זאָגט ער — אַן אונטערשייד אין די ניואַנסן, אָבער אין די עיקר־פראַגן זיינען קיין חלוקי־דעות קיין מאָל ניט געווען.

ח. וואַסער כאַראַקטעריזירט זיין נאָענטן פריינד און מיטקעמפער, ווי אַ מוטיקן שווימער קעגן שטראָם. מיט ווייטיק רעדט ער וועגן דעם, ווי פאַריתומט ס׳איז געוואָרן די גרופּע טוער, מיט וועלכער יוסף איז געווען אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן במשך פון פופצן יאָר.

מיט טיפן געפיל זיינען געווען דורכגעדרונגען די ווערטער פון וויקטאָר אַלטער, דעם חבר וואָס האָט צום אָפטסטן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט יוספן אין די אידעישע שטרייטן. „צוזאַמען מיטן ח׳ כמורנער — האָט ער געשריבן — איז פון אונדז אַוועק אַ פלאַם... איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן פיל טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זייער ווייניק פון זיי האָבן פאַרמאָגט אָט די גרויסע ליידנשאַפט, מיט וועלכער עס איז געווען דורכגעדרונגען דער ח׳ כמורנער״. וו. אַלטער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע ליידנשאַפט האָט זיך אין כמורנערן פאַראייניקט מיט אַ גרויסער אינערלעכער פיינקייט, וואָס

האָט געפונען דעם אויסדרוק אויך אין די וויכוחים. „דאָס איז געווען דאָס שענסטע אין אים — דערמאָנט אַלטער — די ערנסטע באַציונג צו יעדן פּרט און די זאָרג אָפּצוהיטן צווישן די פּראַקטישע קלייניקייטן די נשמה פון דער באַוועגונג".

יוספס פּערזענלעכע פריינד, זיינע מיטאַרבעטער אין דער „צישא" און די יידישע זשורנאַליסטן אָן אונטערשייד פון ריכטונג האָבן, געבנ־דיק אַן אָפּשאַצונג פון זיין טעטיקייט, איינשטימיק אונטערגעשטראָכן זיין הויכן מאָראַלישן ניווא. איינער פון זיינע פריינד, יוסף יאַשונסקי, מאָלט אין „פאָלקסצייטונג" זיין ריין־מענטשלעך בילד, אַ בילד פון אַ צערטלעכן משפּחה־מענטש און אַ געטרייען פריינד וואָס האָט געקאָנט זאָרגן וועגן אַנדערע מענטשן אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן און מיט אַ פולער האַנט געבן זיי דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — עצות, דיקטירט דורך זיין קלאָרן און דורכדרינגלעכן שכל. דער בולטסטער שטריך פון יוספס כאַראַקטער, האַלט י. יאַ־שונסקי, איז געווען אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט צו דער אידעע פון סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז געווען פאַר אים — שרייבט ער — אַ וויזיע, אַ טרוים. ער האָט געפילט „די נידערטרעכטיקייט פון קאַ־פּיטאַליזם, ווי אַ פיזישע פּיין, און טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט ער טאָן זאַכן, וואָס האָבן אים געקירצט די יאָרן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין לעבנשטייגער דערנענטערט זיין טויט. פון דעסט וועגן האָט ער אים נישט געענדערט".

מיט טיפן ווייטיק זיינען געווען דורכגעדרונגען די געזעגענונגס־ווערטער פון יוספס מיטאַרבעטער אין „צישא". ער איז געווען איינער פון אירע גרינדער, איר הויפּט־סעקרעטאַר און אין די לעצטע יאָרן איר פאָרזיצער. אין די „שולוועגן" (סעפּטעמבער 1935) שרייבט ח. ש. קאַזשדאַן וועגן יוספס טיף אינטימער פאַרבינדונג מיטן שול־וועזן און זיין לערערשאַפט. ער שטעלט פעסט, אַז „דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זיין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער נייער יידישער מאַסן־קולטור. אַרייַנגעטאָן... אין פּאָליטישן קאַמף און פּאַרטייאישן לעבן, ...האָט ער דאָך נישט פאַרבייגעלאָזט קיין שום וויכטיקע גע־שעעניש אין יידישן קולטור־לעבן בכלל און אין דער שול־באַוועגונג בפרט... וואָרעם שול און קולטור דאָס איז געווען פאַר אים אַ טייל פונעם גרויסן באַפרייונגס־קאַמף פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס... אַ פּאָליטיקער און אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערער טאַט, ...אַ מאַרקסיסט און מאַטעריאַליסט אין זיין געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, — איז י. כמורנער... געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע און צוטרוי צום מענטשן".

וועגן דער דאָזיקער זעלטענער פּאַראייניקונג פון אידעישער אייג־געשפּאַרטקייט און „רירנדיקער אויפמערקזאַמקייט צו מענטשן" שרייבט אויך ש. מענדעלסאָן. ער ווייזט אָן אַז דער פּאַרשטאָרבענער פלעגט אין זיין אַרבעט „זיך אָנשטרענגען כדי איינצוהאַלטן די פּרינציפּיעלע שטעלונג און דאָך האָבן אין אויג נישט בלויז די זאַך, נאָר גלייכצייטיק דעם לעבעדיקן מענטש." רירנד איז געווען כמורנערס באַציונג צו דער לערערשאַפט. און אַלע, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, האָבן גע־פילט, אַז זיין טעטיקייט „איז געווען אַ טיפע פערזענלעכע באַדערפע־ניש, געבוירן פון בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער נייער יידישער וועלט".

אַלע אַרטיקלען און רעדעס געווידמעט יוספן זיינען געווען טיף עמאָציאָנעל. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיין אייגענע עמאָציאָנעלע אינטענסיווקייט האָט באַאיינפלוסט זיינע פריינד. ערשט אונטערפירנדיק דעם סך־הכל, האָבן זיי דערפילט אין פולער מאָס די גאַנצקייט פון יוספס נאַטור און די גראדקייט פון זיין וועג; זיי האָבן דערזען זיין אומאויפהערלעך אינערלעך ברענען, וואָס האָט געשטאַרקט זיין גייסט און אָפגעשוואַכט זיין גוף. מען באַצאָלט אַ הויכן פּרייז פאַר מיטלעבן אינטענסיוו מיטן גורל פונעם פאָלק און גורל פון דער וועלט. יוסף האָט עס באַצאָלט באַוואוסטזיניק און אָן וואַקלעניש. ער האָט געפילט: נאָכפאָלגנדיק דעם געבאָט פון זיין צייט, פאַרווירקלעכט ער אויך די צוואה פון אַ לאַנגער קייט פון מוטיקע און מאַרטירערישע דורות.

פון י. כמורנערס ליטעראַרישער
ירושה

100־יעריקער יובליי פון דער ייִדישער פרעסע

1

עס איז אַ וויכטיקע דאַטע.

הונדערט יאָר, ווי דאָס ייִדישע וואָרט ראַנגלט זיך פאַר זיינע רעכט: סיי מיט זיינע קעגנער פון אינעווייניק, סיי מיט זיינע פיינט פון דרויסן. לאַנגע צענדליגער יאָרן האָט דאָס ייִדישע וואָרט געלעבט אין מויל פון דער „ייִדישער מאַסע" — אָבער אָן אַ לעגאַלן עפנטלעכן „פּאַס"...

און ווען דעם 8טן דעצעמבער 1823 איז אין וואַרשע דערשינען דער ערשטער נומער „באָבאַכטער אַן דער ווייכסעל" — איז אויך די כוונה געווען נישט לעגאַליזירן דעם „ייִדיש", נאָר פאַרמיאוסן דעם „זשאַרגאָן". די ייִדישע מאַסע איז דאַן געווען אַ מילבן־עדה, אַ שטומער, פינצטערער המון, וואָס קען נאָך זיך אַליין נישט און איז נישט חושד וועגן זיינע אייגענע כוחות. אין משכילישע אפּוטרופּסים, וואָס האָבן פאַרקערפּערט אין זיך דעם דראַנג פון ייִדישן גביר און באַלעבאָס צו „פּראָוועס" האָבן זיך געקאָנט פאַרמעסטן צו טויטן די ייִדישע מאַסע, — אמת, דורך אַ מיתה בנשיקה, דורך — אַסימילאַציע. דעם רעדאַקטאָר פון „באָבאַכטער" איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז זיין קאָנצעסיע דעם „טשעמנעם" המון, איז דער ערשטער אָנזאָג פון נייע ווינטן, פון נייע שטרעבונגען און שטרעמונגען, אין וועלכע דערזעלבער „המון" וועט שוין הויך און אויף אַ קול מאַניפעסטירן זיין „זיין".

דער „באָבאַכטער אַן דער ווייכסעל" איז סיי לויט זיין דייטשמערישן לשון, סיי לויט זיין אינהאַלט ווייט צו זיין אַ שפּיגל אַפילו פון דעמאָלטיקן ווייניק־דיפערענצירטן און ווייניק קאָמפּליצירטן ייִדישן לעבן. אָבער זיין דערשיינען איז געווען דער ערשטער באַוויז, אַז ס'הויבט זיך אָן דורכשלאָגן אַ וועג דער באַוואוסטזיין, אַז מען קאָן נישט מער פאַרבייגיין די ייִדישע מאַסע, מען קאָן נישט איגנאָרירן איר לשון, מען קאָן נישט פאַרשווייגן איר עקזיסטענץ.

אין דעם איז טאַקע די הויפּט־באַדייטונג פונעם „באָבאַכטער".

2

„יידיש־וועלטלעכע קולטור“ — אַט די ווערטער־באַהעפטונג איז ביי אונז זייער פאַרשפּרייט. די יובֿיליי־אַרטיקלען קאַרגן נישט קיין שבֿחים אין דעם פּרט פאַר דער יידישער פּרעסע. דאָס איז בלי־ספק יובֿילעיש־גוזמאָדיק. בפּרט די יידישע פּרעסע פון אונדזער צייט, זי איז שוין ב״ה געגנוג דיפערענצירט, און אַ היפּשער טייל אירער האָט גאָר אַ קנאַפּע שייכות מיט וועלטלעכקייט. און דאָך איז אין דער פאַרבינדונג „יידיש־וועלטלעך“ דאָ אַ וויכטיקער קערן אמת. צווישן די צוויי באַגריפן איז טאַקע פאַראַן אַ געוויסע אינערלעכע אינטים־היסטאָרישע שייכות.

אין די באַדינגונגען פון יידישן לעבן איז יידיש גופא געווען און איז נאָך ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו איצט אַ סימן פון „ערדישקייט“, פון וועלטלעכקייט. עס איז אַ פאַקט, אַז דאָס יידישע לעבן באַפרייט זיך פון זיין רעליגיעזן לבֿוש אַ סך שווערער, ווי דאָס לעבן פון יעטווידער אַנדער פאָלק. העברעאיש איז נישט סתּם אַ שפּראַך, נאָר די הייליקע שפּראַך. זי טיילט זיך נאָך עד־עתּה נישט אָפּ אין באַוואוסטזיין פון פאָלק פון געוויסע רעליגיעזע עמאָציעס און אַקסעסואַרן. און די אַנט־שטייאונג פון דער ערשטער צייטונג אויף יידיש — איז אַליין פאַר זיך דער ערשטער טריט און דער ערשטער נצחון פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן.

חול און קודש. שבת און וואָך. יידיש איז דער סימבאָל פון וואָך, וואָס מאָנט אירע רעכט, וואָס וויל זיך אָפּרייסן פונעם שבת, ווערן אומ־אָפּהענגיק פון אים.

נישט יעדע יידישע פּרעסע איז דווקא וועלטלעך, אָבער יעדע וועלט־לעכע פּרעסע ביי אונדז איז דענקבאַר נאָר אין יידיש. און יעדער אָנ־פאַנג, צוריק צו העברעאיש איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט אַ תּחית־המתים פון מסורה, פון טראַדיציע, פון רעליגיעזער עמפּינדלעכקייט.

3

דער „באַאָבאַכטער“ איז איינגיכן אַנטשוויגן געוואָרן. און 40 יאָר איז פאַרגאַנגען, ביז ס׳איז געקומען דער צווייטער פּרוּוו. צעדערבוימס „קול־מבֿשר“ איז אַרויס ערשט סוף 1862 — און פון אים הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע.

פאַר די 65 יאָר האָט די פּרעסע דורכגעמאַכט דיזעלבע עטאַפּן, וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. אין פאַרבינדונג דערמיט האָט טאַקע די יידישע פּרעסע אַ לאַנגע צייט אַליין געקוקט אויף זיך, ווי

אויף אַ צייטווייליקע דערשיינונג, ווי אויף אַ הילף־מיטל, וועלכן מען וועט היינט־מאָרגן קאָנען אָוועקוואַרפן.

שתדלנות האָט אַ צייט־לאַנג אויסגעפילט דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער יידישער פּאָליטיק. אין זעלבן וועג איז געגאַנגען דער „קול־מבשר", דער „קול־לעם" און דערנאָך „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט". ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אונטערערדישע באַוועגונג פונעם יידישן אַרבעטער. ס'האָט זיך באַוויזן די ערשטע אומלעגאַלע יידישע אַרבעטער־צייטונג, און אַן אָפּקלאַנג פון אָט די נייע פּאָליטישע שטימונגען האָט זיך דערהערט אויך פון די שפּאַלטן פון „פריינד".

פאַר דעם, ווי געזאָגט, איז די יידישע פּרעסע געווען שתדלנישדיק, אָפט אַפילו קריכעריש, לאָיאַל אָן אַ גרענעץ. אָבער פּאַראַלעל דערמיט איז זי כלפּי־פּנים אין פראַגן פון יידישן אינעווייניקסטן לעבן געווען, לויט יענער צייט, כמעט ראַדיקאַל. זי האָט געשטרעבט, לויט אירע דעמאָלטדיקע השגות און מיט דעמאָלטדיקע מיטלען, אָפּצופרישן און באַנייען דאָס יידישע לעבן. זי האָט נישט געשאַנעוועט דעם יידישן שטייגער, די יידישע מנהגים און די יידישע אַלט־פרענקישקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

און עס בעט זיך ממש אַ פאַרגלייך מיט אונזער היינטיקער פּרעסע, פאַר וועלכער ס'איז כאַראַקטעריסטיש פונקט דער היפּך: זי האָט אַ טאָן פון אָפּאָזיציע כלפּי־חוץ, אָבער דערפאַר אינעווייניק, אין יידישן לעבן, איז זי לאָיאַל, רעאַקציאָנער, שטייט אויף דער וואַך פון דער יידישער טראַדיציע א. אַז. וו.

אַן אָנגעזעענער פאַקטאָר איז די פּרעסע געוואָרן, ווען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אַרויס פון אירע קינדער־וויקעלעך. די סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפוואַכונג פונעם יידישן אַרבעטער האָט אויפגעטרייסלט די ברייטערע יידישע מאַסע און האָט געשטויסן אַלע קלאַסן און שיכטן פון יידישן פאָלק אויפן וועג פון זעלבסטבאַשטימונג. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך דיפערענצירט, און די דיפערענצירונג האָט תיכף פאַרכאַפּט אויך די יידישע פּרעסע.

פאַרשוואונדן איז די אַמאָליקע איינטאָניקייט און גרויקייט. ס'האָבן זיך באַוויזן אַלע פאַרבן און קאָלירן פון סאָציאַל־פּאָליטישן רעגנבויגן. די יידישע פּרעסע טרעט אַריין אין דער נייער מאָדערנער תקופה פון איר אַנטוויקלונג.

4

די מאַרטיראָלאָגיע פון דער יידישער פּרעסע, וועגן וועלכער מען רעדט איצט אַזוי פיל, איז טאַקע דער עיקר פאַרבונדן מיט אָט דער

בייער תקופה. די צענזור־אָנשיקעניש פֿאַלט, אמת, אויס די ערשטע צייט דער עיקר אויפֿן חלק פֿון דער בירגערלעכער פּרעסע. די אַר־בעטער־פּרעסע מיידט־אויס די דאָזיקע פּלאָג דורך דעם... וואָס זי לאָזט זיך אַראָפּ אונטער דער ערד. אָבער קרבנות ברענגט זי דערביי אויפֿן מזבח פֿון דער פּרעסע אָן אַ שיעור. די אומלעגאַלע יידישע אַרבעטער־פּרעסע איז אַ געשיכטע פֿון אומגעהויערע ליידן פֿון לאַנגע יאָרן סיביר און קאַטאָרגע.

און ווען די אַרבעטער־פּרעסע הויבט סוף כל סוף אויך אָן דער־שיינען לעגאַל — ציט זי אָפּ אויף זיך די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די היטער פֿון רו און אָרדענונג. דאָס אויג פֿון צענזאָר קאָנ־צענטרירט זיך דער עיקר אויף די אַרבעטער־אָרגאַנען. קאָנפֿיסקאַציעס, פּראָצעסן, שטראָפֿן און פֿאַרבאָטן באַגלייטן די דאָזיקע פּרעסע אויף איר וועג כסדר, ביז אויפֿן הייַנטיקן טאָג.

און צו דער מאַרטיראָלאָגיע פֿון דער יידישער פּרעסע דאַרף מען אפֿשר פֿאַררעכענען אויך איר שווערן קאַמף אין יידישן לעבן גופֿא פֿאַר דעם אָנזען און אָנערקענונג פֿון דער יידישער שפּראַך. און ווידער האָט דאָ דעם חשובסטן חלק, די גרעסטע פֿאַרדינסטן די אַרבעטער־פּרעסע. זי האָט די ערשטע פּראָקלאַמירט די רעכט פֿון יידיש, זי האָט די דאָזיקע פֿאָדערונג אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט איר גאַנצער וועלט־אָנשויאונג בנוגע די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פֿון יידישן לעבן, — און ביז אויף הייַנטיקן טאָג פֿאַרבלייבט זי די איינציקע קאָנסעקווענטע שיצערין און טרעגערין פֿון דער יידישער שפּראַך און פֿון אירע רעכט.

5

אויף קיין געביט האָט דאָס יידישע וואָרט ניט אָפּגעהאַלטן אַזאַ אַנטשיידענעם נצחון, ווי אויפֿן געביט פֿון פּרעסע. דער היסטאָרישער שטרייט יידיש־העברעאיש איז דאָ פֿאַקטיש אַ געלייזטער, אַ געפּסקנטער.

פּרעסע לעבט מער פֿון אַלץ מיטן טאָג, מיט דער וואָך, מיטן רעאַלן לעבן און דאָ האָט טאַקע די „הייליקע שפּראַך” פֿריער ווי ערגעץ אַנ־דערשוואו געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דעם „אָרעמען”, באָר לעבעדיקן „זשאַרגאָן”.

עס קאָנען נאָך געמאַכט ווערן פּרואוון צו מזכה־זיין דעם יידישן באַלעבאָס מיט אַ לשון־קודשדיקער צייטונג — אָבער קיין ממשותדיקע באַדייטונג קאָנען שוין איצט אַזעלכע פּרואוון נישט האָבן. עס געהערט שוין גיכער צום געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע קוריאָזן, איידער צום געביט פֿון ערנסטע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿטוען.

די פּרעסע רופט מען געוויינלעך די זיבעטע מלוכה, ווייל זי שפּיגלט נישט בלויז אָפּ די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, נאָר זי איז אויך דער אַקטיוועסטער פאַקטאָר אינעם פאָרמירן אָט די מיינונג. זי איז דער ווירקזאַמסטער אינסטרומענט אינעם פאַרקער צווישן מענטשן, ביים באַהעפטן און אָרגאַניזירן גרופּן, ריכטונגען, שיכטן און קלאַסן.

דער יידישער אַרבעטער־קלאַס שטרעבט צו באַהערשן אויך די דאָזיקע מלוכה. אין די יובילײ־טעג פון דער יידישער פּרעסע קוקט ער זיך מיט שטאָלץ אום אויף דעם דורכגעמאַכטן וועג און שעפּט אין אים מוט און באַגייסטערונג פאַר ווייטערדיקן אָנגריף, פאַר נייע דער־גרייכונגען אין דער דאָזיקער מלוכה.

(„אונזער פאָלקסצייטונג”, וואַרשע, נומ. 10, 1924)

פרימאַ און סעקונדאַ

טראַכטעניש ערב ניי־יאָר

ס׳איז אַ שווערער ביטערער קריזיס. ער ברייטערט זיך אַלץ מער אויס. ער שוינט נישט קיין שום לאַנד, קיין שום געביט פון דער ווירטשאַפט. די צאָל אַרבעטלאָזע וואַקסט. מען האַלט שוין ביי קרוב 18 מיליאָן, און ווער ווייסט, ווי ווייט די צאָל וועט נאָך וואַקסן. און מען ווייסט אַפילו נישט — קיינער ווייסט נישט — ווען און ווי אַרום וועט דער קריזיס אָנהויבן זיך אָפּוויקלען. מען טאַפּט אין דער פינצטער, מען שפּיזט זיך מיט השערות...

און אין מיטן פון אָט דעם אומדערטרעגלעך־שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס — נישט קיין לייכטערער פּאָליטישער קריזיס. גאַנץ אייראָפּע כמעט פיבערט. אומעטום איז אומסטאַביל, אומזיכער. מען דרייט זיך ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז, און מען זוכט אַ וועג...

וואָס קומט פאָר? — קלאָר: די ווירטשאַפט מאַניפעסטירט דורך 18 מיליאָן אַרבעטסלאָזע איר פּראָטעסט קעגן די קאַפּיטאַליסטישע צוואַנגען, אין וועלכע זי ווערט געהאַלטן. און אויך דער פּאַרלאַמענטאַריזם — די פאָרם פון בורזשואַזער הערשאַפט אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם — קלאַפּט נישט מער ווי געהעריק. קראַנקע ווירטשאַפט און קראַנקער פּאַרלאַמענטאַריזם באַטייטן: קראַנקער קאַפּיטאַליזם.

* * *

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע — און פאַר אונז, סאָציאַליסטן, דאָס טרויעריקסטע — איז אָט וואָס: אומזיסט וועט איר זוכן סימנים פון אומרו, צי גאָר פון פּאַניק אין די קאַפּיטאַליסטישע רייען. איר וועט נישט זען קיין סימן אַפילו פון פאַרלוירנקייט, צי אַפילו בלויז פון מורא פאַר מעגלעכע אויפטרייסלונגען. אַדרבא, נאָך קיינמאָל, דוכט זיך, האָבן די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האָפערדיקייט און אָנגרייפערישקייט, ווי איצט. אומעטום איז די איני־

ציאַטיוו אין זייערע הענט. פרעך און ברוטאַל שטרעבן זיי אומעטום איבערצואוואַרפן די לאַסט פוןווירטשאַפטלעכן קריזיס אויף די פאָלקס־מאַסן. און מיט ממש אומגלויבלעכער תקיפות אָרגאַניזירן זיי פאַשיסטישע חיילות, שטאַטן זיי אויס מיט אַלע מינים וואָפן און מאַכן קיין סוד נישט דערפון, אַז זיי קלייבן זיך צווינגען די מאַסן צו באַצאָלן די קאָסטן אויך פון פּאָליטישן קריזיס.

מען מוז מודה זיין: זיי — די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן — ווייזן אַרויס אַ הויכע מאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין און זעלבסטזיכערקייט.

זיי ווייסן, אַז די אָרדענונג, וועלכע באַוואָרנט זייער הערשאַפט, איז קראַנק — אָבער זיי ווייסן אויך די רפואה צו דער קרענק. נאַטירלעך, די קאַפּיטאַליסטישע רפואה. און מיט זייערע טריט גייען זיי צו זייער ציל — לייזן מיט קאַפּיטאַליסטישע מיטלען די ווידערשפּרוכן, אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט זיך פאַרוויקלט.

און זאָל מען נישט איינרעדן זיך, אַז אַ קאַפּיטאַליסטישע לעזונג איז קיין לעזונג נישט, אַז זי מוז געבוירן נייע ווידערשפּרוכן א. אַז. וו. ריכטיק, זי מוז טאַקע געבוירן נייע ווידערשפּרוכן און די אַנטוויקלונג און צושפּיצונג פון די נייע ווידערשפּרוכן מוז טאַקע אַרויסרופן אַ נייעם און נאָך אַ שאַרפערן קריזיס א. אַז. וו. א. אַז. וו. אָבער דאָס נעשעט נישט אין איין כהרף־עין. דאָס פאָדערט צייט, יאָרן. און פאַר די הערשנדיקע קלאַסן איז דאָס דערווייל גאַנץ גענוג, מער ווי אַ „געשיכטלעכן מאָראַטאָריום” פאַרלאַנגען זיי נישט. מיט שוואַרצע נביאות, אַז דאָס פאַרציט נאָר די גסיסה פונעם קאַפּיטאַליזם, אָבער קאָן אים נישט ראַטעווען פון אונטערגאַנג, וועט איר זיי אויף אַ האָר נישט פאַרסמען די הנאה פון דערווייליקן זיג...

* * *

ווי טרויעריק אַנדערש עס זעט אויס אין פּראָלעטאַרישן לאַגער.

די טרויעריקייט איז נישט בלויז און נישט גראָד דעריך, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס קאָן איצט נישט אָנגרייפן, נאָר ער מוז זיך בלויז פאַרטיידיקן. מען קאָן אין דעפענסיווע־פּאָליטיק אויך אַרויסווייזן קראַפט, אַנטשלאָסנקייט און קלאָרע צילבאַוואוסטקייט. דעפענסיווע־פּאָליטיק באַטייט גאָר נישט כסדר האַלטן אין איין אָפּטרעטן, און אָפּטרעטנדיק מוז מען נישט דווקא אַרויסווייזן צעטומלטקייט, פאַרלוירנקייט און ווילן־אָפּגעשוואַכטקייט.

אָבער אַז דו קוקסט זיך צו צו דער פּאָליטיק, לאָמיר זאָגן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — איז דען מעגלעך צו באַפרייען זיך פון דערשיטערנדיקן איינדרוק פון דער וואַקלדיקייט און

אומזיכערקייט פון יעדן שריט פון אָט דער ריזיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע ?! אָט ערשט גאָר לעצטנס: קיין קרעפטיקער מיטל צו באַקעמפן דעם פאַשיזם האָט דער שטאַב פון אָט דער ריזיקער אָרגאַניזאַציע נישט געפונען, ווי צו שטיצן די בריטיש־רעגירונג! צו שטיצן, פאַרשטייט זיך, אין דער שטיל, טאָלערירן... ווי זאָל דאָס נישט אָפּהענטיק מאַכן די אייגענע רייען ?

אָדער — אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פראַנקרייך דערפּרייט זיך פלוצים — זאָל זיין נישט אויף לאַנג, אויף אַ קורצע ווײַלע — וואָס אויפן אָרט פון דער רעגירונג טאַרדיע איז געקומען די רעגירונג סטעג. אָסור, אויב איין בן אָדם קאָן זאָגן אויף קלאָר, מיט וואָס אין תוך די סטעג־רעגירונג שיידט זיך אונטער פון איר פאָרגייערין. און אין די רייען פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן גופא האָט מען דאָס אויך אויסגעצייכנט געוואוסט. אָבער — דאָ טאַקע קומט צום אויסדרוק די **אייגענע אינערלעכע צעפאָרנקייט און צעטומלטקייט. עס איז נישטאָ** די קלאָרע אויסגעשפּראָכנקייט, וועלכע האָט אויסגעצייכנט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַן, ווען זי איז געווען נישט אַן ערך שוואַכער **אין צאָל, אָבער דערפאַר שטאַרקער, פעסטער און אַנטשלאָסענער אין** איר פּרינציפּיעלער אומקאָמפּראָמיסלעכער אָפּאָזיציע **צו דעם הערשנדיקן רעזשים, אין אַלע זיינע געשטאַלטן. און נאָר ווען קאָניונקטור** ווערט דער אלף און תיו פון דער פּאָליטיק — קאָן מען זיך דערכאַפּן די נשמה אויך מיט אַזאַ „געשעעניש“, ווי דער בייט טאַרדיע־סטעג.

און אַז מיר נעמען אַפילו ענגלאַנד, וואו ביי דער מאַכט שטייט **אַן אַרבעטער־רעגירונג — ווער עמיץ זיך אונטערנעמען צו זאָגן, אַז** דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט גרייפט אָן? איז דען די אַרבעטער־רעגירונג נישט אַ קלאַסישער מוסטער פון אומבאַהאָלפנקייט, אומדעצידירטקייט, ווילן־שוואַכקייט? צי אַזוי פירט זיך אויף אַ רעגירונג פון אַ קלאַס, וואָס זיין שטערן שיינט ערשט אויף אין דער געשיכטע, פון אַ קלאַס, וואָס גייט דעראָבערן די וועלט, וואָס גלויבט, אַז דער מאָרגן **געהערט צו אים ?...**

אַן אַרמיי פון 18 מיליאָן אַרבעטלאָזע! וואו האָט איר כאָטשבי אַ פּרואוו צו ברענגען אין באַוועגונג אָט די אַרמיי? צו רויבן דורך אַזאַ באַוועגונג כאָטש איין נאַכט שלאָף ביי די מאַגנאַטן פון דער וועלט? ס'איז כאַראַקטעריסטיש: דער קריזיס דויערט שוין אַ קנאַפּ יאָר. האָט דער עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ערשט נישט לאַנג געכאַפּט זיך, אַז מען דאַרף עפּעס אונטערנעמען. און דאָס אונטערנעמען גופא באַשטייט אין דעם, אַז מען האָט באַשטימט — געמיינזאַם מיטן פּראָפסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל — אַ קאָמיסיע מיט סוב־

קאָמיסיעס אויף צו פאָרשן די אַרבעטלאָזיקייט און אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון מיטלען, ווי זי צו באַקעמפן, און אַז די אַלע פּראָגראַמען וועלן פאַרטיק זיין — זאָל פאַרקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ, געווידמעט דער אַרבעטלאָזיקייט א. אַז. וו. — וואָס פאַר אַ טעמפּ! ווי פּעסימיסטיש מען זאָל נישט קוקן אויף דעם גאַנג פונעם וועלט־קריזיס, מעג מען, דוכט זיך, האָפן, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך צונויפקומען לפּחות ביי די ערשטע סימנים פון בעסערונג... גלייך ווי די מניעה פאַר אַ באַוועגונג פון אַרבעטלאָזע און צוליב אַרבעטלאָזע איז דער מאַנגל אין פאָרשונגען און אין אַ גוט־דורכגעאַרבעטער פּראָגראַם פון פּראַקטישע מאָסמיטלען.

און אַזוי איז אויף אַלע אַנדערע געביטן. אַן אייביק לאַווירן, אַן אייביק שפּייזן זיך מיט קליין־אַרבעט. אָן שוואונג, אָן אימפּעט, אָן דער פרייד און לוסטיקייט, וואָס עס גיט וואַגנדיקער און ווייט־צילנדיקער קאַמף.

* * *

ס'איז אַ טרויעריקער סך־הכל. געוויס. אָבער פאַרמאַכן די אויגן, כדי אים נישט צו זען, איז אַוודאי קיין פּעולה נישט. מען מוז בעסער זען און פאַרשטיין די סיבות פון אַט דעם ראַכיט־צושטאַנד, כדי צו וויסן, אין וואָסער ריכטונג צו זוכן די הילף.

און דאָ בין איך נישט אינגאַנצן מסכים מיט די חברים, וועלכע מיינען און זאָגן, אַז די סיבה פון אַלע צרות איז די שפּאַלטונג אין די אַרבעטער־רייען. אַז די שפּאַלטונג איז אַ קללה פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג — דאָס געוויס. אָבער מען מוז אויך געדענקען, אַז נישט פון שפּאַלטונג דאַטירט דער בראשית פון דער קראַנקהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער בראשית דאַטירט פון דעם רעפאָרמיסטישן זינדפאַל פון אַ רייע פאַרטייען, צי פון זייערע מערהייטן. פריער, פּרימאָ איז געווען רעפאָרמיזם, און דערנאָך, סעקונדאָ איז געקומען די שפּאַלטונג. די שפּאַלטונג איז אַזוי צו זאָגן אַ פונקציע פון רעפאָרמיזם.

אַט האָבן מיר אַ ביישפּיל פון גאָר נאָענט: אונזער פאַרטיי האָט די לעצטע יאָרן געהאַלטן אַ קורס אויף דערנעענטערונג מיט פּ.פּ.ס. ווי מיט דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פאַרטיי. נישטאָ אין אונזערע רייען קיינער, וואָס זאָל נישט אָנערקענען די נויטיקייט פון וואָס אַ גרעסערער דערנעענטערונג, און טאַקע נישט בלויז דערנעענטערונג, נאָר בפירוש פאַראייניקונג מיט דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט אין איין פאַרטיי, אויף געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות. און דאָך? ערשט די טעג האָט ח' ערליך געמוזט קאָנסטאַטירן (אין זיין ענטפער־אַרטיקל גרינבוימען),

אַז כל זמן פּ.פּ.ס. האַלט זיך ביי איר היינטיקער פּאָליטיק, קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַזאַ פאַרבינדונג. אַזוי איז די צעריסנקייט פונעם אַרבעטער־לאַגער אויף אַ געוויסן פּראָצענט־אָפּשניט אַ פונקציע פון **פּ.פּ.ס־אישן רעפאָרמיזם.**

איך פרעג מיך אָפט: ווי וואָלט זיין, ווען אין פוילן, צי אין דייטשלאַנד וואָלטן נישט געווען קיין קאָמוניסטישע פּאַרטייען — און די פּ.פּ.ס. צי די דייטשע ס. ד. וואָלטן געווען די איינציקע פּאָליטישע **פירער אויף דער אַרבעטער־גאַס — וואָלט פאַרן אַרבעטער־קלאַס גע־**וועזן טאַקע אַזוי בעסער? שוין־זשע וואָלט טאַקע געווען בעסער, אַז אין פוילן זאָל דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס — איינהייטלעך און גע־**אייניקט — שטיין אונטער די פענער פון צענטראַלעוו, און אין דייטש**־לאַנד זאָל די ברינינג־רעגירונג געשטיצט ווערן אין נאָמען אויך פון גאַנצן און געאייניקטן אַרבעטער־קלאַס? — כל זמן ס'איז דאָ אַ צענטראַ־לעוו־פּאָליטיק, אָדער אַ פּאָליטיק פון שטיצן די ברינינג־רעגירונג — איז די שפּאַלטונג אומפאַרמיידלעך און דער עיקר — באַרעכטיקט. און וויל מען היילן די באַוועגונג פון די שווערע וואונדן, וואָס די שפּאַל־טונג מאַכט אויף איר לייב, איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג, ווי אַנטשידן באַקעמפן און באַזיגן דעם רעפאָרמיזם אין די אַרבעטער־רייען.

און אַ סימן האָבן מיר: אין די לענדער, וואו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געפירט אַן אָנשטענדיקע, כאָטש אַ מער וויניקער אָנ־שטענדיקע פּאָליטיק — דאָרטן האָט מען טאַקע אויסגעמיטן די שפּאַל־טונג מיט אַלע אירע פאָלגן. איך געהער נישט צו די חסידים פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און איך מיין, אַז מען קאָן נאָך **און מען דאַרף זייער פיל אויסזעצן קעגן איר פּאָליטיק. אָבער איר** פּאָליטיק איז געווען גענוג „אָנשטענדיק” אויף צו פאַרהיטן פון אַ שפּאַלטונג. אַלע באַמיאונגען פון די עסטרייכישע קאָמוניסטן אין דער ריכטונג בליבן רעזולטאַטלאָז. ערשט אויב רענערס גייסט זאָל ענד־גילטיק באַהערשן די פּאַרטיי — דאַן קאָן ווערן אַקטועל די געפאַר פון שפּאַלטונג.

אָדער אין נאָרוועגן. די נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי מיט איר פּאָליטיק האָט אַסעקורירט די באַוועגונג פאַר אַ שפּאַלטונג. אויך דאָ קאָן די קאָמוניסטישע באַוועגונג נישט שלאָגן קיין וואָרצלען. און אין אַ קלענערער מאָס איז דאָס ריכטיק אויך לגבי די אַנדערע סקאַנדינאַ־ווישע לענדער (דענעמאַרק, שוועדן).

* * *

איך האָב אויסן געלאָזן אַ גאַנצן סעקטאָר פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג — דעם קאָמוניסטישן. ווייל איך האַלט, אַז מען דאַרף קודם־כל

אויפראַמען אין „איגענעם" גאָרטן, און — ווייל די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אינגאַנצן איז אַ מין „פּרימאַ" לגבי דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַלס „סעקונדאַ".

אָבער איין באַמערקונג מוז איך דאָ באַלד מאַכן, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדנישן. פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט וועגן שפּאַלטונג דאַרף קיינער נישט דרינגען, אַז איך בין גרייט צו אַמנעסטירן די קאָמוניסטן פאַר זייער שפּאַלטונג־אַרבעט. ניין, דאָס נישט, זיי מיס־ברויכן מיט אָט דער טאַקטיק — פאַר זיי איז שפּאַלטונג געוואָרן אַ ספּאָרט, אָדער אַ מין מצוה, וואָס הענגט נישט אָפּ נישט פון צייט, נישט פון אָרט און נישט פון קיין שום אַנדערע באַדינגונגען.

און אַ חוץ דעם: איין זאַך איז שפּאַלטונג און אַ צווייטע זאַך זיינען די אומגעהערטע מעטאָדן פון צווישן־פּאַרטייאישן קאַמף, וואָס קאָמוניסטן האָבן אַריינגעבראַכט אין די אַרבעטער־רייען. צי מוז דען טאַקע יעדע אידעאיש־פּאָליטישע שפּאַלטונג באַגלייט ווערן מיט שפּאַלטן קעפּ?...

זאַקאָפּאַנע.

(„קעגן שטראָם", וואַרשע, פעברואַר, 1931)

נאָך אַמאָל פּרימאַ און סעקונדאַ

וועגן שפּאַלטונג, אייניקייט און אייניקייטלעכן פראָנט

פון אַ זייט קאָן זיך דוכטן: צי איז דאָס נישט אין תוך געווענעמען האָר־שפּאַלטעריי? וואָס איז דען דער חילוק, צי מען האַלט די שפּאַלטונג פאַר „פּרימאַ" אָדער פאַר „סעקונדאַ"? צי זיינען דען נישט אַלע גלייך מודה אַז שפּאַלטונג איז דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס קאָן נאָר געבן? אַז נאָר אַ געאייניקטער און געשלאָסענער אַרבעטער־קלאַס איז אימשטאַנד צו פירן אַ דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם? און האָבן דען די טראַגישע דייטשע געשעענישן נישט געוויזן, ווי פאַטאַל עס האָט געווירקט די אינערלעכע צעריסנקייט פון די אַרבעטער־רייען?...

דאָס אַלץ איז געוויס ריכטיק. און דאָך ענטפערן מיר: ניין. עס איז נישט האָר־שפּאַלטעריי. טאַקע דערפאַר, וואָס די אייניקייט פון אַרבעטער־קלאַס איז אַזאַ וויכטיקער באַדינג פאַרן דערפאָלג פון זיין קאַמף — איז אויך וויכטיק אַ ריכטיקער צוגאַנג צו דער אייניקייט־פראַגע. מען מוז זי, די אייניקייט, בויען אויף אַ זיכערן און פעסטן פונדאַמענט. מען מוז גוט און ריכטיק וויסן דעם קוואַל פון דער שפּאַלטונג, כדי צו וויסן, ווי אַזוי און ווי אַרום צו רעסטאַווירן די אייניקייט: זי זאָל נישט זיין די אייניקייט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, נישט פון פאַרמלחמהדיקן און נישט פון איצטיקן: די דערגרייכטע אייניקייט זאָל זיין אַ פּראָדוקט און אַן אויסדרוק דערפון, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיךווירקלעך אויפגעהויבן אויף אַ העכערע שטופע, האָט גובר געווען די שוואַכקייטן און קראַנקהייטן, וואָס האָבן זי געשפּאַלטן.

נאָר אַזאַ אייניקייט האָט דאָך אַ ווערט!

1

פאַר אונזערע איצטיקע מערהייט־חברים אין בונד, פאַר די אַ. ג. „איינסער" איז אייניקייט געוואָרן אַ שילד, אַ פאָן, אַ רפואה צו אַלע

צרות. לויט זיי — איז עס גאָר נישט קיין מוז, אַז אייניקייט קאָן זיין בלויז דער רעזולטאַט, דער סוף פון אַ געוויסער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָר אייניקייט מעג זיין און הלוואי וואָלט זי געווען דער אָנהויב פון אָט דער אַנטוויקלונג. נישט די אַרבעטער־באַוועגונג מוז אַפּריער געזונט ווערן, כדי צו ווערן אייניקייטלעך און געאייניקט; אָדער געזונטער: נישט די אייניקייט רעאַליזירט זיך אין פּראָצעס פון געזונט ווערן פון דער אַרבעטער באַוועגונג; נאָר זאָל מען באַווייזן צוריקשטעלן די אייניקייט, און די אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט שוין ממילא געזונט געוואָרן. נישט גוטע ריכטיקע אַרבעטער־פּאָליטיק קאָן און זאָל שאַפן אַ באָדן פאַר דער געווינטשטער אייניקייט, נאָר פאַרקערט — די אייניקייט וועט ערשט שאַפן דעם באָדן פאַר גוטער, פאַר ריכטיקער אַרבעטער־פּאָליטיק. אייניקייט איז כמעט אַ גאַראַנטיע פון ריכטיקער פּאָליטיק, וואָרום בלויז „די לאָגיק פון דער געשפּאָלטנקייט איז, אַז עס שטאַרקן זיך די עקסטרעמיסטישע טענדענצן אין דער אַרבעטער־פּאָליטיק: אַוואַנטוריזם און פּוטשיזם פון איין זייט, קאָאַליציאָניזם און רעפאָרמיזם — פון דער צווייטער".*)

אמת, די חברים האָבן אין ערגעץ נישט פאָרמולירט אָט די געדאַנקען אין אַזאַ קאַטעגאָרישער פאָרם, ווי איך האָב דאָס אָקאָרשט געטאָן. אָבער אַז דאָס איז דער געטריי פאַרשטאַנענער זינען פון אַלע זייערע אַרויסזאָגעכצן — שריפטלעכע צי מינדלעכע — אין אָט דער פראַגע, דאָס איז אויסער ספק. לאָמיר נעמען טאַקע די רעזאָלוציע, פון וועלכער מיר האָבן געבראַכט די פּאָר שורות. די רעזאָלוציע לייגט פאָר דער קומענדיקער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, זי זאָל אויפפאָדערן דעם עקזעקוטיוו פון אינטערנאַציאָנאַל „דורך אַ דירעקטער ווענדונג צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַוועקצושטעלן די פראַגע וועגן אייניקייט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט".

ווייטער רעדט אַפילו די רעזאָלוציע וועגן „אַ רייע באַדינגונגען", וועלכע זענען נויטיק, „כדי אַזאַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער באַוועגונג זאָל זיין מעגלעך", אָבער לויטן גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון דעם דאָקומענט (ווי אויך פון אַ רייע אַרטיקלען פון פירנדיקע חברים) איז קלאָר, אַז לעולם וואָלטן די מחברים געווען פאַר אַ באַלדיקער אייניקייט אָן שום באַדינגונגען, אין

---

*) „דער וועג צו אייניקייט", פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע, וואָס דער צ.ק. פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט צו דער פאָרשטייענדיקער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ. פאַרעפנטלעכטער אין „נ. פאָלקסצייטונג" פון 27 יאַנואַר 1933.

דער איבערצייגונג, אַז אינעווייניק אין דער פּאַראייניקטער באַוועגונג זאָלטן שוין ממילא אַלע באַדינגונגען דערפילט געוואָרן. אויב זיי רעדן וועגן באַדינגונגען, איז גיכער צוליב פּראַקטישע, ווי צוליב פּרינציפּעלע טעמים. זיי ווייסן, אַז פּראַקטיש וועט זיך די זאַך נישט רירן פון אָרט, איידער עס וועלן נישט אויסגעפירט ווערן געוויסע באַדינגונגען.*)

אַנדערש געזאָגט: דורכגעטראַכט ביזן סוף — באַדייט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט, אַז מען קאָן און דאַרף לייזן די אייניקייט־פּראַגע אָרגאַניזאַציאָנעל, נישט מאַכנדיק די לייזונג אָפּהענגיק פון קיינע שום פּאָליטישע פאָרבאַדינגונגען. אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניקייט וועט שוין פון זיך אַליין ברענגען אינעווייניק די געווינטשטע און נויטיקע פּאָליטישע אייניקייט.

אַזאַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגאַנג צו די פראַגן פון אייניקייט קומט צום אויסדרוק נאָך אין אַנדערע פאָרשלאַגן פון דער זעלבער רעזאָלוציע. באַלד אין אָנהויב לייגט די רעזאָלוציע פאָר דעם אינטערנאַציאָנאַל, ער זאָל טאָן אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך, כדי:

1) צוציען צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלע פּאַרטייען און גרופּעס, וואָס שטייען ביז איצט אויסער ביידע אינטערנאַציאָנאַלן;

2) צו קאָנסאָלידירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די לענדער, וואו זי איז ביז איצט צעשפּליטערט, וואו ס׳עקזיסטירן פּאַראַלעל אַ ריי באַזונדערע, אָפּטמאָל זיך קעגנזייטיק באַקעמפנדע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען".

צוציען צום אינטערנאַציאָנאַל! דער עקזעקוטיוו זאָל צוליב דעם „טאָן אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך"! גלייך ווי דאָס, וואָס עס זיינען ביז איצט נישט צוגעצויגן געוואָרן געוויסע פּאַרטייען, וואָלט געווען בלויז אַ פאַרזען, אַ פאַרנאַכלעסיקונג מצד דעם עקזעקוטיוו. און זאָל נאָר דער עקזעקוטיוו „טאָן אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך" — וועט ער זיכער „צוציען" די נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די איטאַליענישע מאַקסימאַליסטן און נאָך אַנדערע. אומזיסט נאָר פּרובירט נישט די רעזאָלוציע אָנצואווייזן,

---

*) אגב, רעדנדיק וועגן די באַדינגונגען פון דער מעגלעכקייט פון אייניקייט, זאָגט די רעזאָלוציע, אַז ס׳איז נויטיק אַ „ראַדיקאַלע ענדערונג" אין דער איינשטעלונג און פּאָליטיק פון קאָמינטערן און עס זענען נויטיק „ממשותדיקע ענדערונגען" אין דער איינשטעלונג און פּאָליטיק פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. צי מיינען טאַקע די חברים, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל קאָן יוצא זיין מיט „ממשותדיקע ענדערונגען" און בלויז דער קאָמינטערן נויטיקט זיך אין אַ „ראַדיקאַלער ענדערונג" פון זיין איינשטעלונג אין פּאָליטיק? און נישט פאַרקערט?...

וואָס אייגנטלעך איז „מעגלעך צו טאָן“, וואָס ביז איצט איז עס נישט געטאָן געוואָרן, כדי צוצוציען צום אינטערנאַציאָנאַל, למשל, די אָנגע־רופענע פּאַרטייען. און נאָך וויכטיקער וואָלט געווען אפשר צו וויסן, וואָס אַזוינס דאַרף דער אינטערנאַציאָנאַל טאָן, כדי אַנדערע פּאַרטייען און גרופּעס זאָלן נישט אָפּפאַלן פון אים...

דאָס זעלבע איז מיטן פּונקט 2, מיטן „קאָנסאָלידירן די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג אין די לענדער, וואו זי איז ביז איצט צעשפּלי־טערט“ א. א. וו. אָט איז אין פּוילן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צע־ריסן און צעשפּליטערט — דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָ גאַנצע זעקס פּאַרטייען (בונד, פּ.פּ.ס., פּועלי־ציון, דייטשע אַרב. פּאַרטיי, אוּמאָפּ־העגניקע, אוקראַינער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטן), און אויב פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון אָט די 6 פּאַרטייען פעלט נאָר, אַז דער עקזעקוטיוו זאָל „טאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך“, וואָלט דאָך געווען אַ יושר צו האָבן כאָטש אַ שטיקל השגה וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך איז „מעגלעך צו טאָן“.

די רעזאָלוציע לאָזט אָבער אָט די פראַגע אָן אַ שום ענטפער. און עס באַקומט זיך, ווי מיר וואָלטן דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפגאַבע, וואָס קאָן געלייזט ווערן דורך אַ געהע־ריקער באַצייטנסדיקער אינטערווענץ פונעם עקזעקוטיוו.

2

מיר מיינען, אַז אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע, ווי דאָס טוט די רעזאָלוציע פון דער צ.ק.־מערהייט — איז פאַלש און שעדלעך.

איינהייט איז געוויס די גרעסטע און וויכטיקסטע ברכה, וואָס מען קאָן נאָר ווינטשן דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער גלויבן, אַז מען קאָן און מען דאַרף אָנהויבן די היילונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון איר איצטיקן קריזיס־צושטאַנד מיט פּריידיקן איינהייט, — הייסט שטעלן זיך אילוזאָרישע און פאַלשע אויפגאַבן און ממילא זיין אויס־געשטעלט אויף שווערע פעלערן אין דער פּראַקטיק.

די ח"ח איינסער מאַכן איין גרונט־טעות: זיי גייען צו צו דער פראַגע מיט דער מאָס פון ריין־פאָרמעלער לאָגיק, און זיי זאָגן דערביי אַרויס זאַכן, וואָס טויגן נישט, הגם זיי זיינען אין פלוג הונדערט־פּראָצענטיק אמת. ווער קאָן דען לייקענען, אַז איינהייט איז אַ נאָרמאַלערע ראַם פאַר אַנטוויקלונג, אַז איינהייט טעמפּט אָפּ עקסטרעמיסטישע טענדענצן, אַז איינהייט פאַרגרעסערט די שטויס־ און צוצי־קראַפט פון דער באַוועגונג, אַז אַ געאייניקטע באַוועגונג אימפּאָנירט מער אויך דעם קעגנער און פיינט א. ד. ג. א. ד. ג.? דער חסרון איז נאָר, וואָס דאָס

רעאַלע לעבן אַנטוויקלט זיך נישט לויט די כללים פון פאָרמעלער לאָגיק. דאָס לעבן אַנטוויקלט זיך דורך ווידערשפּרוכן (דיאַלעקטיש), און דעריבער דאַרף מען זיך נישט וואונדערן, וואָס דער וועג צו איינהייט פירט אַמאָל דווקא דורך שפּאַלטונג. אַזוי איז די לאָגיק פון לעבן. און קעגן איר קאָנען נישט העלפן קיין שום הייליקע געבאָטן און אָפּשפּרעכענישן. נישט אַבסטראַקטע פּראָפּאַגאַנדע פון איינהייט קאָן עפּעס אויפטאָן קעגן גאַנג פון לעבן, נאָר אַ גענויע דערקענונג פון אַלע סיבות פון אָט דעם לעבנס־גאַנג (פון די שפּאַלטונגען), פון אַלע אייגנאַרטיקייטן פון אָט דעם גאַנג.

אוודאי קאָן איינהייט האָבן די ווירקונג פון אָפּטעמפּן „די עקסטרעמיסטישע טענדענצן אין דער אַרבעטער־פּאָליטיק", אָבער צי אָט די ווירקונג טראָגט תמיד ברכה אין איר שויס איז נאָך אַ גרויסע שאלה. אַמאָל ווערן די „עקסטרעמיסטישע טענדענצן" אַזוי אָפּגעטעמפּט, אַז עס אַרבעט זיך אַרויס די ריכטיקע ליניע, און אַמאָל און טאַקע אָפטער געשעט אַזוי, אַז נאָכן אָפּטעמפּן די עקסטרעמיטעטן באַקומט זיך אַ... ליניע פון נישט מילכיק און נישט פליישיק.

און ווייל די ווירקונג פון דער איינהייט קאָן זיין פאַרשיידן — קאָן זי דעריבער נישט גילטן אַלס אַלגעמיינער רעצעפּט. עס הענגט אין יעדן באַזונדערן פאַל אָפּ פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען, פון צייט, אָרט, אומשטענדן.

און דעריבער קאָנען טאַקע אַפילו די געשוואוירנסטע אָנהענגער און פריידיקער פון איינהייט נישט אויסהאַלטן ביזן סוף אָט די „לאָגיק". די ח"ח, וואָס האַלטן די שפּאַלטונג פאַרן קוואַל פון אַלע אומגליקן, וועלכע זענען געקומען אויפן אַרבעטער־קלאַס די לעצטע 15 יאָר, וואָס וואָלטן עס געהאַלטן פאַרן גרעסטן גליק, ווען ביידע עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן גיסן זיך היינט צו טאָג צונויף (אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, מיט אַלע רעפאָרמיסטישע און אולטראַ־לינקיסטישע מעלות טובות) — די זעלבע ח"ח זענען אויך געצוואונגען (שוין נישט דורך זייער אייגענער לאָגיק, נאָר דורך דער פאַקטן־לאָגיק פון לעבן) צו באַרעכטיקן געוויסע פאַלן פון שפּאַלטונגען. די שפּאַלטונג פון דער דייטשער ס. ד. בעת דער מלחמה, זאָגן זיי, איז געווען באַרעכטיקט. און אויך איצט אונטער היטלערס ממשלה, זיינען זיי נוטה צו מיינען, אַז אַ שפּאַלטונג פון דער דייטשער ס. ד. וואָלט געווען נישט איבעריק.

אָבער אויך אין די פאַלן גיבן זיך די חברים נישט אָפּ קיין חשבון וועגן די אמתע סיבות און פאָלגן פון די שפּאַלטונגען. לויט זיי קומט אויס (זע אַרטיקל פון ח' ערליך „אַ טרויעריקער סך־הכל" — „נ. פאָלקסצייטונג" נומער 117, ה. י.) אַז די שפּאַלטונג פון דער

דייטשער ס. ד. בעת דער מלחמה איז געוואָרן נויטיק נאָר צוליב דעם, ווייל די אָפּאָזיציע, וועלכע איז געווען קעגן דער מלחמה־פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי־מערהייט, האָט נישט געהאַט גענוג מעגלעכקייטן צו פאַרטרעטן איר שטאַנדפּונקט אינעווייניק אין דער פּאַרטיי. דאָס איז לחלוטין אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. די שפּאַלטונג איז געוואָרן אומפאַר־מיידלעך, ווייל די אָפּאָזיציע האָט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן די מערהייט פון איר אַנטי־סאָציאַליסטישער מלחמה־פּאָליטיק, און זי האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן אָט די פּאָליטיק.

איינהייט איז נאָר אַזוי לאַנג מעגלעך, ביז עס איז פאַראַן אַן איינ־שטימיקייט אין די גרונט־יסודות, אין די עיקר־פּרינציפּן, און די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען נוגע מעג זיין ווי וויכטיקע פראַגן, אָבער פאָרט נישט אַזעלכע, וואָס זאָלן אוממעגלעך מאַכן דאָס געמיינ־זאַמע פּאָליטישע האַנדלען, וואָס זאָלן דורכאויס פאָדערן פאַרקערטע האַנדלונגען, ווי די מערהייט פירט אַדורך.

אין דערמאָנטן אַרטיקל דערציילט ח׳ ערליך, אַז די ידיעה וועגן דער שפּאַלטונג פון דער דייטשער ס. ד. (בעת דער וועלט־מלחמה) „האָבן מיר אויפגענומען מיט אַ געפיל פון טיפער דערלייכטערונג און באַפרידיקונג". פאַרוואָס? ווייל, מיינט ער, ביי יענע באַדינגונגען (מלחמה־רעזשים, וואָס האָט נישט געלאָזן דער אָפּאָזיציע פריי קומען צום וואָרט) „איז פאַר דער אָפּאָזיציע קיין אויסוועג נישט געווען", און „די פּאַרטיי־פירער האָבן אומגעשטערט ווייטער געפירט זייער מלחמה־פּאָליטיק און אַזוי אַרום געהאַמעוועט דעם אויסניכטערונגס־פּראָצעס פון די מאַסן".

די דערקלערונג הינקט אויף ביידע פיס. עס איז נאַאיוו צו מיינען, אַז ווען די אָפּאָזיציע וואָלט דעמאָלט געהאַט אַביסל מער באַוועגונגס־פרייהייט אין דער פּאַרטיי, וואָלט צו דער שפּאַלטונג נישט געקומען. וואָס הייסט דאָס? וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט דען די אָפּאָזיציע געהאַט, יען זי וואָלט צוגעזען, ווי די פּאַרטיי פאַרראַט די סאָציאַליסטישע פאָן און פירט אַ פאַרברעכערישע סאָציאַל־אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אונטערן טייטל פון ווילהעלמען — און זי וואָלט זיך באַנוגנט מיט אַ מין „וואָטום סעפּאַראַטום"? זאָל זיין, אַז מען וואָלט איר געגעבן די גרעסטע פרייהייט פון אַגיטאַציע אינעווייניק אין דער פּאַרטיי — נו, וואָלט זי שוין דאַן געקאָנט שטימען אין רייכסטאַג פאַר די מלחמה־קרעדיטן? וואָלט זי שוין דאַן געקאָנט מיטמאַכן די גאַנצע מלחמה־פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, טראָגן אחריות פאַר אָט דער פּאָליטיק? וואָלט זי געקאָנט בלייבן אין די פּאַרטיי־רייען און זיך האַלטן ביים כלל: פרייהייט אינעם טראַכטן, אָבער דיסציפּלין אינעם האַנדלען?

ניין. די סיבה פון יענער און פון יעדער שפּאַלטונג איז — אַז די דיסציפּלין ווערט אומדערטרעגלעך, וואָרום די מיינונגס־פאַרשיידנ־הייטן גרייכן צו אַזאַ מאָס, אַז זיי דיקטירן קעגנזעצלעכע פּאָליטישע האַנדלונגען.

„די פּאַרטיי־פירער האָבן... געהאַמעוועט דעם אויסניכטערונגס־פּראָצעס פון די מאַסן". אַזוי איז געווען נישט נאָר אין דער דייטשער ס. ד. אין דער צייט פון דער מלחמה. אַזוי איז תמיד און אומעטום. די מערהייט האַלט געווינלעך ,אַז איר פּאָליטיק איז די ריכטיקע — באַמיט זי זיך דעריבער צו האַמעווען דעם „אויסניכטערונגס־פּראָצעס". זי קאָן נישט אַנדערש האַנדלען און די מינדערהייט קאָן אַרבעטן אינע־ווייניק אין די פּאַרטיי־רייען פאַר דעם „אויסניכטערונגס־פּראָצעס" נאָר אַזוי לאַנג, ווי די פּראַקטישע פּאָליטיק פון דער מערהייט (וואו עס מוז גילטן דיסציפּלין!) קומט נישט אין אַ שאַרפער סתירה מיט אירע, דער מינדערהייטס, גרונט־פּרינציפּן.

און אויב אַזוי, מיט וואָס איז, לאָמיר זאָגן, די שפּאַלטונג פון דער פראַנצייזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1920 ווייניקער געווען באַ־רעכטיקט און באַגרינדעט, ווי די שפּאַלטונג פון דער דייטשער ס .ד. אין דער צייט פון דער מלחמה? און אגב, האָבן דאָ די שפּאַלטונג דורכגעפירט נישט די א. ג. פּראָפעסיאָנעלע שפּאַלטער, די לינקע, נאָר דווקא די רעכטע — ווען די מערהייט האָט אָנגענומען אַ קאָמוניסטישע פּלאַטפאָרם.

אַפילו אין „בונד" (אין ראַטן־פאַרבאַנד) האָבן אויך די רעכטע — גרופּע אַבראַמאָוויטש־יודין — נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר שפּאַלטן די פּאַרטיי, ווען זי האָט אָנגענומען אַ לינקע פּלאַטפאָרם.

אָדער פאַרוואָס איז נישט באַרעכטיקט די שפּאַלטונג אין דער זעלבער דייטשער ס. ד. פון סוף 1930 (די בילדונג פון דער ס.א.פּ.)? צי איז די טאָלערירונג־פּאָליטיק לגבי דער בריונינג־רעגירונג, דאָס איינשפּאַנען די אַרבעטער אין וואַל־וואָגן פון הינדענבורגן, דאָס צו־שטימען צו די ברייטע פולמאַכטן פאַר בריונינגען נישט אַנטי־סאָציאַ־ליסטיש, נישט אַ פאַרראַט פון דער סאָציאַליסטישער פאָן , און צי האָבן דען די פּאַרטיי־פירער איצט נישט „געהאַמעוועט דעם אויסניכטערונגס־פּראָצעס פון די מאַסן"? האָט מען דען קאַרג געשטיקט און געדריקט די אָפּאָזיציע? און האָט דען נישט דער צ.ק. פון דער ס.ד. דער ערשטער געגעבן דעם סיגנאַל צו דער שפּאַלטונג, ווען ער האָט פאַר־באָטן דעם „פאַקעל" (וואָכנבלאַט פון דער אָפּאָזיציע) און אויסגעשלאָסן די דעמאָלטדיקע פירער פון דער אָפּאָזיציע — ראָזענפעלדן און זיידע־וויצן?

און אויך די ענגלישע „אומאָפּהענגיקע״ האָבן פֿאַרלאָזן די „לייבאָר פּאַרטיי״ ערשט דאַן, ווען מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט דיסציפּלינירטע האַנדלונגען אין פֿאָרם פֿון אײנהייטלעכע אָפּשטימונגען אין פּאַרלאַמענט. למשל, ווען די לייבאָר פֿראַקציע שטימט פֿאַר שיקן מיליטער קיין כינע — זאָלן די „אומאָפּהענגיקע״ מיטשטימען (און זיך טרייסטן דער־מיט, וואָס זיי קאָנען דערנאָך פֿריי קריטיקירן אָט די האַנדלונג). און זיי זאָלן מיטמאַכן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי לגבי אינדיע, עגיפּט, פּאַלעסטינע א. אַז. וו. און מיטמאַכן צוזאַמען מיט דער גאַנצער לייבאָר־פּאַרטיי דעם פֿאַרס פֿון דער אַנט־וואָפֿענונגס־קאָנפֿערענץ און אַלע אַנדערע געשמאַקע „אויפֿפֿירונגען״ פֿון דער פֿעלקער־ליגע.

נישט די „אומאָפּהענגיקע״ אין ענגלאַנד און נישט די ס. א. פּ.יסטן אין דייטשלאַנד צי אין האָלאַנד האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פֿון זייערע מוטער־פּאַרטייען דערפֿאַר, וואָס זיי דערשאַצן נישט דעם ווערט פֿון אײנהייט. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן, כאָטש זיי ווייסן דעם ווערט פֿון אײנהייט און די גרויס פֿון די געפֿאַרן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט שפּאַלטונג. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן דאַן, ווען זייער בלייבן אין דער אײנהייטלעכער אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן פֿאַרבונדן מיט האַנדלונגען, וואָס זיינען נישט עפּעס אַנדערש, ווי זעלבסט־פֿאַרלייקענונג, מיט האַנדלונגען קעגן איגענעם סאָציאַליסטישן געוויסן.

3

טראַכט מען גוט אַדורך דעם זינען פֿון די שפּאַלטונגען בעת און נאָך דער מלחמה און אין די לעצטע פֿאַר יאָר — איז נישט שווער צו קומען צו אַזעלכע אויספֿירן:

א) רעפֿאָרמיסטישע פּאָליטיק און רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאָליטיק שליסן זיך קעגנזייטיק אויס. צווישן רעפֿאָרמיסטן און רע־וואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן קאָן מען נישט איבערוואַרפֿן קיין שום בריק. זיי מוזן זיך פֿריער אָדער שפּעטער שיידן. און וואָס פֿריער, אַלץ בעסער, אַלץ געזונטער פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אומזיסט אַרגומענטירט ח׳ ערליך דערמיט, וואָס — אָט, איר זעט, די מלחמה־שפּאַלטונג פֿון דער דייטשער ס. ד. האָט זיך טאַקע יאָ איינגעגעבן און די לעצטע שפּאַלטונגען גיבן זיך נישט איין. דער דער־פֿאַלג איז דאָ קיין שום באַווייז נישט. עס קאָן זיין אַ באַרעכטיקטע, אַ באַגרינדעטע שפּאַלטונג, און זי זאָל — צוליב געוויסע סיבות — ביז אַ צייט נישט אַרויסווייזן איר פּאָטענציעלע ווירקונג. דער אויסגאַנג פֿון דער וועלט־מלחמה האָט אַזוי אויפֿגעטרייסלט די מאַסן אין דייטש־

לאַנד, אַז דאָס האָט פאַרשנעלערט דעם פראָצעס פון זייער פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג און איבערגרופּירונג. די שפּאַלטונג פון 1930 איז געשען גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען. די אַנטוויקלונג פון דער ס. א. פּ. איז דעריבער געווען אַ מער ווייטאָקדיקע און זיגזאַגיקע. אָבער ווער קאָן זאָגן אויף זיכער, אַז ביי אַן אויסברוך פון אַ רעוואָלוציאָנערן קריזיס וואָלט די ס. א. פּ. נישט געוואָרן איינער פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן אין אַרבעטער־לאַגער?

ב) דער אָרגאַניזאַציאָנעלער כאַראַקטער פון אינערלעך־פּאַרטייאישע קאָנפליקטן דאַרף קיינמאָל נישט פאַרדעקן פאַר אונז זייער פּאָליטישן אינהאַלט.

אַלע אָן אויסנאַם אָרגאַניזאַציאָנעלע ריסן זיינען בלויז אַן אויסדרוק פון ערנסטע און טיפע פּאָליטישע חילוקי דעות, פון פּאָליטישע קעגנזאַצן.

דעריבער: ג) וויל מען היילן די אַרבעטער־באַוועגונג פון די ריסן, מוז מען זיך ווענדן צו זייער שורש, צו דער פּאָליטיק, וואָס די צעקריגטע און צעריסענע צדדים פירן.

פרימאָ — פּאָליטיק: סעקונדאָ — אָרגאַניזאַציאָנעלע שפּאַלטונג אָדער איינהייט.

מיט פריידיקן סתם איינהייט קאָן מען ווייט נישט פאַרפאָרן. וואָלטן רעפאָרמיסטן און קאָמוניסטן געפאָלגט די עצה פון די ח״ח איינסער און וואָלטן זיך פאַראייניקט — וואָלט דורכדעם די אַרבעטער־באַוועגונג נישט איינגעשפּאָרט זיך וועג (אין איר גאַנג צום סאָציאַליזם), נאָר פאַרקערט — זי וואָלט אָנגעלייגט וועג. וואָרום — די קינסטלעך פאַראייניקטע רעפאָרמיסטן און קאָמוניסטן וואָלטן לאַנג נישט געקאָנט הויזן צוזאַמען — צו שאַרף איז דערויף דער קעגנזאַץ צווישן דער פּאָליטיק פון די ביידע. דער קעגנזאַץ וואָלט אומפאַרמיידלעך אויפגעריסן די פאַראייניקונג, און די אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט צוריק אָפּגעוואָרפן געוואָרן צו יענעם פונקט, ביי וועלכן זי האָט שוין געהאַט פריער געהאַלטן.

און דאָס זעלבע געשעט מיט די פּרוּוון איינצושטעלן אַ צוזאַמענלעבן צווישן רעפאָרמיסטן און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. אויך דאָ איז דער קעגנזאַץ אַ טיפער, אַ פּרינציפּיעלער — און דאָס צוזאַמענלעבן איז פּרוכטלאָז און האַלט דעריבער נישט אויס. דערפאַר איז געקומען צו דער גרינדונג פון דער ס. א. פּ. אין דייטשלאַנד, און דערנאָך אין האָלאַנד. דערפאַר איז די ענגלישע „אומאָפּהענגיקע" פּאַרטיי אַרויס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. דערפאַר קומט גאָר נישט אַרויס פון אונזערע — בונדישע — פּרוּוון זיך צוזאַמענלעבן מיט פּ. פּ. ס. און

דערפֿאַר קומט אויך גאָרנישט אַרויס פֿונעם פּרואוו צו שאַפֿן אַ לינקן פֿליגל אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — וואָרום אויף וויפֿל עס בילדן זיך אויס לינקע (רעוו. סאָציאַליסטישע) גרופּירונגען, קומען זיי אין אַזאַ קעגנזאַץ מיט דער פּאָליטיק פֿון דער רעפֿאָרמיסטישער מערהייט פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל, אַז זיי מוזן אויך אָרגאַניזאַציאָנעל איבעררייסן מיט אָט דער מערהייט.

צוליב דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פֿונעם „בונד" פֿאַר די לעצטע 15 יאָר — אין פּרט פֿון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען — איז די פּאַרטיי ערשט אין 1930 אַריין אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דעריבער פֿאַרהאַלט זיך אַביסל דער פּראָצעס פֿון שיידן זיך. אָבער — עס וועט געשען. מיט אַ פּאַרשפּעטיקונג — מיר, „צווייער", וועלן, נאַטירלעך. טאָן אַלץ, כדי די פֿאַרשפּעטיקונג זאָל זיין וואָס אַ קלענערע — **אָבער אויך דער „בונד" וועט מוזן פֿאַרלאָזן די רייען פֿונעם** רעפֿאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

4

אָבער טאַקע דערפֿאַר, וואָס מען קאָן נישט דערוואַרטן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל אין דער נאָענטער צוקונפֿט קומען צו דער געוווּנטשטער איינהייט, איז אַזוי נויטיק, מען זאָל וואָס גיכער קומען צו דעם מעגלעכן איינהייטלעכן פֿראָנט.

די זעלבע באַדינגונגען וועלכע מאַכן אוממעגלעך די איינהייט — דיקטירן די נויטיקייט פֿון איינהייטלעכן פֿראָנט.

ככדי ס'זאָל צושטאַנד קומען איינהייט, איז נויטיק, אַז לפּחות די עיקרדיקע חלוקי דעות צווישן די לאַגערן אין אַרבעטער־קלאַס זאָלן ווערן אויסגעלעבט. אָבער ביז די חילוקי דעות זיינען נישט אויסגעלעבט (און כדי דער פּראָצעס פֿון זייער אויסלעבן זאָל זיך נישט פֿאַרציען אויף צו לאַנג), איז נויטיק און מעגלעך די טאַקטיק פֿון איינהייטלעכן פֿראָנט.

אַזאַ פֿראָנט פֿאָדערט נישט פֿון קיין שום צד קיין פּרינציפּיעלע קרבנות. יעדער צד האַלט איין זיין פֿולע זעלבשטענדיקייט, און דאַרף קיין זאַך נישט פֿאַרטושן אין זיין פּאָליטישער פֿיזיאָנאָמיע.

געוויס איז נויטיק קעגנזייטיקע לאָיאַלקייט אין די באַציאונגען צווישן די פּאַרטייען, וועלכע בילדן דעם איינהייטלעכן פֿראָנט. אָבער לאָיאַלקייט באַדייט בשום אופֿן נישט, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון קעגנזייטיקער קריטיק. מען דאַרף בלויז געדענקען, אַז קריטיק מוז נישט דווקא באַשטיין פֿון זידלערייען און העצערייען, ווי די קאָמוניסטן זיינען געוואוינט.

אַז די קאָמוניסטן פון סטאַלינס חדר באַגייען דעם אומגעהויערסטן מיסברויך מיט דעם לאָזונג „איינהייטלעכער פראָנט" — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. טראָצקי איז פולשטענדיק גערעכט, ווען ער באַצייכנט די סטאַליניסטישע באַציאונג צו די אַרבעטער פון קעגנערישן לאַגער, אַלס אולטימאַטיזם. די קאָמוניסטן זענען גרייט צו זיין אַזוי גנעדיק און שליסן אַן איינהייט־פראָנט מיט די אַרבעטער, אָבער נאָר אונטער דעם אולטימאַטיוון תנאי — זיי זאָלן זיך אַפריער אָפרייסן פון זייערע פירער, ס'הייסט אייגנטלעך פון זייערע פאַרטייען. נאָר דאָס איז דאָך דער זינען פון „איינהייט־פראָנט פון אונטן". אָבער דער דאָזיקער זינען איז אַן אומזין! אויב די אַרבעטער זאָלן זיך אָפרייסן פון זייערע סאָציאַליסטישע פירער און פאַרלאָזן זייערע פאַרטייען, וואָלטן זיי דאָך, לויט דער אויסרעכענונג פון די קאָמוניסטן, צוגעשטאַנען צו זיי — טאָ צו וואָס וואָלטן זיי דאַן באַדאַרפט דעם איינהייטלעכן פראָנט? מיט זייערע אייגענע אָנהענגער און מיטגלידער?

נויטיק איז איינהייט־פראָנט נישט אַלס מאַנעוור און נישט אַלס „שליסל" צום קעגנערס מחנה, און נישט אַלס מיטל צו דעמאַסקירן דעם קעגנער. נויטיק איז איינהייט־פראָנט, כדי צו קאָמפּענסירן דעם שאָדן פון דער אומפאַרמיידלעך פעלנדער איינהייט, כדי צו קאָנען מיט דערפאָלג אָפּווערן די אָנגריפן פון דער בורזשואַזיע מיט אירע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו קאָנען מיט מאַקסימאַלן דערפאָלג פירן דעם קאַמף פאַר די עלעמענטאַרע טאָג־נויטן פון די מאַסן, און כדי צו באַוואָרענען די געהעריקע קאַמף־דערציאונג — רעוואָלוציאָנערע דערציאונג — פון דער אַרבעטער־מאַסע — פון דער גרויסער מאַסע, וועלכע שטייט נאָך אויסער יעדער פאַרטיי און קאָן געוואונען ווערן פאַרן פראָלעטאַרישן קאַמף, נאָר ווען דער פראָלעטאַריאַט טרעט אויף אייניק און געשלאָסן. און וואָס איז שייך „שליסל"־האָפענונגען און דעמאַסקיר־פאַרלאַנגען — איז אויב די סאָציאַליסטישע פאַרטייען וועלן זיך אינעם איינהייט־פראָנט אויפפירן שלעכט, אָפּאָרטוניסטיש, שרעקעודיק, פאַסיוו, און די קאָמוניסטישע פאַרטיי וועט אַרויסווייזן רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט (ווירקלעכע, און נישט בלויז שרייערישע, פראַזן־דרעשערישע), קאָנסעקווענטקייט, אַקטיווקייט א. ד. ג. — וועט זי ממילא זיין די געניסערין פונעם איינהייט־פראָנט: די סאָצ. פאַרטייען וועלן זיין די דעמאַסקירטע, און די קאָמוניסטישע פאַרטיי וועט קריגן אַ „שליסל" צו די הערצער פון די אַרבעטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. עס קאָן אָבער זיין פאַרקערט אויך: אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פאַרטיי זאָל אינעם איינהייט־פראָנט אַרויסווייזן אַקטיווקייט און אַנטשלאָסנקייט צוזאַמען מיט נויטיקער

באַרעכנטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און די קאָמוניסטישע פאַרטיי זאָל אַרויסווייזן... שלימזלדיקייט און נייגונג צו פאַרבייטן דרייסטקייט אויף אַוואַנטוריסטישקייט.

דאָס איז טאַקע די מעלה פון איינהייט־פראָנט: יעדע פאַרטיי ווערט געצוואונגען גוט צו באַרעכענען יעדן שריט אירן און — וואָס מער ענערגיע אַריינצוטראָגן אין דער בשותפותדיקער אַקציע. ווייל — אַלץ ווערט דאָך געטאָן אויף די אויגן פון דער אַרבעטער־מאַסע, און זי האָט די מעגלעכקייט צו מאַכן פאַרגלייכן און אורטיילן יעדן צד לויט זיינע פעאיקייטן און פאַרדינסטן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך.

אַלזאָ — לאחר המעשה קאָן און מעג יעדע פאַרטיי האָפן צו שלאָגן אַזוי צו זאָגן „פאַרטיי־קאַפּיטאַל" פונעם איינהייט־פראָנט. אָבער מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט אָט דעם „פאַרטיי־קאַפּיטאַל" מאַכן פון פאָראויס פאַרן הויפּט־ציל פונעם איינהייט־פראָנט. — דאָס איז דער אָפיציעל־קאָמוניסטישער צוגאַנג צום איינהייט־פראָנט, און ער האָט נאָר די פעולה, אַז ער מאַכט אים אוממעגלעך...

* * *

ווער איז שולדיק, וואָס ביי אונז אין פוילן קומט נישט צו אַזאַ איינהייט־פראָנט?

דאָס איז אַ טעמע, וועלכע מען האָט שוין אויף די שפּאַלטן פון „קעגן שטראָם" באַהאַנדלט. און מען וועט זי נישט איינמאָל נאָך באַהאַנדלען.

איך וויל זיך דאָ באַגרענעצן בלויז מיט איין קורצער באַמערקונג אויפן אַדרעס פון אונזער אייגענער פאַרטיי:

דער „בונד" אין פוילן האָט דער ערשטער געפּריידיקט די נויטיקייט פון איינהייטלעכן פראָנט, און האָט בשעתו נישט איינמאָל פּרובירט פּראַקטיש אים דורכצופירן. ער האָט זיך דאַן אָנגעשטויסן אויף אַ באַשיימפּערלעכן סאַבאָטאַזש מצד דער פ.ק.פּ.

שפּעטער האָבן די מערהייט־חברים זיך געשטעלט אויפן אויבן געשילדערטן שטאַנדפּונקט פון איינהייט — דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון די באַציאונגען מיט פ. פּ. ס. און פונעם אַריינטריט אין אינטערנאַציאָנאַל — און דאָס האָט נאַטירלעכערווייז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעווענדט די פאַרטיי־אויפמערקזאַמקייט פונעם לאָזונג וועגן איינהייט־פראָנט.

מיר אָבער שיינט: ווען די פאַרטיי וואָלט מיט אַזאַ קאָנסעקווענץ — אַרויסווייזנדיק איניציאַטיוו — אָנגעווענדט פּראַקטיש די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט, ווי זי האָט געצויגן פּראַקטישע קאָנסעקווענצן

פון דער איינהייט־טעאָריע, וואָלטן מיר געוויס געהאַט גאַנץ ממשות־דיקע רעזולטאַטן.

אָדער מיר וואָלטן געצוואונגען די קאָמוניסטן צו אַן אמתן אויפ־ריכטיקן איינהייט־פראָנט (אַ ווייניק וואַרשיינלעכער פאַל), אָדער — זיי וואָלטן זיך גרינטלעך אַראָפּגעריסן אין די אויגן פון די יידישע אַר־בעטער. איןביידע פאַלן וואָלט דאָס אונזערע פאַרטיי־פּאָזיציעס אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט אָן שום ספק באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט.

(„קעגן שטראָם״, וואַרשע)

אונדזער וועג

„דער סטאַביליזירונג־פּראָצעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און דער פאַרלאַנגזאַמטער אַנטוויקלונגס־טעמפּ אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דעם וואוקס פון רעפאָרמיסטישע שטימונגען און אילוזיעס אין אַרבעטער־לאַגער: אַ שטרעבונג צו ליקווידירן די באַגריפן און השגות וועגן רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, וועגן דירעקטן קאַמף פאַר מאַכט, וועגן פראָלעטאַרישער דיקטאַטור א. ד. גל., וואָס האָבן באַהערשט די מוחות פון די מאַסן אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפרודער. עס האָבן ווידער אויפגעלעבט פאַר־שידענע רעוויזיאָניסטישע טעאָריעס וועגן אָרגאַניש־פרידלעכער אַנט־וויקלונג, וועגן דעמאָקראַטיש־פאַרלאַמענטאַרישן וועג צום סאָציאַליזם, וועגן בההדרגהדיקן אַריינוואַקסן פון סאָציאַליזם א. אז. וו.״ (פון דער רעזאָלוציע צום פונקט „איטערנאַנציאָנאַל״, פון דער לינקער פראַקציע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, אין 1928).

ווירקלעך, די לעצטע 8־10 יאָר זענען געווען יאָרן פון ערנסטן אויספּרואוו פאַר די לינקע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר יעדן טוער אירן באַזונדער. די רעפאָרמיסטישע פאַרטייען זענען כסדר געוואַקסן, דער רעפאָרמיזם האָט האָפעדיק געחוזקט פון יעדן פרואוו צו קוקן ווייטער פון דער אייגענער נאָז, און זיינע דערפאָלגן האָבן געבראָכן נישט איינעם, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אַליין גערעכנט צום לינקן לאַגער. דער קאָמינטערן, מיט זיין טאַקטיק פון באַקעמפן די לינקע סאָציאַליסטן אַלס „די געפערלעכסטע פאַרטרעטער פון דער בורזשואַזיע אינעווייניק אין אַרבעטער־קלאַס״ (רעז. פון פערטן קאָנ־גרעס פון קאָמינטערן), האָט נאָך געגאָסן וואַסער אויף דער מיל פון רעפאָרמיזם. דער קאָמוניזם גופא האָט די אַלע יאָרן, נישט געקוקט אויף זיינע אידעאָלאָגישע און מאַטעריעל־אָרגאַניזאַטאָרישע רעסורסן, אין ערגעץ נישט באַוויזן צו שלאָגן דעם רעפאָרמיזם. דאָ און דאָרט זיינען געווען קאָמוניסטישע נצחונות, אָבער זיי זיינען נישט געווען דויערהאַפט. אין אַ רייע לענדער זיינען די קאָמוניסטישע איינפלוסן אַפילו סיסטעמאַטיש געפאַלן. די „גיליאָטינע״, וואָס אַרבעט אומ־

אויפהערלעך אינעווייניק אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איז, נאַטיר־לעך, נישט מסוגל צו פאַרשטאַרקן זייער ווערביר־קראַפט... — ביי אַזאַ לאַגע האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן נישט ווייניק אויסדויער און פּאָ־ליטישן כאַראַקטער, כדי נישט צו פאַלן אין די אָרעמס דעם רעפאָרמיזם, כדי נישט צו מאַכן אים לפּחות ערנסטע קאָנצעסיעס.

מיט צופרידנקייט מעגן מיר דעריבער פעסטשטעלן, אַז די לינקע אין „בונד”, די אַ. ג. „צווייער”, זיינען דעם דאָזיקן שווערן נסיון ביי־געשטאַנען. עס האָט זיי נישט אַראָפּגעשלאָגן פון וועג אויך די ספּעציעל שווערע אויסנאַם־לאַגע, אין וועלכער דער „בונד” געפינט זיך אין פּוילן. פון קראָקע (1920) און דאַנציג (1921), ביז לאָדזש (1930) און נאָך לאָדזש איז די פּאָליטישע האַלטונג פון די „צווייער” איין לאָגיש־קאָנ־סעקווענטע ליניע.

מיר האָבן נישט פאַרלאָזט אונזערע פּאָזיציעס אין די אומעטיקע יאָרן פון רעפאָרמיסטישן רעגן און בלאָטע, און מיר קאָנען איצט, דאַכט זיך, זאָגן מיט זיכערקייט, אַז שוין נישט לאַנג וועט אויסקומען צו וואַרטן אויף רעוואָלוציאָנערער זון. מען שפּירט שוין די שיין פון אירע ערשטע בשורה־שטראַלן.

עס וועט זיין יום־טוב אויך אויף אונזער גאַס!...

1

די גרונט שייד־ליניע צווישן רעפאָרמיסטישן און רעוואָלוציאָנערן לאַגער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז — דער וועג צום סאָציאַליזם. רעפאָרמיסטן אָריענטירן זיך אויפן „דעמאָקראַטישן קאַמף־באָדן און דעמאָקראַטישע מיטלען”, אַז די דעמאָקראַטיע קאָן ווערן „אַן אינסטרו־מענט פון סאָציאַלער אומגעשטאַלטונג” *); רעוואָלוציאָנערע סאָציאַ־ליסטן, פאַרקערט, האָבן די פעסטע איבערצייגונג, אַז די היינטיקע דעמאָקראַטיע איז אַ געווער פון בורזשואַזער קלאַסן־הערשאַפט, און דער וועג צום סאָציאַליזם ליגט דורך רעוואָלוציאָנערער איבערווינדונג פון אָט דער דעמאָקראַטיע, דורך פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור א. אז. וו.

ווער עס וויל גיין מיטן אַ. ג. אָרגאַנישן, דעמאָקראַטיש־פרידלעכן וועג, דער קאָן נישט איבערשפּרייזן די ראַמען פון רעפאָרמיזם. מען קאָן בלויז די רעפאָרמיסטישע פּראַקטיק פירן געשיקטער און דעריבער מיט אַ גרעסערן עפעקט, און מען קאָן זי פירן האַמעטנער, מיט אַן ערגערן עפעקט. די עסטרייכישע און די דייטשע ס.־ד. זיינען קלאַ־

*) פון דער פּאָליטישער רעזאָלוציע פון היי־יאָריקן קאָנגרעס פון סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין ווין.

סישע מוסטערן פון ערשטן און צווייטן מין. די דייטשע ס.־ד. זיצט אין קאָאַליציע־רעגירונגען, בעת די עסטרייכישע „קעמפט" פאַרן רעכט אויף אַ קאָאַליציע־רעגירונג. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אויפגעהערט כמעט אינגאַנצן צו דיסקאָנטירן דעם פּסיכאָלאָגישן עפעקט פון דעם אָדער אַנדערן שריט אירז אויף דער אַרבעטער־מאַסע ; די עסטרייכישע ס. ד. האָט ביי יעדן שריט קודם־כל אין זינען אָט דעם עפעקט, און זי גייט נישט איין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט די בירגער־לעכע פּאַרטנערן, ביז זי קריגט פריער נישט אַרויס דערויף די הסכמה פון דער מאַסע. די דייטשע ס.־ד. האָט רעדוצירט דעם פּרייז פון אירע קאָמפּראָמיסן צו אַ שיבוש ; די עסטרייכישע ס. ד. באַמיט זיך אין אַזעלכע פאַלן אויסצופּרעסן וואָס אַ גרעסערן פּרייז (איך ווייס, אַז ביים אָפּשאַצן די טאַקטיק פון ביידע פּאַרטייען דאַרף מען אַריינפירן אין חשבון נאָך אַ רייע אַנדערע פאַקטאָרן און קודם־כל די פאַרשידענע אָביעקטיווע באַדינגונגען אין ביידע לענדער, נאָר פאַר אונז דאָ איז דאָס נישט נויטיק. איך נעם דאָ די צוויי פּאַרטייען בלויז לשם אילו־סטראַציע). אָבער אין עצם טרעטן ביידע פּאַרטייען נישט אַריבער די רעפאָרמיסטישע גרענעץ.

פאַרפירעריש איז אָבער, ווען מען וויל פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז מען קאָן אַריינגעמען אין אַרסענאַל ביידע וועגן, אַז מען קאָן זיי פּשוט כראָנאָלאָגיש אויספּרובירן איינעם נאָכן אַנדערן, נאָר... אָנהויבן איז באַקוועמער פונעם ערשטן, פונעם „אָרגאַנישן" וועג.

דער קלאַסישער פאָרשטייער פון אָט דער טעאָריע איז אָטאָ בויער (לויט אָט דער טעאָריע איז צוגעשניטן די לינצער פּראָגראַם פון דער עסטרייכישער ס.ד.). אָטאָ בויער זאָגט : עס זיינען פאַראַן צוויי וועגן צום סאָציאַליזם און ביידע קאָנען פירן צום ציל — דער דעמאָקראַטיש־פרידלעכער און דער רעוואָלוציאָנערער. מיר וועלן אַזוי לאַנג גיין מיטן ערשטן וועג, ביז עס וועט זיך נאָר לאָזן, און בלויז אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער צד שכנגד, די בורזשואַזיע, גייט אַראָפּ פון דעמאָ־קראַטישן וועג — דעמאָלט וועט דער אַרבעטער־קלאַס בלית ברירה זיך אויך לאָזן אויפן צווייטן וועג. אויך די ווינער פּאָליטישע רעזאָלוציע (מחבר — אָטאָ בויער) זאָגט דאָס זעלבע און סטראַשעט די קאַפּיטאַ־ליסטישע קלאַסן, אַז „ווען מען וועט אָפּנעמען ביים אַרבעטער־קלאַס די דעמאָקראַטישע מיטלען, וועט ער מוזן פירן דעם קאַמף מיט אַנדערע מיטלען". דער מחבר פון דער רעזאָלוציע הערט נישט אויף צו וואָרענען די בורזשואַזיע און איר איינצורעדן, זי זאָל לאָזן אויסנוצן די דעמאָ־קראַטיע, אַלס „אינסטרומענט פון סאָציאַלער אומגעשטאַלטונג", ווייל — „אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע איז נאָר אַ מאַסקע פון קאַפּיטאַליסטישער

פּלוטאָקראַטיע, אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע פאַראייביקט די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט אין דער מלוכה און די קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע איןווירטשאַפטלעכן לעבן — אַזאַ דעמאָקראַטיע וועט נישט קאָנען צובינדן צו זיך די מאַסן" („קאַמף", נאָוועמבער 1930).

אָבער די סטראַשונקעס און דאָס איינריידן זיינען קיין שאָס פּולווער נישט ווערט, און דער געדאַנק גופא פון „צוויי וועגן" איז פון גרונט אויס פאַלש.

די סטראַטעגיע פון צוויי וועגן וואָלט נאָר דאַן געהאַט אַ זינען, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען צו גיין מיטן דעמאָקראַטישן וועג און גלייכצייטיק, אין גאַנג גופא, צו ווערן צוגעגרייט — אידייאיש־פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל — אויך צו דער עווענטועלער נויטיקייט פון פאַרקערעווען אויפן צווייטן וועג, אויפן רעוואָלוציאָנערן. די מעשה איז אָבער די, אַז ווער עס פאַרנעמט זיך אויפן דעמאָקראַטישן וועג, פאַרלירט אויף אים די פעאיקייט צו גיין דערנאָך אויף אַנדערע וועגן. אַז דער אַרבעטער־קלאַס — זיינע פּאַרטייען —גייט אַ לענגערע צייט מיטן דעמאָקראַטישן, ס'הייסט פּאַקטיש מיטן רעפאָרמיסטישן וועג, ווערט ער פאַר דער צייט אַזוי אָפּגעשוואַכט און די בורזשואַזיע אַזוי געשטאַרקט, אַז דערנאָך קאָן מען שוין נישט גיין מיטן רעוואָלוציאָנערן וועג. די פּאָליטיק פון דער דייטשער ס. ד. איז אַ קאָנסעקווענט רעפאָרמיסטישע, און זי האָט דערפירט דערצו, אַז די ס. ד. פירער וועלן שוין באַלד זיין גערעכט, אַז מען קאָן נישט אויפנעמען קיין אָפענעם קאַמף מיט היטלערן... אַז מען גייט, ביז עס לאָזט זיך, מיטן דעמאָקראַטישן וועג, איז דערנאָך שוין צו שפּעט צו פאַרקערעווען אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. מען איז דאַן שוין אויסגעשטעלט כמעט אויף אַ זיכערע מפּלה.

„ווען פאַר די אַרבעטער פון מיטל־אייראָפּע וועט דער דעמאָקראַטישער וועג ווערן פאַרשפּאַרט, אויך דאַן, יאָ, זאָלן זיך די הערן קאַפּיטאַליסטן נישט נאַרן, ערשט רעכט דאַן וועט דער אַרבעטער־קלאַס פירן דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם" — אַזוי האָט בויער געוואָרנט אין זיין רעפעראַט אויפן קאָנגרעס אין ווין. אָבער אַז דער דעמאָקראַטישער וועג וועט ווערן פאַרשפּאַרט, וועט שוין זיין שפּעט צו כאַפּן זיך פאַר אַנדערע מיטלען פון קאַמף. דער וועג קאָן שוין דאַן בלייבן אַמאָל פאַרשפּאַרט אויף אַ לענגערן פּעריאָד.

און דעריבער זענען בויערס וואָרנונגען און סטראַשונקעס נישט מער ווי פּוסטע מליצה. די קאַפּיטאַליסטן הערן און שמייכלען. „שרעק אונז, אַבי שטראָף אונז נישט. שרעק אונז מיט רעוואָלוציע וויפל דו

ווילסט, אַבי אין דער פּראַקטיק קלייבסטו זיך צו ברענגען די „גרעסטע קרבנות" אויפן מזבח פון דער דעמאָקראַטיע".

און בכלל אָפּעררט בויער מיט אַן „אויב", וואָס ס'איז שווער צו פיקסירן זיין גרענעץ. וואָס הייסט אויב די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן וועלן פאַרלאָזן דעם דעמאָקראַטישן וועג, אויב די דעמאָקראַטיע זאָל זיך אַרויסוויזן בלויז פאַר אַ „מאַסקע פון קאַפּיטאַליסטישער פלוטאָקראַטיע" ? שוין־זשע זענען די פאַשיסטישע סימפּאַטיעס און שטרעבונגען פון דער בורזשואַזיע נאָך אַלץ אַן אומזיכערע זאַך ? אָדער קאָנען נאָך הײַנט זיין ספקות אינעם אמתן כאַראַקטער און ווערט פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע ? וואו, אויב אַזוי, איז די גרענעץ פונעם „אויב" ? ווען וועט בויער זאָגן, אַז שוין, מען מוז שוין זיך לאָזן אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג ?...

אַלזאָ, ס'איז טאַקע פאַראַן צוויי וועגן, נאָר צום נצחון פון סאָציאַליזם פירט נאָר איינער פון זיי ; דער צווייטער וועג טראָגט אין זיך די מפּלה פון סאָציאַליזם.

פון אויבן־אויף קאָן זיך דוכטן, אַז בויער איז וויכטיקע זאַכן מחדש, אַז ער וואַרפט איבער אַ בריק צווישן רעפאָרמיסטישן און רעוואָלוציאָנערן וועג, אַז ער שאַפט עפּעס אַ נייעס, אַ קאָמבינירטן וועג (לינצער פראָגראַם) — און אינדעראמתן, גיט ער נאָר זיין הכשר אויפן רעפאָרמיזם, מאַסקירנדיק אים דורך די פּוסטע סטראַשונקעס מיט רעוואָלוציע *).

II

דאָס נאַטירלעכסטע וואָלט געווען, אַז אַלע די, וואָס ווילן און גייען מיטן רעוואָלוציאָנערן וועג, זאָלן זיין פאַרזאַמלט אין איין אינטערנאַציאָנאַל. עס וואָלט געמאַכט דערפאָלגרייכער דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף בכלל, דעם קאַמף מיטן רעפאָרמיזם בפרט. אָבער דער קאָמינטערן — און דאָס איז אפשר זיין גרעסטער חטא (און גלייכצייטיק זיין שטראָף) — האָט אוממעגלעך געמאַכט אָט די זאַמלונג. עס שטייען הײַנט אויסער זיינע רייען אַלע טראָצקיסטישע גרופּעס, אַלע בראַנדלעריסטישע גרופּעס (א. ג. רעכטע אָפּאָזיציע), די שוועדישע קאָמו־

---

*) מיר האָבן גערעדט וועגן פרידלעך־דעמאָקראַטישן וועג צום סאָציאַליזם, אָבער דאָס האָט, נאַטירלעך, גאָר נישט צו טאָן מיט דער נויטיקייט אויסצונוצן די דעמאָקראַטיע און אַלע פאַראַנענע אין איר מעגלעכקייטן אין די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. אַן אַנדער זאַך איז, אַז מיט דער צושפּיצונג פון די קלאַסן־קעגנזאַצן אין אונזער צייט — צייט פון דירעקטן קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער מאַכט — ווערן אָט די מעגלעכקייטן אַלץ שמעלער.

ניסטישע פּאַרטיי, די נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די איטאַליענישע סאָציאַליסטן־מאַקסימאַליסטן, אַ רייע קלענערע גרופּעס אין פאַרשיידענע לענדער. און קלענערע און גרעסערע מחנות רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן געפינען זיך, אַ דאַנק דער טאַקטיק פון קאָמינטערן, אינעווייניק אין די רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען, אָדער זיי געפינען זיך אַלס באַזונדערע פּאַרטייען אין די רייען פון רעפאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל (בונד, ענגלישע „אומאָפּהענגיקע", פּוילישע „אומאָפּהענגיקע").

דער קאָמינטערן האָט מיט זיין פאַלשער טאַקטיק געהאָלפן דעם רעפאָרמיזם צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן זיינע רייען דורך עלעמענטן, וועלכע זענען דאָרטן אין תוך אַ פרעמדער קערפּער. און נעמט מען אין אַכט, אַז דאָס איז געשען דאַן, ווען דער רעפאָרמיזם איז אַזוי אויך געוואַקסן, צוליב די גינסטיקע פאַר אים אָביעקטיווע סיבות, צוליב דער אַלץ שטייגנדיקער סטאַביליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם — איז נישט קיין וואונדער, וואָס פיל זענען אונטערן דרוק פון אָט די פאַקטן געשטרויכלט געוואָרן. די פאַקטן האָבן אַזוי ווי גערעדט דערפאַר, אַז דער רעפאָרמיסטישער אינטערנאַציאָנאַל — ער ווערט ביסלעכווייז דער הויפּט זאַמל־צענטער פון די סאָציאַליסטישע כוחות, און ווער עס וויל זיך נישט איזאָלירן פון ברייטן שליאַך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער מוז זיך אָנשליסן אין דעם לאַגער, אומאָפּהענגיק פון זיינע לינקערע צי רעכטערע אָנשויאונגען. די פאַקטן האָבן צו שטאַרק פאַרשטעלט און פאַרהוילן די טענדענצן פון דער אַנטוויקלונג.

די דאָזיקע פאַקטן האָבן באַזיגט אויך די איינסער־חברים ביי אונז אין „בונד". די דאָזיקע פאַקטן זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פון זייער אָריענטאַציע אויפן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל (און אויף פּ.פּ.ס. אינעווייניק אין לאַנד). מיר האָבן דערויף געענטפערט און ענטפערן: דער איצטיקער צושטאַנד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג וועט נישט דויערן אייביק, פּונקט ווי ס׳וועט אייביק נישט דויערן די קאַפּיטאַליסטישע סטאַביליזאַציע.

אין די טעזן פון דער „צווייער"־ריכטונג צום לעצטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש לייענען מיר: „די רעפאָרמיסטישע שטימונגען און אילוזיעס אין די אַרבעטער־מאַסן קאָנען נישט זיין דויערהאַפט. די סטאַביליזאַציע גופא טראָגט אין זיך אַזעלכע אינערלעכע ווידערשפּרוכן, אַז אין איר אַנטוויקלונג פירט זי צו אַ וואַקסנדיקער צושפּיצונג פון די סאָציאַלע קעגנזאַצן און צוזאַמען דערמיט צו אומפאַרמיידלעכע רעוואָלוציאָנערע קריזיסן, צו רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס. דאַן וועלן זיך פאַר די אַרבעטער מאַסן שטעלן אויפגאַבן, וועלכע

קאָנען נישט פאַרענטפערט ווערן אויף אַ רעפאָרמיסטישן אופן. דאַן וועלן אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען *) אויפגעריסן ווערן און עס וועלן זיך שאַפן באַדינגונגען פאַר דער זאַמלונג און קאָנסאָלידירונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר דערווירקלעכער רעוואָלוציאָנערער איינהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס, סיי אין מאַסשטאַב פון יעדן לאַנד באַזונדער, סיי אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב".

מיר זעען — האָבן מיר געזאָגט — דעם וואוקס פונעם רעפאָרמיזם און זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאָלגן. אָבער מיר קלייבן זיך נישט צו קאַפּיטולירן פאַר אָט די דערפאָלגן. מיר אָריענטירן זיך דערויף, אַז די מדבר־יאָרן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מוזן זיך ענדיקן; רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע כוחות וועלן זיך סוף־כל־סוף אַרויסרייסן פון רעפאָרמיסטישער געפאַנגענשאַפט און זיך אָרגאַניזירן, אַלס באַזונדערער זעלבשטענדיקער כוח; אַז אונטערן דרוק פון דער אַנטוויקלונג וועט אויך די קאָמוניסטישע באַוועגונג זיך מוזן באַפרייען פון אירע שווערע קינדער־קראַנקהייטן; אַז עס וועט זיך אַזוי־אַרום שאַפן אַ באָדן פאַר אַ צוזאַמענשלוס, אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, צווישן דעם קאָמוניסטישן און רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן סעקטאָר א. אַז. וו. א. אַז. וו.

און די ערשטע סימנים פון אַזאַ אַנטוויקלונג זענען, שיינט מיר, די שפּאַלטונג פון דער דייטשער ס. ד. און די צוגעשפּיצטע באַציאונגען צווישן די ענגלישע „אומאָפּהענגיקע" און דער לייבאָר־פּאַרטיי.

נישט צופעליק ווייזן זיך אָט די סימנים ערשט איצט. כל־זמן די סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם האָט געדויערט, האָט דער רעפאָרמיזם געקאָנט פאַרדעקן אַלע זיינע חטאים און פאַראַט־האַנדלונגען דורך זיינע פּראַקטישע דערגרייכונגען. ער האָט פאַר זיינע פּשרות מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען אַלעמאָל באַקומען וועלכן נישט־איז פּרייז. ווי קליין אָט דער פּרייז איז צומאָל נישט געווען, איז ער גענוג געווען אויף אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון די רעפאָרמיסטישע רייען. דער איצטיקער קריזיס ענדערט ראַדיקאַל די לאַגע. די אילוזאָרישקייט פון די דערגרייכונגען ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ קלאָרער אַפילו פאַרן לעצטן אָפּגעשטאַנענסטן אַרבעטער. דער רעפאָרמיזם קאָן איצט קיין שום פּאָזיטיווע ממשותדיקע זאַך נישט אויסדינגען ביי דער בורזשואַזיע לטובת די אַרבעטער. אין בעסטן פאַל קאָן ער אויסדינגען, מען זאָל ווייניקער אָפּנעמען ביי די אַרבעטער, מען זאָל נישט אין אַזאַ שנעלן

*) פון רעפאָרמיסטישן לאַגער.

טעמפּ יאָגן די ליקווידאַציע פון די פריערדיקע אַרבעטער־דעראָבערונגען. פאַרן אַרבעטער איז דאָס אַ קנאַפּע טרייסט. אויף זיין באַוואוסטזיין דריקט און ווירקט איצט דער פאַקט, אַז מיט יעדן טאָג ווערט זיין לאַגע ערגער, און ער פילט, אַז ער מוז אַרויס אין קאַמף קעגן אָט דעם צושטאַנד. וואָס קען אים איצט דער רעפאָרמיזם פאָרלייגן? — ער זאָל זיך קאָנען אָפּהאַלטן פון קאַמף, ער זאָל אָננעמען פאַר ליב דאָס בייז, ווייל... ס׳קאָן זיין נאָך ערגער? פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פילאָזאָפיע פון איביקן „גם זו לטובה” קאָן נישט זיין אַזוי איבערצייגנדיק פאַרן אַרבעטער, און די האַנדלונגען פונעם רעפאָרמיזם ווערן דעריבער פאַר דער אַרבעטער־מאַסע אַלץ אומדערטרעגלעכער...

דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן ס׳איז געקומען צו דער שפּאַלטונג אין דער דייטשער ס. ד. און אויפן זעלבן באָדן ווערן אַלץ אָנגעשטרענגטער די באַציאונגען אין דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג: פאַר די לייבאָריסטן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך די „נאַציאָנאַלע” פּאָליטיק פון מאַקדאָנאַלדן אויפן חשבון פון אַרבעטער־קלאַס, און פאַר די „אומאָפּהענגיקע” ווערט אַלץ מער אומדערטרעגלעך די רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק פון די לייבאָריסטן.

מיר שטייען בלי־ספק ערשט ביים אָנהויב פון אָט־דער אַנטוויקלונג. די ווייטערדיקע פאַרטיפונג און פאַרשאַרפונג פונעם קריזיס וועט זיכער טרייבן אָט־די אַנטוויקלונג ווייטער *).

III

מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן די באַדינגונגען, ביי וועלכע „מען האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן נישט ווייניק אויסדויער און פּאָליטישן כאַראַקטער, כדי נישט צו פאַלן אין די אָרעמס דעם רעפאָרמיזם, כדי נישט צו מאַכן אים לפּחות ערנסטע קאָנצעסיעס”.

אונזער הייַנטיקע פּאַרטיי־מערהייט, די ח״ח „איינסער”, האָבן זיך פאַרהיט פון דער ערשטער געפאַר, אָבער נישט אויסגעמיטן די צווייטע. זיי זענען שטענדיק געווען גענייגט צו גיין אויף פּשרות **) מיטן רעפאָרמיסטישן לאַגער, צו מאַכן אים גרעסערע אָדער קלענערע קאָנצע־

---

*) כאַראַקטעריסטיש, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג געניסט כמעט נישט אָדער געניסט זייער ווייניק פון אָט דעם קריזיס אין רעפאָרמיסטישן לאַגער. אַ באַווייז, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אַליין אויך קראַנק און האָט נישט קיין צוציאונגס־קראַפט פאַר די מאַסן, וואָס אַנטוישן זיך אינעם רעפאָרמיזם.

**) אויב נישט פּאָליטישע, איז אָרגאַניזאַציאָנעלע, וואָס זיינען אין לעצטן סך־הכל אויך — פּאָליטישע.

סיעס. זיי האָבן אָבער קיינמאָל נישט געפירט אָט די קאָנצעסיעס צו ווייט, זיי האָבן זיי קיינמאָל — צום גליק! — נישט דורכגעטראַכט קאָנסעקוועגט ביזן סוף. און דאָס האָט זיך, נאַטירלעך, אָפּגערופן און רופט זיך נאָך היינט אָפּ אויפן ריכטונגס־קאַמף אין אונזערע רייען. דערפאַר דוכט זיך אויס אַמאָל, אַז דער גאַנצער קאַמף איז נישט מער, ווי האָר־שפּאַלטעריי, אַז ביידע צדדים זאָגן כמעט איינס און דאָס זעלבע. אַזוי זאָגן קאָנען אָבער נאָר די, וואָס זעען נישט מער ווי די אויבערפלאַך, וואָס באַנעמען נישט טיפער דעם עצם פון אונזערע אינערלעך־פּאַרטייאישע חילוקי דעות.

נאָך אין דאַנציג האָבן די ח״ח „איינסער" געזאָגט „כמעט" דאָס זעלבע, וואָס די „צווייער": עפּאָכע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, דירעקטער קאַמף פאַר אַרבעטער־מאַכט, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, קעגן קאָאַליציע־פּאָליטיק א. א. וו. — און דאָך האָבן זיי עס געזאָגט אַנדערש, און אין דעם אַנדערש איז שוין דאַן געלעגן אַן אָנזאָג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אָט די חברים. און ווירקלעך: זיי האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע, אויף פּשוט לשון: זייערע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע בליקן האָבן אָפּגעבלאַקירט, און זיי האָבן לסוף גענומען רעדן וועגן אַן ענגערער פאַרבינדונג מיט פּ.פּ.ס. און מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן אויך קריטיקירט די פּ.פּ.ס.; אָבער זיי האָבן עס געטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז קעגנער האָבן געקאָנט זיך דערלויבן די דעמאַגאָגיע פון אידענטיפיצירן אונז מיט פּ.פּ.ס. און באַלאַסטן אונזער פּאָליטישע קאָנטאָ מיט אירע חטאים. זיי האָבן אויך קריטיקירט דעם רעפאָרמיזם און די רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען אָבער זיי האָבן עס ווידער געטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט אונז געקאָנט — דעמאַגאָגיש — פאַרשרייען פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון אָט דעם רעפאָרמיסטישן לאַגער. די ווייטערדיקע „עוואָלוציע" פון די ח״ח „איינסער" האָט געבראַכט צו באַציאונגען מיט פּ.פּ.ס., וועלכע האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער טרויעריק באַרימטער „פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע", אין די געמיינזאַמע דיסקוסיע־אָוונטן איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אין... אונזער איזאָלריטקייט בעת דער לעצטער סיים־קאַמפּאַניע. די זעלבע „עוואָלוציע" האָט דערפירט צו „לאָדזש", צום אָנשלוס פון דער פּאַרטיי אין רעפאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

צי האָט זיך די „עוואָלוציע" אָפּגערופן אויך אויף דער ענגערער פּראַקטישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי? — אָן שום ספק. דער אָפּנויג צו „שמאָלן פּראַקטיציזם", וועגן וועלכן עס רעדן די טעזן פון די „צווייער" צום דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, און דער צו ווייט גע־

טריבענער „לעגאַליזם“ שטייען אין ענגער שייכות מיט דער דערמאָנטער עוואָלוציע. און אַז מען זאָל גרינדלעך דורכקוקן די טעטיקייט פון אונזערע פראַקציעס אין די שטאָט־ראַטן (און זייער צוזאַמענשטעל גופא), וועלן זיך אַרויסווייזן נישט ווייניק בלויזן, וואָס אין לעצטן סך־הכל האָבן זיי זייער קוואַל אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער „עוואָלוציע“ פון דער פּאַרטיי. און לסוף די פאַרשיידענע באַציאונג צו פּ.פּ.ס. דריקט אויס ביז אַ געוויסער מאָס אויך די מעגלעכע חילוקי־דעות בנוגע די פּראָבלעמען פון אינערלעכער לאַנד־פּאָליטיק.

און ביי דעם אַלעם איז פאָרט נישט גלייך די לאַגע אין דער דייטשער ס. ד., אין דער פראַנצייזישער סאָצ. פּאַרטיי, צי אין פּ.פּ.ס. — צו דער לאַגע אין „בונד“. מיר האָבן קיינמאָל אַזאַ גלייכצייכן נישט געשטעלט — אומזיסט איז דעריבער דער פאָרוואורף („סאָצ. בלעטער“ אַרט. פון ח׳ ע. שערער: „פּראָגראַמלאָז“). נאָך אין דאַנציג, אין אונזער ענטפער צום קאָמינטערן, האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז מיר האַלטן אַ שפּאַלטונג פון בונד פאַר אַן אומדערלאָזבאַרע זאַך, ווייל אין בונד איז נישטאָ קיין רעכטער, קיין רעפאָרמיסטישער פליגל, עס זיינען דאָ בלויז צענטריסטן; און מיר האָבן אָנגעוויזן דעם קאָמינטערן, אַז ער אַליין האָט דאַן אויך אין אַ רייע פאַלן טאָלערירט צענטריסטן אין די אָנגעשלאָסענע אין אים פּאַרטייען.

אויב דער פאָרוואורף „פּראָגראַמלאָז“ באַזירט זיך בלויז אויף דעם פאַקט, וואָס צווישן די „צווייער“ און „איינסער“ איז נישט פאַראַן אַזאַ תהום, ווי למשל, צווישן דער רעפאָרמיסטישער מערהייט און דער אָפּאָזיציע אין דער דייטשער ס. ד. — דאַן קאָנען מיר מיטן זעלבן און נאָך גרעסערן רעכט אומקערן דעם פאָרוואורף די ח״ח „איינסער“. אונזער „צווייער“־פּראָגראַם איז אין אירע גרונט־יסודות פאָרמולירט געוואָרן אין קראָקע און אין דאַנציג, און אונזער פּאָליטישע האַלטונג די אַלע יאָרן, ביזן היינטיקן טאָג, געפינט זיך אין פולשטענדיקן הסכם מיט אָט־די יסודות. פאַרקערט, די ח״ח „איינסער“ האָבן זייט דאַן דורכגעמאַכט אַ היפּשן אָפּגאַנג, אין זייערע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס האָבן זיך באַוויזן דורכברוכן, זיי „עוואָלוציאָנירן“ כסדר — הגם קיין פאַרענדיקטע פּראָגראַם פון זייער אָפּגאַנג האָבן זיי נישט געמאַכט; זיי זיינען נישט געפאַלן אין די אָרעמס דעם רעפאָרמיזם, זיי מאַכן אים בלויז גרעסערע אָדער קלענערע קאָנצעסיעס. דעריבער איז די פּאָליטישע ליניע זייערע אַ געבראָכענע, אַ זיגזאַגהאַפטע, אַ נישט קאָנסעקווענטע און נישט דורכגעטראַכטע ביזן סוף. און אויב שוין געברויכן דאָס וואָרט „פּראָגראַמלאָזיקייט“, איז דאָס אַזוי גוט

ווי אַנגעמאָסטן *). ערשט די גרופּע פון „סאָצ. בלעטער” מאַכט די ערשטע פּרוּוון צו ליקווידירן אָט די „פּראָגראַמלאָזיקייט” פון דער „איינסער”־ריכטונג. אָבער די ח״ח „איינסער” וועלן זיי, דוכט זיך, דאַנקען ווייַנענדיק פאַר אָט די פּרוּוון...

* * *

מיר האָבן באַרירט בלויז די פּאָר פראַגן, וואָס האָבן זיך אונז געדוכט פאַר די וויכטיקערע אויף קלאָר צו מאַכן אונזער וועג און אונזער פּלאַץ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. עס זייַנען פאַראַן נאָך אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס די שטעלונג צו זיי איז דעצידירנד פאַר דער פיזיאָנאָמיע פון בונד. מיר וועלן וועגן זיי שמועסן אין די קומענדיקע ביכלעך. מיר וועלן אויך פּרובירן אויפן יסוד פון אָט־די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען פאָרמולירן אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנקרעטער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם.

(„קעגן שטראָם”, וואַרשע, נאָוועמבער, 1931)

---

*) אַב. קאַהאַן פון איין זייט און אַבראַמאָוויטש פון דער צווייטער זייט וואַרפן ביידע פאַר אונזערע מערהייט־חברים, אַז זיי... זענען נאָענטער צום קאָמוניזם, ווי צום סאָציאַליזם; וועגן דער פּאָזיציע פון בונד אויפן קאָנגרעס אין ווין שרייבט אַבראַמאָוויטש: „דאָס איז אין תוך פּונקט די זעלביקע אָפּשאַצונג פון היסטאָרישן מאָמענט, וועלכע עס גיט דער אַלוועלטלעכער קאָמוניזם. אָבער דער קאָמוניזם איז ווייניקסטנס קאָנסעקווענט...” א. אַ. ח. א. אַ. ח. — אַ יאַ באַקאַנטע טענות?

שעדיקער

עס איז אַן אלף־בית: אַן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע וואָלט די ראַטן־מאַכט בשום אופן נישט ביינגעשטאַנען קעגן אירע צאָלרייכע קאַפּיטאַליסטישע פיינט. אַפילו די מעסיקסטע אַרבעטער באַוועגונג איז פונדעסטוועגן די זיכערסטע דאַמבע קעגן אַנפאַלן אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד, קעגן אינטערווענץ, קעגן בלאָקאַדע א. ד. גל. און וואָס שטאַרקער די סימפּאַטיעס פון די מאַסן פאַר דער ראַטן־מאַכט, אַלץ זיכערער קאָן זי זיך פילן, אַלץ בעסער אירע שאַנסן אין אירע ראַנגלענישן מיט די אַרומיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. וואָס שטאַרקער די ראַטן־סימפּאַטיעס פון די מאַסן, אַלץ גינסטיקער קאָנען געלייזט ווערן די פראַגן וועגן אנערקענען — פּאָליטיש־רעכטלעך — די ראַטן־רעגירונג, וועגן איינשטעלן האַנדלס־באַציאונגען, וועגן קרעדיטן א. א. וו. מיט איין וואָרט: די אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע איז אַ ממשותדיקער וואָגיקער פאַקטאָר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מאַכט און פאַר איר גאַנצער אַרבעט (און דאָס זעלבע, נאַטירלעך, פאַרקערט: די עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מלוכה איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים דיסקאָנטירן די טענדענצן און פערספּעקטיוון פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע).

אַ צוזאַמענשלוס צווישן דער ראַטן־מאַכט און דער גרויסער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג — אַ פעסטער און דויערהאַפטער פּאָליטישער צוזאַמענשלוס — דאָס וואָלט געווען אַ פאַקט פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג. אַ פאַקט וואָס וואָלט זיכער געשפּילט די גרעסטע ראָל ביים ענדערן דעם פּנים פון דער וועלט, ביים באַשטימען דעם ווייטערדיקן גורל סיי פון ראַטן־פאַרבאַנד, סיי פון די לענדער פון אייראָפּע. און יעדער אויפריכטיקער סאָציאַליסט צי קאָמוניסט מוז האָבן אין אויג אָט דעם צוזאַמענשלוס, מוז צו אים שטרעבן, מוז טאָן דאָס מעגלעכע אויף צו דערנענטערן זיין צושטאַנדקומען. ווער עס טוט פאַרקערט, ווער עס לייגט שטיינער אויפן וועג, ווער עס אַרבעט בכיוון קעגן אָט דעם צוזאַמענשטויס — דער פאַרדינט כשר דעם נאָמען — שעדיקער! שעדיקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג!

אָבער וואָס זשע זאָל מען טאָן? ווי קאָן מען צושטאַנד ברענגען אַזאַ,

צוזאַמענשלוס, אַז די וועגן, מיט וועלכע עס גייט פון איין זייט די ראַטן־מאַכט און פון דער צווייטער — די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע, זיינען אַזוי גרונט פאַרשידן, אַזוי קעגנזעצלעך?

איך ווייס דאָס און איך קלייב זיך להלוטין נישט אַוועקצושאַפן פון דער וועלט אָט די גרונטיקע חלוקי דעות, אָט די קעגנזעצלעכע וועגן. און חלילה נישט קיין פשרה צווישן זיי האָב איך בדעה פאַרצולייגן. אדרבא; די חלוקי דעות, פּרינציפּיעלע קעגנזאַצן דאַרפן אויסגעפּאָכטן ווערן ביזן סוף מיט דער גאַנצער פּרינציפּיעלער שאַרפקייט און קלאָרקייט.

אָבער שאַרפקייט און קלאָרקייט און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט באַטייטן בשום אופן ניט אַז דער קאַמף צווישןביידע לאַגערן דאַרף געפירט ווערן מיט דער הילף פון די שרייענדיקסטע שקרים, פון די העסלעכסטע רכילותן און בילבולים, אַז אַ חוץ אַלע פּרינציפּיעלע שטרייטן און קעגנזאַצן דאַרף מען נאָך אלס צוגאָב אויפשטעלן צווישן ביידע מחנות אַ וואַנט פון האַס, פון פּסיכאָלאָגישן קעגנזייטיקן ווידערווילן, פון העצערייען און זידלערייען גאָר אָן אַ שיעור און אַ מאָס...

געוויס: דער פולער פּאָליטישער צוזאַמענשלוס צווישן ראַטן־פּאַרבאַנד און דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג וועט מעגלעך ווערן ערשט, אַז עס וועלן אויסגעלעבט ווערן די חילוקי־דעות און קעגנזאַצן. דאַן וועט דער צוזאַמענשלוס זיין אַ שעפערישער רעוואָלוציאָנערער כוח פון אומגעהויערער קראַפט, אָבער די ראַטן־מאַכט קאָן נישט וואַרטן אויף יענעם מאָמענט, זי עקזיסטירט און זי מוז טאָג איין טאָג אויס לייזן די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון איר עקזיסטענץ, און די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון די אייראָפּעאישע אַרבעטער־מאַסן איז איר שוין היינט, תיכף נויטיק. און זי געניסט טאַקע פון אָט דער סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג. דאָס הייסט, אַפילו איצט, נאָך אידער עס זיינען אויסגעלעבט און ליקווידירט די טיפע שטרייטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז שוין אויך ביז אַ געוויסן גראַד פאַרווירקלעכט דער דערמאָנטער צוזאַמענשלוס.

אָבער דער צוזאַמענשלוס וואָלט אָן אַ ספק געווען נישט אַן ערך ברייטער און טיפער, ווען נישט די הויכע, געפערלעך הויכע וואַנט פון פּסיכאָלאָגישע מניעות, אין געשטאַלט פון העצעס, פון ליגנס, פון זילזולים און בלבולים.

דער סאָציאַליסטישער לאַגער איז געוויס נישט ריין פון זינ־ לגבי דער ראַטן־מלוכה. ער מוז, לויט מיין מיינונג, היפש תשובה טאָן און גרינטלעך רעווידירן זיין שטעלונג צו דער ראַטן־מאַכט. אָבער אויב אויפן געביט פון די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות און קעגנזאַצן איז די

קאָנטע אויף ביידע זייטן אַ גרויסע, אַ גלייך גרויסע — איז אָבער אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגישע מניעות די קאָמוניסטישע קאָנטע בפירוש אַ געשוואָלענע, אַ ריזיקע, אַן אומגעהויערע. קיין שום סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַפילו די מעסיקסטע, די רעפאָרמיסטישסטע, די סאָוועטן־פיינטלעכסטע, קאָן נישט אויסהאַלטן דעם מינדסטן פאַרגלייך מיט דער „פרידלעכסטער" קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פרט פון הפקרדיקע קאַמף־מעטאָדן.

אָט דער דאָזיקער „צוגאָב" איז דאָס אייגנס פון די קאָמוניסטן, זייערע אַ פּאַטענטירטער מיטל. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שאַרזש, פאַר קיין שום ליגן, פאַר קיין שום בלבול. די ווירקלעכע חטאים און פאַרברעכנס פון די רעפאָרמיסטן זיינען פאַר זיי גאָרנישט. זייער צערייצטער גומען פילט דערין קיין טעם נישט. זיי מוזן האָבן אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס, אויסטערלישע, פאַנטאַסטישע. וואָס אומגלויבלעכער, וואָס ווילדער — אַלץ בעסער...

לאָמיר זיך פאָרשטעלן קאָנקרעט אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס ווערט לעבהאַפט דעבאַטירט וועגן די אויסזיכטן פון דער ראַטן־מלוכה, וועגן איר ראָל פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דער באַציאונג צו דער סאָוועטישער אויפבוי־אַרבעט, צום פינפיאָר־פּלאַן א. אז. וו. אָט גייען די אַרבעטער פון אַ פאַרזאַמלונג און מען דיסקוטירט ליידנשאַפטלעך, איינע רעדן מיט ענטוזיאַזם וועגן פינפיאָר־פּלאַן, די אַנדערע מיט ספקות, אָבער אַלע מיטן אויפריכטיקסטן ווילן צו דערגיין דעם אמת, צו פאַרבינדן זיך איינערלעך מיט אָט דעם אמת. און אין היץ פון דער דיסקוסיע טראָגט עמיץ אונטער אַ סאָוועטישע צייטונג, וועלכע גיסט אויס אַ היפשע פאַר קובלעס שמוץ אויף דער זעלבער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע שילדערט די פירער פון אָט דער אָרגאַניזאַציע נישט אַנדערש, ווי אַרבעטער־הענקער און צוליב מער בולטקייט און אנשוילעכקייט געפינט זיך טאַקע אין זעלבן נומער אַ קינסטלערישע אילוסטראַציע, ווי אָט שטייען די סאָציאַליסטישע פירער און בויען תליות....

איר שטעלט אייך פאָר דעם איינדרוק? אָט די אַלע אַרבעטער, וואָס האָבן אָקאָרשט גערעדט מיט אַזאַ טיפן גלויבן און איבערצייגונג און מיט אַזאַ גרייטקייט אונטערצושטעלן אַן אַקסל אונטער דעם סאָוועטישן וואָגן — אָט די אַרבעטער מוזן דאָך מיטאַמאָל זיך דערפילן, ווי אויסגעלאַכטע, באַשפּיגענע, אויסגעחוזקטע! און פון וועמען? פון די, וועמען זיי האָבן אַזוי אויפריכטיק געוואָלט און ווילן נאָך איצט אויסשטרעקן אַ האַנט!...

זיינען טאַקע די דאָזיקע „תליות" אַ בויטיקער עלעמענט אין דער

דיסקוסיע מיט די סאָציאַליסטן? ניין! קאָנען די דאָזיקע „תליות" פאַרשטאַרקן די קאָמוניסטישע פּאָזיציעס? ניין! בשום אופן נישט! די דאָזיקע „תליות" קאָנען נאָר האָבן איין פּעולה: זיי פאַרסמען די נשמות סיי פון די קאָמוניסטישע אַרבעטער, וועלכע נעמען ערנסט די דאָזיקע אויסגעלאַסענע קאַריקאַטורן, סיי די נשמות פון די סאָציאַליס־טישע אַרבעטער, וועלכע פּאַסן — און מיט רעכט — אויף אַזעלכע קאַ־ריקאַטורן, ווי אַ בייזוויליקע שענדונג פון אַלץ, וואָס זיי איז טייער און הייליק.

איך ווייס דעם קאָמוניסטישן תירוץ. די „תליות" און דער גאַנצער אויסגעלאַסענער מענה לשון האָבן דען אַ שייכות צו די סאָציאַליסטישע אַרבעטער? דאָס „דעמאַסקירט" מען דאָך נאָר די פירער, כדי... ס'זאָל פאַרקערט גרינגער זיין זיך צוזאַמענצורעדן מיט די אַרבעטער!

אָבער דער תירוץ האָט פּונקט אַזאַ ממשות, ווי מען וואָלט פון צווייטן צד געענטפערט: מיר האָבן דען עפּעס צו די סאָוועטישע אַר־בעטער? מיר „דעמאַסקירן" בלויז סטאַלינען, בוכאַרינען, ריקאָוון, מאָ־לאָטאָוון, יאַראָסלאַווסקין א. אז. וו.

שוין לאַנג צייט אַ סוף צו מאַכן צו אָט דער בבא־מעשה וועגן פירער און געפירטע. פירער און אַרבעטער בילדן איין אָרגאַנישע איינ־הייט. מען קאָן דעמאַסקירן און אַרונטעררייסן אַמאָל דעם אָדער אַנדערן פירער, אויב ער פערזענלעך האָט פאַרזינדיקט קעגן דער באַוועגונג. אָבער ס'איז אַ פאַלשע און שעדלעכע איינרעדעניש אַז מען קאָן בכלל דערקלערן די פירער פאַר פאַררעטער, פאַר הענקער, פאַר פאַרקויפטע, פאַר אַרבעטער־מערדער און תליות־בויער, און גלייכצייטיק זיך „צו־זאַמענשליסן" מיט די אַרבעטער, וואָס גייען נאָך די פירער. מען קאָן נישט זיין קיין פריינט פון די סאָוועטישע אַרבעטער, אויב מען דער־קלערט זייערע פירער פאַר קאַריעריסטן, פאַר בלוט־דאָרשטיקע באַר־באַרן, פאַר אַוואַנטוריסטן — און דאָס זעלבע קאָן מען נישט זיך נאַריש מאַכן און רעדן וועגן אַן „איינהייטלעכן פראָנט" מיט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, אויב מען „דעמאַסקירט" זייערע פירער אין אויבן אָנגע־וויזענעם נוסח.

טוט מען דאָס — איז דאָס שעדיקערײַ. ווערט דאָס אַ סיסטעם — איז דאָס בכיוונדיקע, בייזוויליקע שעדיקעריי פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג, שעדיקעריי פאַר וועלכער עס קאָן נישט זיין קיין צו קאַרגע שטראָף.

* * *

איך ווייס נישט, אפשר איז עס אַ סוביעקטיווער איינדרוק (וויל דאָס אייגענע העמד איז פאָרט נאָענטער צום לייב), אָבער מיר דוכט זיך,

אַז קיין שום קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נאָך קעגן קיין שום סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי נישט גערעצט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ סאַדיזם — ווי די יידישע קאָמוניסטן קעגן בונד.

אפשר האָבן מיר דאָ אויך צו טאָן מיט אַ קאָמוניסטישער אייגנ־שאַפט, וועלכע איז „אינטערנאַציאָנאַל" לויטן תוך און „נאַציאָנאַל" לויט דער פאָרם? און דער גרילצנדיקער קוויטש, דער סאַדיזם, דאָס גיט וויסן פון קיין שום מאָס אפילו אין ליגנס — אפשר איז דאָס אַ „נאַציאָנאַלער" שטריך ספּעציעל פון די יידישע קאָמוניסטן?

און אפשר נאָגט נאָך ביי אָט די קאָמוניסטן ערגעץ טיף אין דער נשמה אַ וואָרעם פון בענקשאַפט נאָך זייער בונדישער פאַרגאַנגענהייט, און זיי מוזן דערריבער אַזוי שרייען מיט באַנומענע קולות כדי צו פאַר־שרייען דאָס בענקעניש?...

ווי עס זאָל נישט זיין — אַ פאַקט איז, אַז אין קאַמף קעגן בונד האַלטן זיך די יידישע קאָמוניסטן נישט בלויז ביים „ריטואַל", נאָר זיי „שמעלצן צו" אַ סך מער, ווי אפילו דער קאָמוניסטישער ריטואַל פאָדערט עס, אַרויסגייענדיק אַפּנים פונעם כלל: מער „פּוטער" קאָן קיינמאָל נישט שאַדן...

איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר אילוסטראַציעס צום אָקאָרשט גע־זאָגטן און ממילא אויך צום געזאָגטן אין ערשטן טייל פון אַרטיקל. איך וועל די אילוסטראַציעס כמעט נישט באַגלייטן מיט קיינע שום באַמערקונגען — ס'איז נישט נויטיק, זיי רעדן פאַר זיך אַליין גענוג קלאָר און דייטלעך.

אָט איז אַ נומער „עמעס" פון 22 נאָוועמבער. אַ קאָלאָסאַלער אַרטיקל, וואָס הייסט נישט מער און נישט ווייניקער: „דער יידישער סאָציאַל־פאַשיזם אין די פאָדערשטע (!) רייען פון דער קאָנטר־רע־וואָלוציע אין פּוילן". און אָט זענען בלומען, אָדער ריכטיקער, בעזימער פון אָט דעם אַרטיקל:

„דער סאָציאַל־פאַשיזם (בונד, פּ.פּ.ס.) זעט מיט אַלע כוחות צו באַווייזן דורך דער פּרעסע, אַז אין די פּאָגראָמען איז גאָר נישט שולדיק די מלוכה. דאָס זיינען נאָר כוליגאַנעס. דער בונד וואַשט ריין דעם פּילסודסקי־רעזשים, אַז ער איז גאָר נישט שול־דיק אין די פּאָגראָמען. דאָס איז דער אינהאַלט פון די אַרטיקלען אין פאָלקסצייטונג. דאָס איז אויך געווען דער אינהאַלט פון אַלטערס אַרויסטרעטונג אין שטאָט־ראָט וועגן די פּאָגראָמען..."

„דער בונד נעמט אָן אַלע מיטלען צו העלפן דעם פאַשיזם אין קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג..."

און כדי דערביי מקיים צו זיין די מצוה פון האַלטן די „לינקע״ סאָציאַליסטן פאַר די געפערלעכסטע שונאים בראַקט דער „עמעס״ ווייטער:

„דער בונד רוקט איצט אַרויס אין פאָדערגרונט די „לינקע״ (כמורנער) מיט זייערע באַקאַנטע אַרטיקלען, וואָס זיינען דערביי אַמשאַרפסטן געווענדעט קעגן די קאָמוניסטן...״

אָבער קעגן דעם איז אויך דאָ אַן עצה:

„די קאָמפּאַרטיי אין פּוילן פאַרשאַרפט נאָך שטאַרקער דעם קאַמף קעגן די מאַנעוורען פון די „לינקע״ ווי קעגן די געפער־לעכסטע (נאַטירלעך! — י. כ.) אין סאָציאַל־פאַשיזם...״

ווייטער:

„אין די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די אַרבעטער מיט וועלכע עס פירט אָן די קאָמפּאַרטיי, שטייט דער בונד אויף דער זייט פונעם מייסטער און פאַבריקאַנט. ער נוצט אויס „די פאָלקס־צייטונג״ כדי אָנצווייזן דער פּאָליציי, ווער עס פירט אָן מיט די שטרייקן. עס ווערט אַלץ געטאָן, כדי די שטרייקן צעברעכן און פאַרראַטן״.

און בכלל —

„די איצטיקע קאַמפּאַניע פון בונד איז ענג צונויפגעבונדן מיטן אַלגעמיינעם פאַשיסטישן אָנגריף אויפן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט״.

אפשר ווילט איר וויסן די שטעלונג פון „בונד״ צו די אַרבעט־לאָזע? טאָ הערט:

„כאַראַקטעריסטיש איז די שטעלונג פון „בונד״ אין דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיקייט. די שטעלונג פון „בונד״ אין דער פראַגע איז רופן די יידישע אַרבעטלאָזע צום קאַמף קעגן די קהילות און אונטערשטיצן די פאַשיסטישע פּראָגראַם וועגן דעם, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך טיילן מיט אַרבעט מיט די אַרבעט־לאָזע״.

אַז דער בונדישער באָיקאָט פון די קהלה־וואַלן איז נישט מער, ווי „אַ סאָציאַל־פאַשיסטישער מאַנעוור״ — וועט איר מסתמא גלויבן אָן אַ לענגערער ציטאַטע. און דאָס גלייכן ווייסט איר מסתמא, אַז —

„דער „בונד״ האָט געקעמפט פאַרן פּרעסטיזש פון דער קהלה און פון די רבנים... אין אַ גאַנצער רייע פּראָווינץ־שטעט... זעען מיר אַ וואַקסנדיקע דערנענטערונג פון בונד מיט דער יידישער בורזשואַזיע און קלער״.

איר וואַרט שוין אַוודאי מיט אומגעדולד, וואו איז די מלחמה קעגן

ראַטן־פאַרבאַנד, און דעם בונדס הכנות צו איר? זי איז דאָ. אָן דעם גייט עס נישט, ווי עס גייט נישט אַ סדר פראַוועז אָן אַן אַפיקומן, אַלזאָ:

„זיי גרייטן צו אַקטיוו זייערע מאַסן צו קעמפן קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, קעגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור אין פאַל פון אינטערווענציע".

און אַז ה' קאָסאָווסקי האָט געשריבן אַ קריטישע רעצענזיע אויפן זשורנאַל „אונזער געדאַנק", פאַרשטייט ווידער דער „עמעס" די אמתע כוונה פון אָט דעם מאַנעוור.

„דער טעאָרעטיקער פון בונד קאָסאָווסקי האָט אָבער דער־זען, אַז די אַרבעטער בונדאָווצעס רעאַגירן זייער פיינטלעך אויפן זשורנאַל פון זיין חבר, איז ער אַרויסגעטראָטן אין „פאָלקס־צייטונג" מיט אַ „קריטיק" קעגן דעם זשורנאַל און פּרוּוואָט דער־ווייזן אַבראַמאָוויטשן, אַז מען דאַרף שרייבן אין אַ ביסל אַ מער באַהאַלטענער פאָרם, נישט רעדן אַזוי אָפן, ווייל אַזוי טויג נישט. מען דאַרף דאָס טאָן אַזוי, ווי דער בונד טוט עס".

אגב, ה' קאָסאָווסקי האָט זוכה געווען, אַז מיט אים גיט זיך אָפּ אין מינסקער „אָקטיאַבר" פון 4 נאָוועמבער דער רעדאַקטאָר אַליין, דער הויכגעשעצטער ה' דונעץ, און פּאָלעמיזירט מיט אים אַוועק אויף אַ 500 געדיכטע פּעטיט־שורות. דער דאָזיקער במחילה „רעדאַקטער" האָט זיך באַליידיקט, וואָס ה' קאָסאָווסקי האַלט ניט פון זייער אופן געשיכטע שרייבן („פאָלקסצייטונג" פון 1 אָקטאָבער אין אַרטיקל: „ווי די יידישע קאָמוניסטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שרייבן געשיכטע") און ער האָט באַשלאָסן צו דערמאָנען קאָסאָווסקין „אייניקע פאַקטן" פון דעם בונדס „פּראַקטיק":

„פאַקט נומער 1. דער בונד באַטייליקט זיך אין די רעלי־גיעזע יידישע קהילות... הייסט עס.. ער העלפט אָנשלאָגן די רייף פון נאַציאָנאַלער שוואַרץ־ווייס־בלוי־רויטער אחדות."

„פאַקט נומער 2: די בונדישע פּרעסע סטאַרעט זיך איינ־פלאַנצן אַ רעליגיעז־ראָמאַנטישע באַציאונג צום יידישן יום־טוב, צום יידישן לעגענדאַרן פאָלקס־העלד. אַזוי האָט די „קליינע פאָלקסצייטונג" אין איר פּסח־נומער מיט שאָוויניסטישער זעלבסט־צופרידנקייט רעקלאַמירט דעם פאָלקס־העלד משה רבינו..."

„פאַקט נומער 3: ...מיט וואָס וועט ער (קאָסאָווסקי) פאַר־ענטפערן דעם פאַקט, וואָס אין די לעצטע ימים נוראים איז דער אָרגאַן פון צ.ק. פון „בונד" אין פּוילן, די „פאָלקסצייטונג" נישט דערשינען?..."

„פאַקט נומער 4: צווישן די ערשטע וואָס האָבן באַגריסט

— כאַטש מיט אַ פֿרומען סאָציאַליסטישן מוסר־וואָרט אויף די לעפּצן — די טעטיקייט פֿון דער אַמעריקאַנער יוגנטלעך אָרטאָדאָקסישער אָרגאַניזאַציע „יאָנג־איזראַעל״, איז געווען דער בונד אין זיין אָרגאַן פֿאַר ליטעראַטור און קולטור.

נאָך אַזאַ בינטל „אייזערנע״ פֿאַקטן רופֿט אונזער „רעדאַקטער״ אויס מיט טריומף:

„דאָס זיינען געציילטע פֿאַקטן בלויז פֿון לעצטן פּעריאָד אין דעם בונדס פּאָליטיק״.

און

„עס איז דאָך איבעריק צו גיין באַווייזן, אַז דאָ זענען נישטאָ קיין צופֿעליקייטן, אַז דאָס אַלץ דרינגט אַרויס פֿון דעם בונדס אַלגעמיינער פּאָליטיק...״

עס איז טאַקע איבעריק, און איך וועל אויך נישט פֿאַרלירן קיין איין וואָרט אויף אָפּצולייקענען די „אייזערנע״ פֿאַקטן און איך בין אויך מודה, אַז די „פֿאַקטן״ זענען נישט קיין צופֿעליקייט, נאָר זיי דרינגען אַרויס פֿון דער „אַלגעמיינער פּאָליטיק״, אָבער — פֿון דער קאָמוניסטישער „אַלגעמיינער פּאָליטיק״, פֿון וועלכער עס דרינגט אַרויס, אַז מען מעג דיכטן אַזעלכע פֿאַקטן, אַז מען מעג בראָקן שקרים, ווי אין קרויט אַריין...

* * *

ווער וועט מיר איינריידן, אַז אָט די פּערדישע פּאַרציעס ליגנס און זלזולים זיינען נויטיק פֿאַרן קיום און וואויל פֿון דער ראַטן־מאַכט? אָדער אַז זיי זיינען נויטיק פֿאַרן זיג פֿון דער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער?

ניין. קיינער וועט עס מיר נישט איינריידן, און איך וועל דאָס נישט גלויבן. פֿאַרקערט, איך בין איבערצייגט, אַז מיט אַזעלכע ליגנס און זלזולים ברענגט מען נאָר שווערן שאָדן אי דער ראַטן־מאַכט, אי דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער. מען בויט דערמיט יענע וואַנט פֿון האַס, וועלכע שטערט דעם „צוזאַמענשלוס״ צווישן דער ראַטן־מאַכט און דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג נישט אין אַ קלענערער מאָס, ווי די סאַמע ערנסטע פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות און קעגנזאַצן. און דעריבער מיין איך, אַז די, וואָס ווייזן אַרויס אַזאַ פֿלייסיקייט ביים בויען די וואַנט פֿון האַס, האָבן כשר פֿאַרדינט דעם אָנגענומענעם אין ראַטן־פֿאַרבאַנד צונאָמען: שעדיקער! שעדיקער פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג!

(„פֿאָלקסצייטונג״, דעצעמבער, 1931)

ווען די פּראַקטיק איז צעקריגט מיט דער טעאָריע

אַ באַקאַנטע מעשה:

מען פרעגט ביי אַ קינד: וועמען האָסטו מער ליב, דעם טאַטן צי די מאַמע? דאָס קינד מיניעט זיך, דרייט זיך און שטאַמלט לסוף אַרויס: ביידע מער...

דאָס קינד האָט זיך נישט אומזיסט געמיניעט און געדרייט: ס'איז אים ניט גרינג אָנגעקומען צו זאָגן דעם ליגן: „ביידע מער"...

די מעשה איז מיר געקומען אויפן זינען, בעת איך האָב געלייענט די קריטיק פונעם „פריינד" אויף מיינע אַרטיקלען וועגן דער ייד.־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד. נישט מער, מיין „פריינד" אָפּאָנענט איז שוין נישט קיין קינד, איז ער איינגעאיבט אין דער מלאכה, און ער גיט זיך **אַפילו נישט קיין קרום ביים ענטפערן — ביידע מער...**

ביידע גלייך...

„אין לעבן פון די יידישע מאַסן אין ר. פ. — זאָגט מיין אָפּאָנענט — זיינען דאָ סיי פּראָצעסן און טענדענצן, וואָס פירן צו פאַרפעסטיקן די שפּראַכלעך־קולטורעלע און נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן פון איין טייל פון די יידישע מאַסן, סיי טענדענצן, וואָס קאָנען פירן צום צונויפגיסן זיך און אַסימילירן זיך פון אַן אַנדער טייל מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג... זיינען ביידע, אַלצאיינס נאָרמאַל. פּראָגרעסיוו און באַרעכטיקט; ביידע טענדענצן דאַרפן באַקומען די מעגלעכקייט זיך פריי צו אַנטוויקלען."

אַ מאָדנע זאַך. צוויי און מער נאָך טענדענצן זיינען פאַראַן נישט נאָר אין יידישן לעבן, און בכלל נישט נאָר אין דער נאַציאָנאַלער ספערע. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון יעדן לאַנד, למשל, ראַנגלען זיך אויך פאַרשידענע און טאַקע קעגנזעצלעכע טענדענצן.

אָבער איך ווייס נישט פון אַזאַ פאַל, אַז מאַרקסיסטן זאָלן זיך באַרואיקן דערויף, וואָס זיי האָבן פעסטגעשטעלט דאָס פאַראַנען זיין פון פאַרשידענע טענדענצן, ניין, מאַרקסיסטן האָבן אַ טבע זיך דערויף נישט

צו באַרואיקן, נאָר זיי באַמיען זיך פון דעם געפּלעכט פון פאַרשידענע טענדענצן און פּראָצעסן אויסצושיילן די גענעראַלע אַנטוויקלונגס־ליניע פאַרן געגעבענעם לאַנד, פאָלק, צי פּעריאָד־צייט. און דאַן פּאַסן זיי צו אויך זייער פּראַקטישע טעטיקייט נישט בלויז צו די פאַרשיידענע „טענדענצן און פּראָצעסן", נאָר אויך און טאַקע דער עיקר צו דער גענעראַלער געשיכטלעכער ליניע פון אַנטוויקלונג.

טאָמער אָבער ווילסטו פּרובירן מיט דער זעלבער מאָס צוגיין צום יידישן לעבן און צו דער אָ. ג. יידישער אַרבעט, אַזוי ביסטו באַלד אַ פאַרפאַלענער נאַציאָנאַליסט, דו זאָרגסט וועגן „קיום האומה" א. א. וו. דו מוזט זאָגן דעם אָנגענומענעם ליגן פון „ביידע מער", אַז דיר איז אַלץ איינס נאַציאָנאַליזאַציע, צי אַסימילאַציע, ובאָכמער — אַז „די לעצטע דערשיינונג איז פונקט פון אַזאַ פּאָזיטיווער באַדייטונג, ווי די ערשטע". אַן אויסטערלישע מעשה! צוויי פּראָצעסן, וואָס איינער איז פונקט דער היפּוך פונעם צווייטן, וואָס איינער פאַרלייקנט דעם צווייטן, וואָס יעדער פון זיי פאָדערט פאַר זיין אַנטוויקלונג אַ גאַנץ אַנדערע און טאַקע בפירוש אַ קעגנזעצלעכע פּראַקטיק — און ביידע זענען גלייך „נאָרמאַל", גלייך „פּראָגרעסיוו", און האָבן די זעלבע „פּאָזיטיווע באַ־דייטונג"! און דווקא דאָס זאָל זיין עכט מאַרקסיסטיש, און יעדער פּרואוו פון אַן אַנדער צוגאַנג איז פון נאַציאָנאַליסטישן טייוול. איז עס נישט פלאי פלאים ?...

טיילן, וואָס זיינען אויסגעמישט

איין טייל, זאָגט מען אונז, נאַציאָנאַליזירט זיך, און אַ צווייטער טייל אַסימילירט זיך. ריכטיק, און עס וואָלט צו קיין שום סיכסוכים נישט געקומען, אַפילו ניט צווישן מיר און מיין „פריינד" אָפּאָנענט, ווען די דאָזיקע טיילן וואָלטן טאַקע געווען אויסגעטיילט און פונאַנ־דערגעטיילט צווישן זיך. מיר וואָלטן דאַן געוואוסט, אַז לגבי דעם טייל, וואָס נאַציאָנאַליזירט זיך, ווענדעט מען אָן 1 פּראַקטיק, לגבי דעם טייל, וואָס אַסימילירט זיך, אַ צווייטע פּראַקטיק. די צרה איז דאָך אָבער, וואָס דאָס לעבן איז קיינמאָל נישט אַזוי באַקוועם, ווי עס ווילט זיך — און אויך אין אונזער פאַל זיינען די ביידע טיילן יידישע באַפעל־קערונג אויף צו להכעיס אויסגעמישט און שטאַרק אויסגעמישט. און נאָך מער: אונזער פּראַקטישע טעטיקייט גופא דאַרף דאָך זיין איינער פון די פאַקטאָרן אויף צו געבן „ביידע טענדענצן די מעגלעכ־קייט זיך פריי צו אַנטוויקלען". טאָ ווי מאַכט מען? ווי אַרום ווייסט מען, ווען אָנצוואווענדן איין פּראַקטיק און ווען אַ צווייטע?

און די יידישע קאָמוניסטן אין ראַטן פאַרבאַנד ווייסן טאַקע נישט.

און זיי פּלאָנטערן זיך זייער שטאַרק. זיי פאַרראַטן אויף שריט און טריט זייער אייגענע טעאָריע. זייער פּראַקטיק איז שטאַרק צעקריגט מיט זייער טעאָרעטישן נייטראַליזם. זי איז ווייט נישט תּמיד אין גייסט פון „אַלצאיינס נאָרמאַל, אַלצאיינס פּראָגרעסיוו און באַרעכטיקט".

אַ מעשה מיט אַ קינדער־גאָרטן

אָט, למשל, לייענען מיר אין „עמעס" פון 9טן סעפּטעמבער הייאָר: „אין מאָסקווע האָט מען אָרגאַניזירט אַ יידישן קינדער־גאָרטן. האָט זיך די ערשטע צייט קוים איינגעגעבן אַריינצוציען ביי 20 קינדער. די מערהייט פון זיי זיינען געווען קינדער פון דעקלאַסירטע עלטערן. איצט זיינען שוין דאָ אין קינדער־גאָרטן 120 קינדער". פאַרשטיי איך נישט: אויב זיך האַלטן „ביידע טענדענצן גלייך נאָרמאַל" א. אַז. וו. — טאָ צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען גאָר פּרובירן צו אָרגאַניזירן אין מאָסקווע אַ יידישן קינדער־גאָרטן? דוכט זיך — וואו־וואו, נאָר אין מאָסקווע געפינט זיך זיכער יענער טייל, וואָס אַסימילירט זיך! וואָלטן געקומען מאָסקווער יידישע טאַטעס און מאַמעס און געבעטן זיך: גיט אונז פאַר אונזערע קינדער אַ יידישן קינדער־גאָרטן — דאַן מילא איז עפּעס אַנדערש. „ביידע טענדענצן זענען גלייך נאָרמאַל א. א. וו. אָבער לויטן „עמעס" שטעלט זיך דאָך די זאַך פאַר אַנדערש. מען האָט אָרגאַניזירט דעם יידישן קינדער־גאָרטן און מען האָט די ערשטע צייט קוים אַריינגעצויגן ביי אַ צוואַנציק קינדער. הייסט דאָס, מען האָט זיך ספּעציעל געסטאַרעט לטובת דער נאַציאָנאַליזאַציע־טענדענץ, קעגן דער טענדענץ פון אַסימילאַציע. מען איז נישט געווען נייטראַל, נאָר מען איז געווען אַ צד. און דער „עמעס" שטעמפּלט נישט די וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום קינדער־גאָרטן, אַלס נאַציאָנאַליסטן. פאַרקערט, דאָס וואָס ס'האָט זיך איינגעגעבן צו דערפירן די צאָל קינדער ביז 120 האַלט ער פאַר אַ דערגרייכונג פון דער „לענין־סטאַלינישער נאַצ־פּראַקטיק".

און דער פאַל מיטן מאָסקווער יידישן קינדער־גאָרטן איז נישט דער איינציקער. אין דער סאָוועטיש־יידישער פּרעסע וועט איר הונדערטער פאַלן געפינען, אין וועלכע עס איז לייכט פעסטצושטעלן, אַז מען האַנדלט נישט לויט דער טעאָריע פון „ביידע מער". נאָר מען נעמט באַוואוסטזיניק דעם צד פון איין טענדענץ, פון דער טענדענץ פון נאַציאָנאַליזאַציע.

דער מאַנגל אין פּלאַץ דערלויבט מיר נישט צו ברענגען אַ סך ביישפּילן פון דעם מין, אָבער כאָטש נאָך איינעם מוז איך דאָ דערמאָנען.

זארעצקי וויל יידישע געשעפט־פירונג

אין „עמעס" פון 2טן אפריל 1934 ווערט דערציילט, אז זארעצקי (א באקאנטער קאמוניסטישער יידישער פילאלאג) האט באזוכט דעם יידישן נאציאנאלן ראיאן־פריידארף (אין קרים) און ער האט געשמועסט מיטן ראיאניקן פארטיי־קאמיטעט „וועגן איבערפירן די געשעפט־פירונג אויף דער מוטער־שפראך." און דעם 23טן יולי קלאגט דער „עמעס" ווידער אויף דער „קרענק אין די נאציאנאלע ראיאנען", וואס די ארבעט ווערט נישט געפירט אויף יידיש. פרעגט זיך: וואס איז דא די קלאג? און צו וואס איז די ספעציעלע מי זארעצקיס? פון שטאנדפונקט פון „ביידע טענדענצן גלייך נארמאל" איז אוממעגלעך עס צו פארשטיין. די נאציאנאלע ראיאנען עקזיסטירן שוין נישט דאס ערשטע יאר, נאר דוכט זיך א גאנץ צענדליק יארן. און ס'איז קלאר, אז קיינער האט זיי נישט געצוואונגען צו רוסישער געשעפט־פירונג, נאר זי איז איינגעפירט געווארן גאנץ פרייוויליק. און קלאר איז אויך, אז די פראקטישע אומבאקוועמלעכקייט פון דעם, וואס די געשעפט־פירונג איז אויף רוסיש איז אויך נישט קיין מסוכנע — אלע פארשטייען פאקטיש רוסיש. טא וואס איז די קלאג? און ווידער: וואלט די איניציאטיוו צו בייטן די רוסישע געשעפטס־פירונג אויף א יידישע געקומען מצד די יידישע באפעלקערונג גופא — וואלט מען נאך ווי עס איז געקענט די זאך פארענטפערן (הגם אויך דאן וואלט מען עס לויט דער נייטראליטעט טעאריע געדארפט האלטן פאר אן אנטפלעקונג פון נאציאנאליזם). אבער די איניציאטיוו קומט דאך פון זארעצקין? און דער „עמעס" האלט זי אונטער און מיר פרעגן: וואס הייסט דאס? וואס איז פלוצים פאר א זארגן וועגן „קיום האומה"? צי איז נישט קלאר, אז זארעצקי און צוזאמען מיט אים דער „עמעס" טרעטן דא אפ פון דער טעאריע „ביידע מער" און נעמען אפן דעם צד פון איין טענדענץ קעגן דער צווייטער? זיי ווילן זיך נישט פארלאזן דערויף, וואס אין לעבן איז געשען אנדערש, און שוין יארן ווי אין די יידישע נאציאנאלע ראיאנען איז איינגעשטעלט א רוסישע געשעפט־פירונג...

מיט ווייטאגדיקן פארדרוס

אין „עמעס" פון 18טן אקטאבער געפינען מיר ווידער אן אלארם־ארטיקל פון ב. וויסמאן: „קעגן פארקריפלען די לענין־סטאלינישע נאצפאליטיק". דער ארטיקל הייבט זיך גלייך אן מיט אזא ביטערער קלאג:

„זייער אפט, צום באדויערן, דערוויסן מיר זיך מיט ווייטאגדיקן

פאַרדרוס וועגן דעם, אַז אין דעם אָדער יענעם שטעטל זשאַווערט שוין אַ לענגערע צייט אַ הענג שלאָס אויפן יידישן קלוב, לייען־שטיבל א. אנד. אַז דאָ און דאָרט איז דער אָדער יענער קולטור־אַנשטאַלט פאַרוואַנדלט אין אַ שיט־פונקט אָדער ער ווערט אויסגענוצט צוליב פאַרשידענע צוועקן. דערביי פאַרענטפערן די אַרטיקע שטעטלדיקע טוער די ראָזיקע שענדלעכע דערשיינונג מיט פאַרשידענע „אָביעקטיווע" סיבות, אַממערסטן גילט דער מאָטיוו — אַז מען דאַרף כלומרשט נישט נויטיק דעם אָדער יענעם קולטור־אַנשטאַלט".

ס'איז גענוג, דאַכט זיך, בלויז די עטלעכע געבראַכטע שורות, כדי צו זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט: ניין! דער מחבר פון אָט דעם „וויטאָגדיקן פאַרדרוס" איז נישט ביטראַל. עס טוט אים טאַקע וויי. און ער וויל נישט גלויבן די אָרטיקע טוער, וועלכע פאַררופן זיך אויף „אָביעקטיווע סיבות", אַז מען דאַרף נישט די יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן זיי. „אָביעקטיווע" נעמט ווייסמאַן אין גענזנפיסלעך — פאַר אים איז די אָביעקטיווקייט פון אָט די „אָביעקטיווע סיבות" קנאַפ וואָס איבערציִיגנדיק. ער רעכנט ווייטער אויס אַ גאַנץ צעטל פאַקטן: ווי מען באַזאָרגט שלעכט די פאַרשפרייטונג פון יידישן בוך, ווייל „אויפן נאַצמינדישן בוך איז כלומרשט נישטאָ קיין שום נאָכפראַגע; ווי אויף קיעווער אונטערנעמונגען, וואו עס אַרבעטן אין די טויזנטער יידישע אַרבעטער, ווערט קיין שום אַרבעט נישט געפירט אויף יידיש. (די יידישע גרופעס, וואָס זענען געווען אין דער סיסטעם פון אוקשוויי־טרעסט און לעדער־טרעסט זיינען שוין אין גאַנצן ליקווידירט געוואָרן"); ווי אין קיעווער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט מען, נאָך אַ דערמאָנונג פון צ.ק., זיך גענומען פלייסיק שאַפן אַ נעץ אַנשטאַלטן פאַר פאַרטיי־בילדונג, נאָר כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין די נאַצמינדישע פאַרטיי־שולן, האָבן די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון די אונטערנעמונגען און די ראַיפאַרטקאָמען פאַרגעסן". און נאָך און נאָך. און דער מחבר וויל נישט זיך באַפרידיקן מיט דער דערקלערונג, אַז מסתמא קומט אין די אַלע פאַקטן צום אויסדרוק די טענדענץ פון אַסימילאַציע, וועלכע איז דאָך גלייך „נאָרמאַל", „פּראָגרעסיוו", און „באַרעכטיקט". ניין, אָשטאָט דעם האַלט ער, אַז דער „אָפּאָרטוניסטישער קוק אויף דער נאַצמינדישער קולטור בויאונג (אין געגעבענעם פאַל מיינען מיר נאָר דעם יידישן סעקטאָר) איז נאָך פעסט איינגעוואָרצלט ביי אַ סך טוער", אַז נאָר „אָפּאָרטוניסטישער גלייכגילט, געקויפלט אויף לינקאַטשישקייט — דאָס איז די גרונט־סיבה פון אָט דעם דורכרייס אויפן פראָנט פון נאַצמינדישער קולטור־בויאונג."

ער שעמט זיך נישט צו שרייבן:

„די קולטור טוער” פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען וועלן זינגען דאָס אַלטע אויסגעדראָשענע לידל, אַז די יידישע אַרבעטער פון זייערע זאַוואָדן פאַרשטייען כלומרשט נישט קיין יידיש און זיי זיינען געשטימט קעגן יידיש, נאָר דאָס זיינען דאָך פוילע תירוצים...”

די „שער” צווישן טעאָריע און פּראַקטיק

נישט זאַרעצקי און נישט ווייסמאַן און נישט די רעדאַקציע פון „עמעס” גייען אין זייערע אַרויסטרעטונגען געוויס נישט אַרויס פון דער זאָרג וועגן „קיום האומה” (זיי וועט דער „פריינד” אַליין אויך נישט חושד זיין...), נאָר גאָר פּשוט: איז דער פּראַקטישער טעטיקייט קאָן מען נישט אויסקומען מיט דער טעאָריע וועגן „ביידע טענדענצן גלייך נאָרמאַל”, מען מוז אויסקלייבן, מען מוז שטיצן איין טענדענץ אָדער די צווייטע.

און דעריבער איז אַזאַ שרייענדיקע „שער” צווישן דער טעאָריע פון די יידישע קאָמוניסטן אין ר. פ. און צווישן זייער פּראַקטיק צום שאָדן אי פון דער טעאָריע, און אי פון דער פּראַקטיק. ווייל — פּראַקטיק אָן טעאָריע איז בלינד, און טעאָריע, וואָס איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער פּראַקטיק, איז פּרוכטלאָז...

צי האָב איך צוגעפּוצט, אָדער מיין קריטיקער האָט נישט פאַרשטאַנען?

איך האָב געשריבן, אַז ווען מען שטודירט די ייד.־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד, איבערצייגט מען זיך, אַז „אויטאָנאָמיזם איז גאָר נישט סעפּאַראַטיזם, שאָוויניזם א. אז. וו., נאָר אַז דאָס איז דער איינציק ריכטיקער פּרינציפּ, לויט וועלכן עס דאַרף געפירט ווערן ייד.־אַרבעט”, אַז אויטאָנאָמיזם איז די מאָס זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָן וועלכער קיין שום אַרבעט קאָן נישט רעכענען אויף געהעריקן דערפאָלג”.

קומט מיין קריטיקער און ווייזט מיר „פריינדלעך”, אַז איך האָב אַ קליין ביסל דעם בונדישן אויטאָנאָמיזם... צוגעפּוצט, „אויטאָנאָמיזם באַדייט גאָר נישט דאָס, אַז די יידישע מאַסן זאָלן זיין מיטבאַטייליקט (ריכטיקער הויפּט־באַטייליקט) אין לייזן זייערע פּראָבלעמען, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. אויטאָנאָמיזם באַדייט, אַז אַ רייע פראַגן (לאָמיר זאָגן ווי דער „בונד” האַלט, קולטורעלע), ווערן אויסגעטיילט פון דער סומע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן דורך דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און מלוכה און ווערן איבערגעגעבן אין אַרענדע בלויז דער אַנטשפּרעכנדיקער נאַציע, אַלס אויטאָנאָמע זאַך, וואָס נאָר זי גייט אָן”. און דאַן קומט שוין דער יהי רצון וועגן סעפּאַראַטיזם און נאַציאָנאַליזם.

טאָ זאָל אויך מיין קריטיקער מיר מוחל זיין, ווען איך וועל זאָגן אַז נישט איך האָב אַ קליין ביסל צוגעפּוצט, נאָר ער האָט אַ... היפּש

ביסל נישט פאַרשטאַנען דעם ענין, וועגן וועלכן ער האָט זיך אונטערגענומען צו ריידן: ער מישט צונויף „אויטאָנאָמיזם" מיט „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע", אמת זיין קריטיק פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז אויך אַ פאַלשע, אַ גרונטלאָזע. אָבער דאָ קאָן איך לאָזן אָפּ די קריטיק אָן אַן ענטפער, ווייל איך האָב אין מיינע אַרטיקלען גערעדט נישט וועגן נאַצ. קולטורעלער־אויטאָנאָמיע, נאָר בלויז וועגן אויטאָנאָמיזם, און דאָס זיינען הגם קרובהשע, אָבער פאָרט גאַנץ פאַרשידענע זאַכן. נעמלעך:

וואָס אַזוינס איז אויטאָנאָמיזם?

דער פּרינציפּ אויטאָנאָמיזם באַשטייט אין דער אנערקענונג פון דעם גרונט־געדאַנק, אַז דאָס לעבן פון דער יידישער מאַסע איז אַזוי צו זאָגן אויטאָנאָם. עס האָט זיך זיינע באַזונדערקייטן און אייגנטימלעכקייטן, וואָס שיידן עס אונטער פון דעם לעבן פון דער רוסישער, אוקראַינישער, פוילישער א. ד. גל. מאַסע. עס איז אַן אונטערשיד נישט נאָר אין דער שפּראַך. „מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פאַרשידענע היסטאָרישע באַדינגונגען, נויטן און באַדערפעונישן, מיט נאַציאָנאַל־היסטאָרישע אייגנטימלעכקייטן, וואָס קומען צום אויסדרוק אויף פאַרשידענע געביטן, אויף די פאַרשידנסטע אופנים" (פון מיין אַרטיקל פון 14טן סעפּטעמבער). צווישן די פאַרשידנסטע נאַציאָנאַלע סביבות, זאָג איך ווייטער אין ציטירטן אַרטיקל, איז נישט קיין כינעזישע מויער. צווישן זיי זיינען זייער אַ סך, גאָר אַ סך באַריר־פּונקטן, און זיי „געפינען זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אין איין לאַנד־פּאַרטיי"*) און אין אַלגעמיין־מלוכהשע פּאַראַוולטונגס־קערפּערשאַפטן, וועלכע באַדינען די גאַנצע באַפעלקערונג. אָבער די אונטערשייד־פּונקטן מוזן אויך געפינען זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק... כדי צוועקמעסיקער און דערפאָלגרייכער באַדינען יעדע באַזונדערע נאַציאָנאַלע סביבה".

דאָס איז דער פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיזם. מען קאָן אים אָנווענדן קאָנסעקווענט און אין דער פולער מאָס, און מען קאָן אים אָנווענדן נאָר פון פאַל צו פאַל — נישט באַוואוסטזיניק און נישט סיסטעמאַטיש. אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד שאַפט מען די אָדער אַנדערע אויטאָנאָמע, ד. ה. באַזונדערע קערפּערשאַפטן אויף צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג (געזערד, געזקולט א. ד. גל.), אָבער דאָס ווערט געטאָן אין סדר פון

---

*) און נישט ווי מיין קריטיקער וויל מיר אונטעררוקן — „אַ באַזונדערע סעפּאַראַטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי".

בלינדער פראַקטיק, ריין עמפּיריש, אָן אַ געהעריקן פּרינציפּיעלן יסוד און צוגאַנג.

אָט וועגן דעם האָב איך געשריבן אין מיינע אַרטיקלען איבער דער ייד־אַרבעט און נאָר — וועגן דעם.

און וואָס אַזוינס איז נאַצ. קולטורעלע אויטאָנאָמיע?

נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אָבער איז גאָר אַן אַנדערע זאַך. דאָס איז אַ באַשטימטע, אַ קאָנקרעטע פאָרם פון אויטאָנאָמיזם אין זיין אָנווענדונג צו דער בירגערלעך־דעמאָקראַטישער מלוכה. דאָס איז אַ באַשטימטע מלוכהשע פאָרם, אַ פאָרם פון מלוכהשער איינאָרדע־נונג אין אַ באַשטימטן פּעריאָד צייט. מען קאָן נישט זיין קיין קעגנער פון אויטאָנאָמיזם און אַן אָנהענגער פון נאַצ. קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אָבער פאַרקערט יאָ: מען קאָן האַלטן נאַצ. קולט. אויטאָנאָמיע אַפילו פאַר אַ פאַלשן, פאַר אַ שעדלעכן לאָזונג — און בלייבן אַן אָנהענגער פונעם פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיזם.

אַמאָל האָט דער לאָזונג געטויגט, היינט נישט

לאָמיר ביי דער געלעגנהייט שוין זאָגן אַז איך גופא האַלט דעם לאָזונג פון נאַצ. קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר נישט צוגעפּאַסט מער צו די באַדינגונגען פון אונזער צייט. פאַר דער מלחמה האָבן זיך אַלע אָן אויסנאַם סאָציאַליסטישע פאַרטייען גערעכנט מיט דער פּערספּעק־טיוו פון אַ לאַנג דויערנדיקער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונגס־פאַזע פון דער בירגערלעכער מלוכה. מען האָט זיך דעריבער באַמיט, וואָס דעמאָקראַטישער אויסצובויען און געשטאַלטן די פאַרשידענע זייטן פון דער מלוכה־אָרדענונג, די פאַרשידענע טיילן פונעם מלוכהשן אַפּאַראַט. נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַציאָנס־מיטלען אויף צו באַוואָרענען אַ וואָס נאָרמאַלערע, דעמאָקראַטישערע געשטאַלטונג פון די צווישן־נאַציאָנאַלע באַציאונגען אין די ראַמען פון דער מלוכה. און בשעתו איז אָט דער לאָזונג געווען באַגרינדעט און באַרעכטיקט.

אָבער היינט איז ער עס נישט מער. די בירגערלעכע מלוכה האַלט איצט נישט אין פאָרן אויפן דעמאָקראַטישן יאַריד, נאָר — זי פאָרט אומעטום (וואו שנעלער, וואו לאַנגזאַמער) צוריק, פונעם דעמאָקראַטישן יאַריד. די דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונגס־פאַזע האַלט ביי גסיסה. אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער געשיכטע שטייט איצט אין דער גאַנצער וועלט: קאַפּיטאַליסטיש־פאַשיסטישע מלוכה, אָדער פּראָלעטאַרישע מלוכה. ממילא, איז מער קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר לאָזונגען, וואָס האָבן

אַלס ציל צו פאַרפולקאָמען דעם דעמאָקראַטישן בוי פון דער מלוכה. צו דער פאַשיסטישער מלוכה איז נישט שייך צו קומען מיט אַזאַ לאָזונג — די דאָזיקע מלוכה־מאַשין דאַרף מען נישט פונאַנדערבויען און פאַרפולקאָמען, נאָר... איינגאַנצן באַזייטיקן. און וואָס איז שייך די פּראָלעטאַרישע מלוכה, איז זי אַזוי גרונט אַנדערש אין פאַרגלייך מיט דער בירגערלעך־דעמאָקראַטישער מלוכה, אַז מעכאַניש אַריבערטראָגן אויף איר דעם לאָזונג פון נאַצ. קולטורעלער אויטאָנאָמיע קאָן מען אַוודאי נישט.

אַלזאָ — מען דאַרף אַראָפּנעמען, צוליב די געענדערטע באַדינגונגען, דעם לאָזונג פון נאַצ. קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אָבער עס בלייבט אין זיין פולער קראַפט דער פּרינציפּ גופא פון אויטאָנאָמיזם.

מיין קריטיקער פון „פריינד" האָט נישט באַנומען דעם אונטערשייד צווישן די צוויי באַגריפן — אויטאָנאָמיזם און נאַצ. קולט. אויטאָנאָמיע — און ממילא טרעפט זיין קריטיק אין... פוסטן חלל אַריין.

(„נייע פאָלקסצייטונג", 16 נאָוועמבער, 1934)

פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן, באַנד I, 252 זייטן	$ 2.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד II, 318 זייטן	2.50
י. י. טרונק — פוילן, באַנד III, 288 זייטן	2.50
י. י. טרונק — פוילן, באַנד IV, 304 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער	3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד V, 308 זייטן	3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד VI, 244 זייטן טעקסט, 4 זייטן בילדער	3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד VII, 280 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער	3.00
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער	3.50
י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן	3.00
י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער	1.50
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, 504 זייטן טעקסט, 32 זייטן בילדער	4.00
לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 זייטן טעקסט, 38 בילדער	2.50
זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער	3.00
בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, 500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער	3.50
די יידן אין פוילן (א. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי, וו. שולמאַן) 920 שפּאַלטן פון גרויסן פאָרמאַט	5.00
אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער	3.00
אין די יאָרן פון יידישן חורבן — די שטים פון אונטער־ערדישן בונד, 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער	3.00
וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער	2.00
שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער	3.50
ערליך־אַלטער־בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער	4.00
מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן	3.00
דורות בונדיסטן — ערשטער באַנד 480 זייטן טעקסט, 79 בילדער; צווייטער באַנד 528 זייטן טעקסט, 177 בילדער — צוזאַמען	10.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y., U. S. A.